STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01000

FUN BEYDE ZAYTN PLOYT

Max Weinreich

Permanent preservation of this book was made possible
by Shulamis Levin Friedman & Herbert Group

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַקס ווײַנרייך

פֿון ביידע זייטן פּלויט

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

116

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פֿאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון די דערשינענע בענד — צום סוף פונעם ב

מאַקס ווײַנרײַך

פון בײדע זײַטן פּלויט

דאָס שטורעמדיקע לעבן
פון אורי קאָוונערן, דעם ניהיליסט

*

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פֿאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע
בועניאָס־איירעס, 1955 — תשט״ז

Copyright 1955 by MAX WEINREICH, New York

אַלע רעכט, אַריינגערעכנט דאָס רעכט פון פּראָדוצירן גאַנץ
אָדער טיילווייז, אויף וועלכן עס איז אופן, געהערן צום מחבר.

דרוקעריי ברידער זלאָטאָפּיוראָ — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס-איירעס.

אינהאַלט:

I אויף די שמאָלע גאַסן

די קרימינעלע־סענסאַציע 9. — די משפחה 13. — דער פעטער מרדכי־לייזער 15. — די קינדערשע יאָרן 20. — דער פעטער הערץ 22. — די ראַבינער־שול אין ווילנע 24. — אורי קאָוונער אין דער ראַבינער־שול 30. — אַרויס פון דער ראַבינער־שול 32. — אין דער מורער ישיבה 35. — אין אַ שטעטלשן בית־מדרש 38. — אַ קלויזניק פּאַרקוקט זיך אויף יענער זייט פּלויט 41. — כאַפּערס אויף די ווילנער גאַסן 44. — דער חתן־בחור טרוימט וועגן שרייבעריי 46. — „די וועסנעצייט" 49. — זעעניש און תנאים 52. — קאָוונער האָט חתונה 54. — רוסישער פּאַטריאָטיזם ביי ווילנער יידן 59. — יאָ אַנטלויפן ניט אַנטלויפן 62. — קאָוונער טראַגט זיך אָפּ פון דער היים 66. — דער ווייטער וועג קיין קיעוו 69. — דער שרייבערישער דעביוט 71.

II זוכנדיק די ברייטע וועלט

צווישן די יידישע סטודענטן אין קיעוו 77. — אויפן שוועל פון אוניווערסיטעט 79. — קאָוונערן ציט צום המליץ 82. — די ערשטע צוויי קריטישע אַרטיקלען 84. — אַ משומד וואָס וויל פרומע יידישקייט 89. — די ווענדונג פונעם גענעראַל־גובערנאַטאָר 91. — ערב דעם ערשטן ביכל — אָפּגעגט 92. — דאָס ערשטע ביכל — דער שטורעם 97. — די קאָוונער־יאָרן אין דער העברעישער ליטעראַטור 102. — קאָוונער שרייבט אַ דאָנאָס 110. — קאָוונער און פּאַפּירנאָ 111. — דער לעצטער בוקעט 115. — צעדערבוים רעכנט זיך אָפּ — קאָרעספּאָנדענץ מיט י. ל. גאָרדאָנען 119. — מיטאַרבעט אין אָרשאַנסקיס וואָכנבלאַט 125. — קאָוונער מענדעלעס אַ לערער? 126. — אַ רוסישער זשורנאַליסט אין פּעטערבורג 128. — די הייַנטצייטיקע העברעישע בעלעטריסטיק 132. — רוסישקייט פון דרויסן 138. — קאָוונער קעגן דאָסטאָיעווסקין 140. — ביי זאַקן אין באַנק 143. — דער אויסטערלישער באַשלוס: פּאַרברעך לשם מיצווה 147. — די גנבה און דער אַרעסט 151. — דער פּראָצעס — אין טורמע 157. — קאָרעספּאָנדענץ מיט דאָסטאָיעווסקין — קיין סיביר 163.

III פאַרבלאָנדזשעט

חתונה און שמד — פון אָמסק קיין לאָמזע 173. — דער מעמאָראַנדום צו מוראַוויאָוון 176. — באַגעגעניש מיט פּאַפּירנאָן אין פּלאָצק 177. — דער משומד מאָנט גלייכע רעכט פאַר יידן 179. — טאַטע און זון 183. — קאָוונער שרייבט צום לעצטן מאָל העברעיש 184. — קאָרעספּאָנדענץ מיט ראָזאַנאָוון 187. — פאַרשיידענע טעמעס אין די בריוו 192. — יידישקייט און יידן 194. — דער קעשענעווער פּאָגראָם 199. — אויסלאָז 201.

הוספות

I רעצענזיע אויף ש. י. אַבראַמאָוויטשעס האבות והבנים אין ל. בינשטאָקס רוסישער באַאַרבעטונג 207. — II אורי קאָוונער צו י. ל. גאָרדאָנען 216. — III שוואַרצשריפט פון י. ל. גאָרדאָנס ענטפער אורי קאָוונערן 218. — IV אורי קאָוונער צו י. ל. גאָרדאָנען 221. — V אויסשפּראַך פון העברעישע נעמען פון אויסגאַבעס און אינסטיטוציעס, וואָס באַגעגענען זיך אין טעקסט 231. — VI דין וחשבון וועגן מעטאָד און מקורים 233.

I

אויף די שמאָלע גאַסן

3.000 רובל באַלוינונג

די מאָסקווער פּריוואַט־באַנק (סוחרים־באַנק) אין מאָסקווע לאָזט וויסן, אַז צוויי פאַרשווינען האָבן זי באַגנבעט אויף דער סומע פון 168 טויזנט רובל. די שולדיקע, ביידע יידן, הייסן:

אַלבערט קאָוונער און הערץ באַיאַרין

קאָוונער איז יונג, גראָבלעך, מיט רויטלעכע וואָנצעס, מיט אַ פול, רויטלעך פּנים און מיט אַ שפּאַלט צווישן די ביידע אייבערשטע ציין. באַיאַרין איז אַלט 45 יאָר, מיט אַ לענגלעך פּנים, מיט אַ רויטלעכער באָרד וואָס כאַפּט שוין ווערן גרוי.

די מאָסקווער סוחרים־באַנק באַשטימט 3.000 רובל באַלוינונג פאַר געפינען די אַנטלאָפענע און בעט צושיקן אַלע אינפאָרמאַציעס וואָס זיינען שייך דעם ענין צום קיניגלעך פּרייסישן פּאָליציי־אַמט אין בערלין.

מאָסקווע, דעם 13טן מיי 1875.

3000 Rubel Belohnung.

Bild des Albert Kowner.

Die Moskowische Privat-Bank (Kaufmanns-Bank) zu **Moskau** theilt mit, daß sie von 2 Individuen um die Summe von 168,000 Rubel in Banknoten bestohlen worden ist. Die Thäter, jüdischer Religion, heißen:

Albert Kowner
und
Herz Bujarin.

Ersterer ist jung, corpulenter und untersetzter Figur, mit röthlichem Schnurrbart, kleiner Espagniole, vollem röthlichen Gesicht und einer Spalte zwischen den beiden oberen Vorder-Zähnen. **Bujarin** ist 45 Jahre alt, von länglicher Gesichtsbildung, mit röthlichem, in's Graue schimmerndem Barte.

Die Moskauer Kaufmannsbank setzt für Entdeckung der beschriebenen Flüchtlinge **3000 Rubel Belohnung** aus und bittet, alle den Fall betreffenden Nachrichten an die Königl. Preußische Polizei-Behörde in **Berlin** zu richten.

Moskau, den 1./13. Mai 1875.

Zündhölzer!

Eine sehr leistungsfähige Zündholz-Fabrik sucht Abnehmer resp. Agenten und erbittet Offerten **sub Chiffre Sch. 159** an die Ann.-Exp. v. **Rudolf Mosse in Frankfurt a/M.**
Billigste Preise resp. höchste Provisionen gesichert.

Lampen-Branche.

Eine deutsche Firma in **London**, bei den **ersten Häusern Grossbritanniens** in dieser Branche bestens eingeführt, wünscht noch einige Vertretungen leistungsfähiger **Fabrikanten aller** in dieses Fach **einschlagenden Artikel.** Prima-Referenzen. Gefl. Off. **sub F. V. 1180** bef. **Rudolf Mosse, Berlin W.**

Ein Rittergut

von 1250 Morgen, sehr schönem Acker und Wiesen, ist unter günstigen Umständen und geringer Anzahlung zu verkaufen.
Adressen sub J. Z. 5186 befördert **Rudolf Mosse** in **Berlin SW.**

Mariages.

Nicht anonyme Schreiben von Cavalieren und Damen **sub D. 1301** an **Rudolf Mosse** in **Dresden.**

Officiere

erhalten sofort Darlehne unter soliden Bedingungen direct vom Geldgeber. Adr. **F. U. 1079** befördert **Rudolf Mosse in Berlin W.**

Kauf oder Pachtung gesucht.

Ein mit einem guten und ausreichenden Viehbestande versehenes Landgut, das, bei günstigem Wiesen-Verhältniß, mindestens 800 Morgen gutes Ackerland unter dem Pflug hat, und mit einer baaren Anzahlung von 10,000 Thlr. übernommen werden kann, wird zu kaufen oder zu pachten gesucht. Offerten mit ausführlicher Gutsbeschreibung befördert **sub J. F. 5015 Rudolf Mosse, Berlin SW.**

In einer größeren Provinzialstadt ist ein

דער דייטשער יאַגבריוו נאָך קאָוונערן.

אַט די מודעה האָט זיך דעם 23טן מיי 1875 באַוויזן אין עטלעכע בערלינער צייטונגען, צוזאַמען מיט אַ בילד פון אַלבערט קאָוונערן.

עס איז קיין ווונדער ניט, וואָס די מאָסקווער באַנק האָט זיך געווענדט אַזש צו דער פּרייסישער פּאָליציי. 168 טויזנט רובל גייען ניט צו פּוס, און עס האָט זיך געלייגט אויפן שכל, אַז די שולדיקע וועלן זען וואָס גיכער צו אַנטלויפן פון מאָסקווע קיין אויסלאַנד. מען האָט אַפילו אין בערלין אַרעסטירט אַ יידן וואָס מען האָט אָנגענומען פאַר קאָוונערן לויט דער ענלעכקייט מיטן אָפּגעדרוקטן בילד. אָבער עס איז געווען אַ טעות פון אַ דייטש וואָס האָט זיך געיאָגט נאָך דער פּרעמיע, ווייל נאָך איידער די מעלדונג פון דער קרימינעלער פּאָליציי איז געווען געדרוקט אין די בערלינער בלעטער האָט מען שוין קאָוונערן געהאַט געפּאַקט אין קיעוו. באַיאַרין איז טאַקע ווי אין וואַסער אַריין, אָבער אין אים האָט מען פאַרגעסן. די סענסאַציע האָט געשטעקט ניט אין אים, נאָר אין זיין שותף.

גאַנץ רוסלאַנד האָט יעמאָלט געקלונגען מיט דער געשיכטע. די קיעווער צייטונגען האָבן געדרוקט וועגן דעם גאַנצע ביילאַגעס. די צייטונגען אין מאָסקווע און פּעטערבורג האָבן דאָס איבערגעדרוקט און צוגעגעבן באַריכטן פון זייערע אייגענע קאָרעספּאָנדענטן און געשריבן אַרטיקלען וועגן דעם ענין. אַזוי האָט זיך געצויגן וואָכן, ביז וואַנען עס איז אין מאָסקווע פאָרגעקומען דער מישפּט, און נאָך דעם האָט מען נאָך אויך לאַנג גערעדט וועגן דעם.

די קאָכעניש האָט זיך גענומען ניט נאָר פון דעם וואָס די סומע פון דער גנבה איז געווען אַזאַ גרויסע — אין יענער צייט האָט מען דאָך פאַר אַ סענט געקאָנט קויפן מער ווי היינט פאַר צען. דאָס וואָס רוסלאַנד איז געווען אַ שטיל, פאַרשלאָפן לאַנד איז אויך נאָך ניט קיין פולע דערקלערונג אויף דעם פאַקט, וואָס מען האָט זיך אַזוי אָנגעכאַפּט אין דער סענסאַציע. ווען דער צווייטער שותף אין דער גנבה וואָלט אויך געווען עפּעס אַ באַיאַרין, וואָס ניט מען קען אים און ניט מען ווייסט אים, וואָלט די מעשה קיינעם ניט אָנגעגאַנגען אַזוי שטאַרק. אָבער דאָ איז געווען פאַרמישט דער נאָמען קאָוונער, און דאָס איז שוין געווען גאָר עפּעס אַנדערש.

קאָונער איז געווען ניט סתם אַזוי אַ טשעקפּעלשער, נאָר אַ שרײַבער. ער האָט שוין געהאַט באַוויזן צו ווערן באַרימט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור און נישקשהדיק באַקאַנט אין דער רוסישער זשורנאַליסטישער וועלט. איז עס הייסט עס געווען ניט נאָר אַ קרימינעלע סענסאַציע, נאָר אויך אַ ליטעראַרישע. פֿאַר די רעאַקציאָנערע רוסישע בלעטער איז נאָך צוגעקומען די אַנטי־ייִדישע סענסאַציע, און מען האָט זיך פּאַסמאַקעוועט: זעט נאָר אָט דעם ייִד דעם שרײַבער וואָס האָט אונדז אין די ליבעראַלע צײַטונגען געזאָגט מוסר און געלערנט דרך־ארץ: אַצינד זעט איר שוין, אויף וואָס ייִדן זײַנען פֿעיִק.

די געשיכטע מיטן פֿאַלשן טשעק איז ניט געווען די ערשטע סענסאַציע וואָס האָט צוגעצויגן צו קאָונערן אַ ברייטן אינטערעס. פֿאַראַן אַזאַ סאָרט מענטשן, וואָס יעדער אַרויסטריט זייערער רופֿט אַרויס אַ טומל. זיי קענען ניט דורכגיין פֿאַרביי מענטשן, זיי זאָלן דעם ניט אַ שטופּ טאָן און יענעם ניט פֿאַרטשעפּען. אָט אַזאַ איז געווען קאָונער. זײַנע ערשטע אַרטיקלען אין העברעיִש, מיט אַ צען יאָר פֿריִער פֿאַר דער גנבה, האָבן אויפֿגעריסן ווי אַ באָמבע. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט ער גענומען שרײַבן אַרטיקלען אויף רוסיש, האָט דאָס ווידער געבראַכט צו פֿאַרביטערונג בײַ מענטשן. דאָס ווײַזט אונדז, אַז קאָונער איז ניט געווען אַבי ווער. ער איז געווען אַן אינטערעסאַנטע און קאַלירפֿולע פּערזענלעכקייט, און געשריבן האָט ער וועגן גאָר־גאָר וויכטיקע זאַכן. עס איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס מען האָט אויף אים געהאַלטן אָנגעשטעלט אויגן און אויערן. ווען מען זאָל צונויפֿנעמען אין איינעם אַלע אַרטיקלען וואָס ער האָט געשריבן וועלן זיך אָנקלײַבן עטלעכע הונדערט זײַטלעך: וועגן אים האָט מען געשריבן אַסך מער. אָבער הײַנט קענען מיר זען קאָונערן און זײַן גאַנצע עפּאָכע אין אַ נײַער שײַן. פֿון דער וועלט ווו ער איז געבוירן געוואָרן און אויפֿגעוואַקסן איז שוין קיין סימן ניט געבליבן. אין די דערוואַקסענע יאָרן האָט ער זיך געקענט און געקריגט מיט מענטשן וואָס זײַנען געשטאַנען אויבן אָן אין אונדזער ליטעראַטור און אין אונדזער געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, און אין דער ניט־ייִדישער געזעלשאַפֿט איז זײַן נאָמען אויך געקניפּט מיט גרויסע נעמען. מיר וועלן

דעריבער פרווון אויסמאָלן קאָוונערס גאַנצע פּערזענלעכקייט, פון זיינע קינדערשע איבערלעבונגען אָן, אויפן הינטערגרונט פון זיין צייט.

אין דער מעלדונג פון דער בערלינער פּאָליציי, האָבן מיר געזען, האָט מען קאָוונערן אָנגערופן אַלבערט. ניט דאָס איז געווען דער נאָמען וואָס מען האָט אים געגעבן קינדווייז. אַברהם־אורי האָט מען אים אָנגערופן ביים ברית, און אין שטוב האָט ער געהייסן פּשוט אורקע. אויף אַלבערט האָט ער זיך איבערגעמאַכט שפּעטער, ווען ער איז שוין געשטאַנען, ווי ער אַליין האָט דאָס אָנגערופן, „אויף דער הייך פון דער אייראָפּעיִשער קולטור״: פאַר אַן אינטעליגענט האָט דעמאָלט ניט געפּאַסט צו האָבן אַ פּראָסטן יידישן נאָמען.

די משפחה

קאָוונער איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע מיט העכער הונדערט יאָר צוריק, אין 1842. מיט יאָרן שפּעטער האָט ער אין אַ רוסישן היסטאָרישן זשורנאַל אָפּגעדרוקט זכרונות פון זיינע קינדערשע יאָרן. דער ערשטער פאַקט וואָס איז אים געבליבן אין זכרון, דערציילט ער, איז געווען ניט קיין פריילעכער. ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר פיר. דער טאַטע האָט אָנגעווירן אין גאַס פיר רובל. דאָס איז געווען אַ גרויס אומגליק פאַר דער גאַנצער משפחה. דער טאַטע האָט עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד געוויינט מיט ביטערע טרערן און איז אַלץ געגאַנגען זוכן, טאָמער וועט ער פאָרט געפינען דאָס געלט. די מאַמע איז געווען שוויגעוודיק פאַר־בייזט. די קינדער זיינען געקראָכן אין די ווינקעלעך און געציטערט, זיי זאָלן ניט כאַפּן קיין פּאַטש. דערפון קען מען שוין פאַרשטיין, אַז קיין גבירים זיינען די קאָוונערס ניט געווען.

ווייטער ווערן מיר געוויר פון די זכרונות:

אוריס טאַטע איז דעמאָלט אַלט געווען 28 יאָר. הירש קאָוונער האָט ער געהייסן. ער איז געווען אַ מיטלוווקסיקער, זייער אַ דאַרער. זיין פּנים איז געווען איידל און רעגלמעסיק, און ווען ניט זיינע אויגן, וואָלט מען געקאָנט זאָגן, אַז ער איז אַ שיינער. אָבער פון קורצזיכטיקייט האָט ער בסדר געקנייטשט דעם שטערן און געפינטלט מיט די אויגן, און דאָס האָט איבערגעפירט דעם איינדרוק.

די מוטער איז געווען מיט אַ יאָר פֿינף יינגער פֿאַרן מאַן. זי איז געווען אַ קורצינקע, אַ גראָבינקע, מיט שאַרפֿע אויגן. אָבער עס האָט אַרויסגעקוקט פֿון זיי ניט נאָר שׂכל, נאָר אויך בייזקייט. שטענדיק האָט זי געהאַט טענות צו עמעצן אָדער צו עפּעס. קיין סטוסאַקעס די קינדער האָט זי ניט געזשאַלעוועט, און דער מאַן איז אויך געווען ביי איר אונ־טערן קנאַפּל. די רוויטע האָר האָט אורי אַ פּנים געירשנט פֿון איר.

זי האָט חתונה געהאַט צו דרייצן יאָר. דער באַשערטער אירער האָט ביי זיינע אַכצן יאָר שוין געהאַט באַוויזן צו באַגראָבן איין ווייב ביי דער ערשטער רוסישער כאָליערע אין 1831. מיט דער ערשטער ווייב האָט ער קיין קינדער ניט געהאַט, אָבער דערפֿאַר איז געווען געבענטשט דער צווייטער זיווג. אונדזער אַברהם־אורי איז געווען דאָס דריטע קינד. נאָך אים זיינען געבוירן געוואָרן נאָך אַכט, וואָס צוויי פֿון זיי זיינען געשטאָרבן גאַנץ יונגינקע.

הירש קאָוונער איז געווען געגליכן צו צענדליגגער טויזנטער אַנ־דערע ייִדן פֿון זיין צייט: מען האָט שווער געהאָרעוועט, און אויב עס איז געווען עסן צו דער זעט איז מען געווען צופֿרידן. בחורוויז האָט ער זיך אומגעוואַלגערט אין אַ סך שטעטלשע בתי־מדרשים, געגעסן טעג אויב עס האָט זיך געמאַכט און צוגעהונגערט אויב עס איז ניט געווען קיין אַנדער ברירה. אַ שטיקל טרייסט פֿאַר אים איז געווען דאָס וואָס ער איז געווען אַ יחסן. אין דער משפּחה זיינען געווען אַ סך רבנים, גרויסע רבנים: פֿון דער מוטערס צד שמואל אַסטרינער און לייזער האַראָדנער, פֿון טאַטנס צד נאָך גרעסערע — שמשון אַבעלע־כאַסיעס און שמשון אַסטראָפּאָליער דער מקובל. ביי אונדז היינט זיינען דאָס סתּם נעמען, אָבער אין יענער צייט אין דער ליטע זיינען דאָס געווען אויסגעקלונגענע נעמען. מיט אַ נעגאַטיוון ייִחוס האָט זיך הירש קאָוונער אויך געקענט באַרימען: ניט געווען אין דער משפּחה קיין איין בעל־מלאָכה. און וואָס וואָלט געווען דער תּכלית פֿאַר הירש קאָוונערן, ווען ער אַליין לערנט זיך אַ פֿאַך? צו פּרנסה וואָלט דאָס קיין סגולה ניט געווען: אַ בעל־מלאָכה איז אין יענע צייטן אויך געווען אויף צרות, אַזוי ווי דער גרעסטער טייל ייִדן; נאָר דערפֿאַר וואָלט ער גערדאַרפֿט אַוועקוואַרפֿן זיין לערנען, ווייל אַ בעל־מלאָכה האָט געאַרבעט פֿאַר אַ שטיקל ברויט פֿון פֿינצטער ביז

פינצטער. האָט הירש קאָוונער געקוועטשט די באַנק ביז ער האָט געטאָן אַ שידוך, און ווען ער האָט חתונה געהאַט, איז ער פאַרשטייט זיך אַריבער אויף קעסט. אוריס זיידע פון דער מאַמעס צד איז, ווייזט אויס, אויך געווען פון רבנישן יחוס.

אויב מען וויל קאָן מען קרימען מיט דער נאָז: וואָס האָט אַ ייִד אַ קבצן געדאַרפט אַרויפנעמען אַן איבעריקן הויקער אויף די פּלייצעס און נאָך קאָרמען אַן איידעם אַ ליידיק־גייער אויך?

נאָר פאַר וואָס קאָנען היינטיקע ייִדן אַזוי גוט פאַרשטיין אַז טאַטע־מאַמע מאַטערן זיך, כדי צו לאָזן דעם זון אויסשטודירן מעדיצין? די סיסטעם פון קעסט האָבן ייִדן געשאַפן, כדי זייערע יונגע־לייט זאָלן קאָנען בלייבן ביים לערנען כאָטשבי נאָך אַ יאָר אָדער צוויי, מען זאָל זיך ניט דאַרפן תיכף נאָך דער חתונה איינשפּאַנען אין יאָך פון פּרנסה. אויב אַ ייִד האָט זיך געקאָנט פאַרגינען, איז ער גרייט געווען צו געבן דעם איי־דעם קעסט זיין גאַנץ לעבן. אָבער אַפילו אַ ייִד אַן אָרעמאַן האָט אָפּגע־ריסן בּיסן פון מויל, אַז די תורה זאָל זיך מערן. ניט לאַכן דאַרף מען, נאָר נתפּעל ווערן דאַרף מען פון אַ פאָלק וואָס איז אַזוי איבערגע־געבן צו זיינע אידעאַלן, אַפילו אויב היינט האָט זיך דאָס לעבן ביי אַ גרויסן טייל פון פאָלק אַזוי שטאַרק געביטן.

ווען די קעסט איז אויסגעגאַנגען, האָט מען פאַר הירש קאָוונערס וויב איינגעאָרדנט אַ שטיקל שותפות אין אַ בשמים־קרעמל; אויף אַ גאַנצן אייגענעם „געשעפט" האָט ניט געקלעקט. געהאָרעוועט האָט די יונגע פרוי, כמעט נאָך אַליין אַ קינד, פון פרי ביז שפּעט, אָבער מער ווי דריי־פיר גילדן אַ וואָך אויף איר חלק איז ניט אַרויסגעקומען *). דער טאַטע האָט אַ ביסל צוגעקנעלט. קיין חדר אין שטוב האָט ער ניט גע־האַלטן, נאָר ער פלעגט אין רייכערע הייזער לערנען מיט קינדער. אָבער דערפון האָט ער אויך קיין גאָלד ניט געשפּונען, און די צאָל מיילער איז ברוך־השם אַלץ געוואַקסן.

דער פעטער מרדכי־לייזער

מיט איין זאַך איז הירש קאָוונערן פאָרט בעסער געווען ווי אַ סך

*) אַ גילדן האָבן ייִדן אין די רוסישע צייטן גערופן פופצן קאָפּיקעס.

אַנדערע ייִדן. ווען עס פֿלעגט ווערן גאָר ביטער, פֿלעגט קומען אַ ביסל הילף „פֿון אויבן". פֿון אויבן האָט דאָ געמיינט ניט דעם רבונו־של־עולמס הילף וואָס קומט צו יעדער איינציקן ייִדן אין זײַן נויט, נאָר פּשוט די אייבערשטע דירה איבער זיי. דאָרטן האָט געוווינט רב מרדכי־לייזער, הירש קאָוונערס ברודער. ער איז געווען אַ גביר וואָס האָט געשמט איבער גאַנץ ווילנע. דאָס הויז אויף רודניצקער גאַס 23, ווו זיי האָבן געוווינט, האָט אויך געהערט צו אים.

מרדכי־לייזער קאָוונער איז געווען מיט אַ יאָר פֿופֿצן עלטער פֿון הירשן. געבוירן געוואָרן איז ער אין קאָוונע — פֿון דאָרטן, ווי עס ווײַזט דער פֿאַמיליע־נאָמען, איז געקומען די גאַנצע משפּחה — און קיין ווילנע איז ער געקומען ווי אַן איידעם אויף קעסט; מען דאַרף משער זײַן, אַז די קרובים האָבן זיך געצויגן צו אים נאָך דעם ווי ער איז רײַך געוואָרן. אין אים האָט זיך געשפּיגלט די גאַנצע משפּחה, אין זײַן זכות האָט די משפּחה געלעבט. הירש קאָוונערן האָט קיינער ניט געקענט, געוווּסט האָט מען נאָר „רב מרדכי־לייזערס ברודער", און אַזוי האָט אויך אורי קינדווייז געהייסן ניט אַנדערש ווי רב מרדכי־לייזערס פּלימעניק.

פֿון וואַנען דער פֿעטער איז רײַך געוואָרן האָט קיינער ניט געוווּסט אויף זיכער, געמומלט האָט מען, אַז אומגעריכט האָט אים געטראָפֿן אַ גליק. זײַן ווײַב, אַן אשת־חיל, האָט אָפּגעקויפֿט אַ בשמים־קראָם בײַ אַ ריגער פֿירמע וואָס האָט געזאָלט ליקווידירן אירע געשעפֿטן אין ווילנע. ווען די מומע האָט איבערגענומען די קראָם האָט זי אין קעלער געפֿונען היפּשע סכומען סחורה, פֿאַר וועלכע מען האָט קיין געלט ניט פֿאַררעכנט. שפּעטער האָט אויך קיינער דערפֿאַר ניט געמאָנט, און די מומע אַליין האָט אויך געמאַכט אַ שווײַג — איז איר צוגעקומען מיט איין מאָל אַ שטיק אײַגנס. אַ בריה איז זי געווען, האָט זי געהאַנדלט און מצליח געווען. דער מאַן האָט געלערנט גמרא און פֿאַרבראַכט אין בית־מדרש, און זי האָט געהאַנדלט און געמאַכט אין אַ פּאָר יאָר צײַט אַ פֿיינע מטבע.

ווען זי איז געשטאָרבן, האָט מרדכי־לייזער ליקווידירט דאָס געשעפֿט, געקויפֿט פֿאַרן געלט צוויי מויערן, אין גאַנצן זיך אַרײַנגעטאָן אין לערנען און געוואָרן אַ שטאָטישער נגיד פֿון די שענסטע ייִדן אין שטאָט. יאָרן לאַנג האָט ער אין איין בית־מדרש געזאָגט אַ שיעור משניות פֿאַר

גרויסע לומדים, און אין אַן אַנדער בית־מדרש האָט ער געלערנט מיטן עולם דעם רי״ף. פון זיינע חידושים אין הלכה האָט מען אַזוי שטאַרק געהאַלטן, אַז גרויסע לומדים האָבן זיך אויף אים פאַררופן אין זייערע חיבורים; אויף דער עלטער האָט ער אַליין אַרויסגעגעבן אַ ספר חידושים אויף גמרא — געווען איז דאָס אין 1864, ווען אורי קאָוונער האָט שוין אויך געהאַט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע, נאָר גאָר אויף אַן אַנדער שטייגער — האָט ער דאָס צעטיילט אומזיסט צווישן לערנערס. גרויסע רבנים פלעגן אים שרייבן בריוו און אים באַטיטלען „גאון״. אין שטאָט האָט מען גערעדט, אַז פאַר זיך דאַרף ער גאָרניט, אַז ער גיט אַוועק אַ סך געלט פאַר תלמידי־חכמים און אויף צדקה. מיט יאָרן שפּע־טער האָט זיינער אַ ביאָגראַף געשריבן: „זיינע גוטע מידות און זיינע מעלות קען מען גאָרניט אויסרעכענען״.

פאַרשטייט זיך, אַז ער איז קיין אַלמן ניט געבליבן און חתונה געהאַט אַ צווייט מאָל. אָט דער שידוך איז געווען אַ גליק פאַרן ברודער הירש און זיין משפּחה.

ביי זיי אין שטוב האָט מען מרדכי־לייזערן געהאַלטן פאַר אַ צבועק: פאַר לייטן האָט ער גאָר אַן אַנדער פּנים ווי פאַר אייגענע. אין שטאָט איז ער געווען דער שיינער פיינער בעל־הבית, אָבער די אייגענע האָבן, וואָס מען רופט, געציטערט פאַר זיין פאַרע. הירשן האָט זיך געדוכט, אַז דער ברודער קוקט אויף אים מיט שינאה און מיט ביטול: פע, אַן אָרעמאַן! אפשר איז עס טאַקע געווען אַזוי און אפשר האָט געשטעקט אין דעם דאָס געפיל פון אומזיכערקייט און געפאַלנקייט וואָס הירש האָט געהאַט אַנטקעגן דעם רייכן ברודער. נאָר ווי די מעשה זאָל ניט זיין, פון זיינע יינגסטע יאָרן אָן האָט אורי געוווסט, אַז דער פעטער איז אַ רשע: ער קען געבן און ער גיט נישט, און אַפילו קיין פרייע מינע זעט מען ניט פון אים. די נייע מומע איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש. אָט אַזוי ווי דער פעטער איז געווען אַ כעסן און אַ קאַרגער, אַזוי איז זי געווען אַ האַרציקע און אַ גוטע. פורים פלעגט מען אַרויפגיין צו איר נאָך שלח־מנות, חנוכה נאָך חנוכה־געלט, און זי פלעגט קיין מאָל ניט אַרויסלאָזן מיט ליידיקן.

אייביק האָט הירש געהאַט צו דערציילן וועגן „אויבן״, און וועגן ברודער האָט ער קיין גוטס ניט גערעדט. ער האָט געלערנט מיט מרדכי־

לײזערס קינדער און פלעגט דערפאַר באַקומען צװײ רובל אַ װאָך. דאָס איז געװען ניט אַזױ שלעכט, אָבער הירשן האָט דאָס געדריקט, װײל ער האָט געהאַט אַ געפיל, אַז ניט ער נעמט שכר־לימוד, נאָר מען װאַרפט אים צו אַ נדבה, ניט צו ברענגען קײן װאָרט פאַר די ליפּן. פאַר דער שװעגערין פלעגט זיך הירש אַמאָל אַראָפּרײדן פון האַרצן, און זי פלעגט אים מכבד זײן מיט אַ גלעזל װאַרעמס און אים נאָך מיטגעבן אַהײם אַ פּאָר קלעצלעך צוקער און אַ פּאָר פּענעצלעך חלה. אַז מרדכי־לײזער זאָל אַמאָל באַװײליקן אַראָפּצונידערן צום אָרעמען ברודער אונטן, װעגן דעם איז געװען אָפּגערעדט. קומען פלעגט ער נאָר בײ עפּעס אַ שימחה, צו־זאַמען מיט אַנדערע געסט.

הירש פלעגט אָפּט איבערשמועסן אין שטוב, אַז אַפילו דעם אײגע־נעם טאַטן האַלט ניט מרדכי־לײזער ערלעך: ער שטיצט אים צו ביסלעך, אָבער אַלץ „מיט שטירדות”, מיט בײזקײט. דער אַלטער קאַװנער איז געזעסן אין שטעטל אײשישאָק און געלערנט אין בית־מדרש, און דער זון דער בכור פלעגט אים שיקן צום לעבן. פלעגט דער אַלטער אַ מאָל קומען צו פאָרן קײן װילנע, פלעגט ער אײנשטײן ניט בײם זון דעם גביר, נאָר „אונטן”. פאַר מרדכי־לײזערן האָט ער געציטערט.

טאָמער האָט דער אַלטער אַ מאָל צוגעשריבן אַ בריװל, אַז ער דאַרף אַ פּאָר קערבלעך מער, איז געװען הימל עפן זיך. מרדכי־לײזער איז געװען אַ ייִדישער גזלן, פלעגט ער סוף־כל־סוף יאָ אױספּאָלגן די בקשה. אָבער הירש פלעגט אַ פאַרביטערטער איבערגעבן װאָס עס טוט זיך אָפּ בײַזן געבן. מרדכי־לײזער פלעגט װערן אַ צעקאָכטער, לױפן אַ צעחוש־טער איבערן צימער און שלײדערן אױף דער ערד אַלץ װאָס עס האָט זיך נאָר געמאַכט אונטער דער האַנט.

האַלב מיט צאָרן און האַלב מיט זיסער נקמה פלעגט מען בײ הירשן אין שטוב איבערערעדן, װאָס עס איז געשען מיט מרדכי־לײזערן, װען עס איז געקומען פון אײשישאָק דער בריװ, אַז דער אַלטער איז ניפטר גע־װאָרן. מרדכי־לײזער האָט ניט באַמערקט, אַז דער בריװ איז געשריבן מיט אַ פרעמדער האַנט. ער האָט געװוּסט, אַז װען עס קומט אַ בריװעלע פון אײשישאָק, קאָסט עס אים עטלעכע קערבלעך. האָט ער זיך װידער גענומען װאַרפן, און נאָך אײדער ער האָט איבערגעלײענט, װאָס דאָרטן

שטייט, האָט ער שוין גענומען טופען מיט די פיס און צעטראַטעוועט דעם בריוו. פאַרשטייט זיך, אַז ווען ער איז געוויר געוואָרן וואָס עס איז געשען, האָט ער באַלד געריסן קריעה און זיך געזעצט שיבעה.

אַזוי זיינען די קינדער אין הירש קאָונערס שטוב געוואַקסן מיט אַ געשפּאָלטענער באַציִונג צום רייכן פעטער. זיי האָבן אים פיינט געהאַט, ווייל ער האָט געקענט זייער טאַטן אָוועקשטעלן אויף די פיס, און אַנ־שטאָט דעם האָט ער געהאַלטן אין איין מאַטערן אים און פאַרשעמען. אָבער אָט דער רשע איז איינער פון די חשובסטע ייִדן אין שטאָט. און ער איז מעכ־טיק — ער דאַרף נאָר וועלן, קען ער זיי גליקלעך מאַכן. מען טאָר זיך מיט אים ניט איינרייסן. „אויבן" איז אַ קוואַל פון ביטערניש, אָבער ס'איז אויך אַ קוואַל פון תורה, חכמה און עשירות און פון דעם ביסל כבוד וואָס הירש מיט זיין משפחה האָבן געהאַט צווישן מענטשן.

אורי קאָונער אַליין האָט דאָס מן־הסתם ניט געוווּסט, אָבער מיר היינט, וואָס מיר געניסן שוין פון די אויפטועז פון דער מאָדערנער פּסי־כאָלאָגיע, קענען זאָגן אויף זיכער: דער פעטער מרדכי־לייזער האָט געהאַט אַ גאַנץ היפּשן חלק אין דער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג פון זיין פּלימע־ניק. קיין זאַך איז ניט אַזוי שטאַרק אין אונדז ווי די איבערלעבונגען פון די קינדערשע יאָרן. קינדוויז האָט אורי אַוודאַי אָפּגעשטופּט פון זיך יעדער געדאַנק, אַז ער קען זיך ווען עס איז נוקם זיין אינעם פעטער וואָס צאַפּט זיי דאָס בלוט. ווער איז ער, אַז ער זאָל זיך קענען פאַרמעסטן קעגן אַן אָנגעזעצענעם גביר וואָס האָט ביי אים פּונקט אַזוי ווי ביי הירשן אין די אויגן אויסגעזען ווי אַ זייל פון דער געזעלשאַפט? אַפילו קריצן מיט די ציין וואָלט שוין געווען אַן איינשטעלעניש. אָבער די יאָרן זיינען גע־גאַנגען און דער כעס האָט זיך געקליבן און איז געוואַקסן, ביז וואַנען ער האָט אַרויסגעפּלאַצט אין ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכער קריטיק וואָס איז געווען ביטער ווי גאַל. אין טעאָרעטישע טערמינען האָט דאָס געהייסן: אונדזערע ייִדישע פּאַראַנדקעס טויגן אויפן פייער. אָבער אויב מיר זעצן דאָס איבער צוריק אויף דער שפּראַך פון אורי קאָונערס לעבנס־פּראַקטיק, קען מען דאָס אויסדריקן אַזוי: די וועלט פון מרדכי־לייזערן און פון די מרדכי־לייזערס טויג אויפן פייער.

מ. ווײַנרײַך

די קינדערשע יאָרן

צו פיר יאָר האָט שוין אורי קאָוונער גוט געקאָנט עיברי, און צו זעקס יאָר האָט ער שוין געלערנט גמרא. עס קען זײַן, אַז דער טאַטע האָט מיט אים געלערנט. אַרום דער צײַט איז די משפחה אַרויסגעפאָרן פון ווילנע און זיך אַריבערגעקליבן אַ וויאָרסט זיבן הינטער דער שטאָט, צו דער באָבען אין מאַיאָנטיק. דאָס איז געווען דער מוטערס מוטער, איר נאָמען איז געווען באַיאַרין.

די פאַמיליע באַיאַרין האָט געהאַט אַ גאַנץ גוטן נאָמען אין שטאָט. קאָוונערס זיידע פון דער מוטערס צד, מאיר דער געלער האָט מען אים גערופן, האָט געהאַט אַן אייגענעם קליינעם מויער אויף פּאָהולאַנקע. ווען ער איז געשטאָרבן איז די באָבע דינה אַריבערגעפאָרן דווקא צום איידעם דעם אָרעמאַן, צו הירש קאָוונערן, כאָטש זי האָט געהאַט אין שטאָט פאַר־מעגלעכע זין. זי איז ניט געזעסן אויף לאַסקאַווע ברויט, חלילה, נאָר געהאָרעוועט פון פרי ביז ביי נאַכט. אין דער צייט ווען אורי קאָוונער האָט זי געדענקט איז זי שוין געווען אַלט און אײַנגעדאַרט, אָבער נאָך גענוג שטאַרק און געזונט. די טאָכטער איז דעם גאַנצן טאָג געשטאַנען אין קראָם, דער איידעם איז געווען פאַרטאָן אין זיינע עסקים, און אַפילו ווען ער איז געווען אין דער היים איז ער געזעסן איבער אַ ספר. האָט די באָבע געקאָכט און געוואַשן און געניאַנטשעט די קינדער. אַלע מאָל האָט זי געקעכלט דעם מיזיניק; אורי קאָוונער דערציילט מיט איראָניע אין זיינע זכרונות, אַז ווי נאָר די משפחה פלעגט גרעסער ווערן, פלעגט די באָבע באַלד אַריבערטראָגן איר גאַנצע ליבשאַפט אויף דעם נייעם קינד.

אָט די באָבע האָט זיך איצט איינגעשאַפט דעם „מאַיאָנטיק" און אַרי־בערגענומען אַהין די גאַנצע משפחה. די טאָכטער איז דורך דער וואָך געווען פאַרנומען ביי זיך אין קראָם אין שטאָט, זי האָט דאָרטן גענעכטיקט אויך. צו דער פאַמיליע פלעגט זי קומען צו גיין נאָר ערב שבת, און זונטאָג אין דער פרי פלעגט זי זיך אָוועקלאָזן צו פוס צוריק אין שטאָט אַריין. דער טאַטע פלעגט בלייבן מיט די קינדער.

דער מאַיאָנטיק, ניט קוקנדיק אויף דעם קלינגענדיקן נאָמען, איז געווען גענוג אָרעם. פון דעם גרויסן טראַקט, האָט זיך אורי קאָוונער

שפּעטער דערמאָנט, האָט געפּירט אַ שאָטנדיקע אַלטע פון ליפעס. אָבער אין דעם מאַיאָנטיק גופֿאָ איז געווען, אַחוץ אַ פּאָר נישטיקע שייערלעך, מער ניט ווי איין הילצערן הייזל מיט צוויי חדרימלעך מיט אַ קיך. לעבן דער שטוב איז געווען אַ קליינער סאָד, אָבער פון אים האָבן די קינדער געהאַט מער עגמת־נפש ווי פרייד, ווייל צו די פּירות האָט מען זיך ניט געטאָרט צורירן: דער סאָד איז געווען אָפּגעגעבן אין אַרענדע, און ווי צו דעם וואָס פּלעגט אָפּרייסן אַן עפּל.

ס׳איז ניט געווען קיין פריילעך לעבן אין דעם הייפל. זומער איז נאָך געווען צו דערליידן. די קינדער פלעגן זיך אַרויסכאַפּן אין וואַלד, ברענגען יאַגדעס און ניס. נאָר אין די האַרבסטיקע בלאָטעס, און איבער הויפּט ווינטער אין די טיפע שנייען, איז טאַקע געווען גוט אומעטיק. די באָבע האָט געהאָרעוועט איבער דעם ביסל בעל־הביתישקייט, דער טאַטע פּלעגט אונטערקרענקען, און ס׳איז אים שווער אָנגעקומען צו דערהאַקן דאָס ביסל האָלץ און אָנצוטראָגן וואַסער פון ברונעם. דאָס הויז איז גע־שטאַנען אויף אַ בערגל, פּלעגט דער טאַטע זיך געגוג אָנפּרייכן ביז ער האָט דערשלעפּט די עמערס.

עסן איז אויך געווען קאַרג און אָרעם. מילך און פּוטער האָט מען אָנגעזען זעלטן. פלייש האָט מען דערלאַנגט נאָר שבת און זונטאָג, און פּאַר יעדערן איז אויסגעקומען אַ פּיטשינקער חלק.

איין מאָל (אַזוי האָט זיך קאָונער דערמאָנט אפשר מיט פופציק יאָר שפּעטער) איז געשען אַ שרעקלעך אומגליק. די קאַץ האָט דערשמעקט שמאַלץ און אויסגעלעקט דאָס גאַנצע טעפּל. אפשר אַ האַלב פונט שמאַלץ! דער טאַטע איז ווי פון זינען אַראָפּ, ווען ער האָט דאָס דערזען. קיין אַנ־דער שטראָף ווי טויטשטראָף האָט פּאַר אַזאַ פאַרברעך ניט געקענט זיין. ער האָט געכאַפּט די קאַץ, זי אַריינגעוואָרפן אין אַ זאַק און גענומען זעצן מיטן זאַק אין וואַנט. די קאַץ האָט ווילד געקוויטשעט, און דער טאַטע איז געוואָרן וואָס ווייטער מער אין כעס. נאָר ענדלעך האָט ער ניט אויס־געהאַלטן מער דער קאַצס געשרייען און אַ וואָרף געטאָן דעם זאַק אויף דער ערד. די קאַץ איז אַנטלאָפן אַ האַלב־לעבעדיקע און איז שוין מער ניט געקומען צוריק.

אַ ביסל אָפּרו און באַפּרידיקונג האָט געגעבן דער־שבת. אָרום, אויפֿן ייִשוב, האָבן געוווינט נאָך ייִדן. ביי די קאָוונערס אין שטוב איז געווען אַן אייגענע ספר־תורה — געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר יענער צייט, אַז פֿון לעצטן דלות האָט מען נאָך געהאַט כוח אָפּצושפּאָרן פֿון מויל אַזאַ גרויסער הוצאה. ווי באַלד אַ ספר־תורה, פֿלעגט ביי זיי שבת און יום־טוב אַלעמאָל דאַוונען אַ מנין. הירש קאָוונער איז געווען דערביי אי דער בעל־תפֿילה, אי דער בעל־קריאה, און חוץ דער מיצווה האָט ער נאָך דערפֿון פֿאַרדינט אַ פּאָר גראָשן אויך.

ימים־נוראים איז דער פֿאַרדינסט געווען אַ ביסל גרעסער. דאָ האָט שוין געזונגען ניט דער טאַטע אַליין, נאָר ער האָט גענומען צוויי ייִנגלעך זיינע פֿאַר משוררים. וואָכן לאַנג פֿלעגט ער איינשטודירן מיט זיינע חברה־לייט נייע ניגונים וואָס ער אַליין פֿלעגט צוטראַכטן. אים פֿלעגט זיך דוכטן, אַז זיין דאַוונען האָט דעם זיבעטן חן. ער אַליין איז געווען צופֿרידן און זיין קהל איז געווען צופֿרידן — טאָ וואָס דאַרף מען מער?

יעדער אַרויספֿאָר פֿון הייפֿל איז געווען פֿאַר די קינדער אַן אַטראַקציע, וואָס מען האָט זיך צו איר געגרייט לאַנג און נאָך דעם זיך געקוויקט מיט איר חדשים. איין מאָל האָט מען די קינדער מיטגענומען אויף אַ חתונה אין אַ דערבייִיקער קרעטשמע, האָט קאָוונער דאָס פֿאַרגעדענקט אויפֿן גאַנצן לעבן.

דער פּעטער הערץ

גאָר אַ וויכטיקע געשעעניש איז געווען דער וויזיט פֿון אַ פּעטער, דער מאַמעס אַ ברודער. דער פּעטער הערץ איז געווען וואָס מען רופֿט „אַ טויזנט־רוחותניק‟ — אַ פֿרייער פֿויגל, וואָס מען האָט זיין נאָמען אַרויסגערעדט אין דער משפּחה אַ ביסל מיט אַ פֿאַרשטיקטער שטים. ניט קיין סטאַטיק איז געווען דער פּעטער הערץ! פֿון די ייִנגסטע יאָרן אָן איז ער געווען אַן עזות־פּנים, און ניט מיט גוטן און ניט מיט בייזן האָט מען אים געקענט איינהאַלטן אין חדר. ביי אים איז רעכט געווען אין מיטן העלן טאָג, ווען אַלע ייִדישע קינדער שאָקלען זיך איבער דער גמרא, אַרויסצושפּרינגען הינטער דער שטאָט און אַריינלאָזן זיך אין שטוב נאָך זונפֿאַרגאַנג.

ווען ער איז אונטערגעוואַקסן איז אים אין ווילנע אין גאַנצן געוואָרן צו ענג. קיין געלט אויף פּאָרן איז ניט געווען, נאָר ווער קען איינהאַלטן דעם וואַנדער־חשק פון אַ יונגן־מאַן, ווען עס טרייבט פון דער היים? איז ער אַוועק צו פוס און האָט זיך דערקליבן אַזש ביז זשיטאָמיר. פון הונגער געשטאָרבן איז ער ניט און ביים טאַטן צו שטייער האָט ער אויך ניט געבעטן. אַ סימן, אַז עפּעס האָט ער פאַרדינט, הגם קיינער האָט ניט געוווּסט ביי וואָס. און ווען דער בחור, נאָך קיין צוואַנציק יאָר ניט אַלט, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צוריק קיין ווילנע און באַוויזן זיך ביי דער מאַמען אין מאַיאָנטיק, אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, האָט מען געקוקט אויף אים ווי אויף אַ בייז ווונדער. מער ווי אַלץ האָבן אים געקוקט אין מויל אַריין די קינדער. ער איז געווען אָנגעטאָן מעשה „דייטש“, דאָס הייסט אייראָפּעיִש, וואָס אין יענע צייטן איז דאָס נאָך אין ווילנע געווען אַ נייס. די קליידער־גזרה איז ערשט אַרויס מיט אַ פּאָר יאָר פריִער און מען האָט נאָך ניט באַוויזן זיך אָפּצוגעוווינען פון די קאַפּאָטעס. הערץ באָיאַרין האָט געטראָגן ניט סתם אַ „דייטשן“ סורדוט, נאָר אַ לייטישן סורדוט און גלאַנציקע שטיוול, און די הויזן האָט ער געטראָגן אַריבער־געלאָזן איבער די שטיוול, ניט אין די שטיוול אַריין. ער איז אַפילו גע־גאַנגען אין אַ ווייסער געקראָכמלטער מאַנישקע, אַ ווייסן קאָלנער און מאַנזשעטן — אַן אמתער פראַנט פון זיין ליבן נאָמען.

געקומען איז ער ניט ווי קיין פאַרשטויסענער וואָס בעט חסד, נאָר ווי אַן אייגענער וואָס עס קומט אים. קיין למדן איז ער ניט געווען, קיין שטאַרק פרומער מסתמא אויך ניט. קיין חלק אין דער בעל־הביתיש־קייט האָט ער ניט אַריינגעטראָגן, אָבער די מאַמע האָט פאָרט ניט אַראָפּ־גענומען פון אים די אויגן און זיך געבענטשט מיט אים. די אַלטע דינה, ווייסן מיר דאָך, האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו מיזיניקעס, צו לעצט געקו־מענע. איצט איז דער אָקערשט צוריקגעקומענער זון געווען ביי איר ווי אַ מיזיניק. ניט נאָר זי האָט אים אונטערגעטראָגן דאָס עסן און קיין טענות ניט געהאַט, נאָר זי האָט אים נאָך אַ מאָל אַריינגערוקט אַ פּאָר גילדן אויך.

שפּעטער איז אים מיאוס געוואָרן אַרומצוגיין ליידיק, האָט ער זיך גענומען צו אַ מלאָכה וואָס ער האָט זיך אַ פּנים אויסגעלערנט אין דער פרעמד. ער פלעגט ברענגען פון שטאָט דראָט און אויסאַרבעטן דערפון

העקלעך — „מענדעלעך" און „ווייבעלעך" האָט מען דאָס גערופֿן אויף אַ געלעכטער — און דאָס טראָגן אין שטאָט פֿאַרקויפֿן.

אָבער ער איז שוין צו לאַנג געווען אויף איין אָרט, און ניט געקענט מער איינזיצן. אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן האָט ער זיך צוריק אַ הייב געטאָן פֿון אָרט און זיך אָפּגעטראָגן. דערנאָך האָט ער זיך אַ יאָר צוואַנציק שוין מער ניט באַוויזן אין ווילנע. אורי קאָוונער האָט זיך מיט אים געזעגנט איבער אַ נייס ערשט ערב דער געשיכטע מיט די הונדערט אַכט און זעכציק טויזנט רובל, וואָס האָט פֿאַרקלונגען די וועלט.

באַלד נאָכן פּעטערס אָפּפֿאָרן האָט זיך געביטן דאָס בילד פֿאַר דער גאַנצער משפּחה: מען איז אַוועק פֿון יישוב און זיך צוריק אַריבערגעקליבן אין שטאָט. אויף רודניצקער גאַס האָט מען געדונגען אַ קליינטשינקע דירה, ענג און פֿינצטערלעך. שפּעטער אַ ביסל איז מען אַריבערגעפֿאָרן אויף רודניצקער 23 צום פּעטער אין הויף, ווו ס'איז אויך ניט געווען בעסער.

וואָס ס'איז געווען דער טעם פֿון בייטן דעם אָרט האָט קאָוונער אַליין אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויך ניט געוווּסט: צי די געשעפֿטן אויפֿן מאַ־יאָנטיק האָבן ניט אויסגעטראָגן, צי דער מאַמען איז מיאוס געוואָרן צו שלעפּן זיך אַלע וואָך זיבן ווי־אָרסט הינטער דער שטאָט. גענוג צו זאָגן, מען איז געווען צוריק אין ווילנע. אַנשטאָט צו שפּילן זיך אויף דער פֿרייער לופֿט לעבן סאָד האָבן די קינדער זיך אַריינגעטאָן אין לעבן „אויפֿן פּלעצל", דאָרטן ווו רודניצקער גאַס גייט אַרויס אויף זאַוואַלנע און שטויסט זיך צונויף מיט סטעפּן־גאַס. ווער האָט זיך עס דעמאָלט, אין קאָוונערס צייט און אין אונדזער צייט, געקענט אויסמאָלן, אַז ביי רודניצקער 23 וועלן די דייטשן מיט ניינציק יאָר שפּעטער אויפֿשטעלן דעם טויער פֿון געטאָ, אַז אין אַ קראָם אויף רודניצקער 23 וועט מען פֿאַרקאַטעווען צום טויט הונדערטער מענטשן און אַז פֿון דעם טויער וועט מען אַרויספֿירן צום אומקום די ייִדישע עדה פֿון ווילנע, מענער, פֿרויען און קינדער?

די ראַבינער־שול אין ווילנע

נייע צייטן זיינען אָנגעקומען, שווערע צייטן פֿאַר ייִדישקייט. עס איז געווען דער מיטן ניינצעטן יאָרהונדערט. דער שטייגער לעבן האָט זיך

געבראָכן. די אַלטע ייִדישע פּרנסות האָבן זיך געוואַקלט. עס איז געווען ערב דער באַפרייונג פון די פּויערים און דער פּריץ איז שוין ווייט ניט געווען דער איינציקער דעה־זאָגער. די רוסישע רעגירונג האָט זיך געהאַט אונטערגענומען צו „רעפאָרמירן" דאָס ייִדישע לעבן, צו „דערנענטערן" ייִדן צו דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, אָבער דערנענטערן, האָט מען געזען, מיינט נעמען ייִדישע קינדער אין מיליטער אויף פינף און צוואַנציק יאָר, אָפּרייסן ייִדן פון ייִדישקייט דורך מאַכן פאַר זיי רוסישע שולן.

געזאָגט האָט די רוסישע רעגירונג, אַז זי מיינט די טובה פון ייִדן, אַז זי וויל זיי נאָר מאַכן געבילדעט כדי זיי אויפצושטעלן אויף איין מדרגה מיט דער „וואָרצלדיקער" באַפעלקערונג, און כאָטש ייִדן אין אַלגעמיין האָבן מורא געהאַט און זיך ניט גערוקט צו נאָענט, האָט אָבער די רוסישע רעגירונג געפונען איין גרופּע ייִדן וואָס זיינען גרייט געווען איר צו דינען בלינד־געטריי. דאָס זיינען געווען די משכילים. זייער צאָל צווישן ייִדן בכלל איז געווען ניט גרויס, און אַפילו אין די וויכטיקע שטעט זיינען זיי געווען גאָר אַ קליינע מינאָריטעט. אָבער זייער השפעה איז געווען אַ סך גרעסער ווי לויט דער צאָל, ווייל זיי זיינען געגאַנגען מיט מלכות.

אַ ביסל האָט ביי טייל פון זיי געוויס אויך געקלאַפּט דאָס האַרץ, אָבער זיי האָבן געזאָגט אָמן אויף אַלץ וואָס די רעגירונג האָט געטאָן. די רעגירונג וויל גוייִשע שולן פאַר ייִדישע קינדער? אַזוי דאַרף זיין, לערנען אַלגעמיינע לימודים איז ניט קעגן ייִדישקייט, אַפילו אין די צייטן פון דער גמרא האָבן ייִדן געקענט גריכיש און געלערנט מאַטעמאַטיק. די רעגירונג רייסט אָפּ ייִדישע קינדער פון זייערע משפּחות, פאַרשיקט זיי הינטער די הרי־חושך, מאַכט זיי פאַר אויס ייִדן, טרייבט זיי אָפּט מאָל דירעקט צו שמד? קוקט ניט דערויף, האָבן געזאָגט די משכילים, די רעגירונג מיינט אייער טובה: אויב איר וועט אָנטייל נעמען אין פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד קעגן דעם שונא, וועט איר דערמיט פאַרדינען בירגער־לעכע רעכט. די רעגירונג האָט אָפּגעשאַפט די קהל־פאַרוואַלטונג, זי וויל האָבן צו טאָן מיט יעדער ייִדן באַזונדער, זי וויל פון יעדער ייִדן באַזונדער נעמען שטייערן, יעדער ייִדן באַזונדער שיקן אין מיליטער אַריין? גוט אַזוי, האָבן געזאָגט די משכילים: קהל האָט אייך באַריסן און געטאָן פאַלשקייטן, די רעגירונג וועט אייך באַהאַנדלען מיט חסד. אַז די צאַרישע

אַדמיניסטראַציע איז גנבה און גזלה און אַכזריות מער אײדער װעלכער עס איז ייִדישער קהל האָט װען עס איז געקענט זײַן — דאָס איז די משכּילים אױפֿן זינען ניט געקומען.

אונדז דוכט זיך הײַנט, אַז זײ האָבן געדאַרפֿט טראַכטן אַזױ: די אַלטע קהל־פֿאַרװאַלטונג טויג ניט, זי איז קאָרומפּירט, אָבער אױסבײַטן די װילנער קהלס־לײַט אױפֿן װילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר איז דאָך אַזױ װי פֿון בריק אין װאַסער אַרײַן. בײַם גענעראַל־גובערנאַטאָר װעט מען דאָך געװיס קײן זאַך ניט פּועלן מיט שרײַען געװאַלד און מיט מעכּב זײַן די קריאה; איז דאָך דעריבער בעסער צו טראַכטן װעגן רעפֿאָרמירן די קהל־פֿאַרװאַלטונג אײדער אָפּצושאַפֿן זי אין גאַנצן.

אָבער די משכּילים מיט הונדערט יאָר צוריק האָבן געטראַכט אױף אַן אַנדער אופֿן. זײער אידעאַל איז געװען דאָס ייִדישע לעבן אין אַנדערע לענדער, דער עיקר אין די פֿאַרשײדענע דײַטשישע מלוכות. דאָרטן האָבן ייִדן זיך אָפּגעזאָגט פֿון „איזאָלאַציע", די ייִנגערע רעדן שױן כּמעט קײן ייִדיש ניט, מען לערנט זיך אַלגעמײנע װיסנשאַפֿט, און זעט נאָר װאָס מען האָט פֿאַר דעם געקראָגן: פֿאַראַן גרױסע ייִדישע סוחרים און דאָקטױרים, מען קלײַבט ייִדן אין שטאָט־רעגירונגען, מיניסטאָרן קומען אױף אױפֿנאַמעס אין סינאַגאָגעס, און פֿאַרשטײט זיך, אַז ייִדן מעגן װױנען װוּ זײ װילן. אמת, די אָרעמקײט צװישן ייִדן אין דײַטשלאַנד איז אױך גרױס, עס ציט זיך אַ שטאַרקע עמיגראַציע קײן אַמעריקע, דער אַנטיסעמיטיזם איז נאָך אונטער דער זון פֿון „אױפֿקלערונג" װײַט ניט צעשמאָלצן געװאָרן. אָבער עס גײט אױף אַ דרך, הלװאַי אױף אונדז פּויליש־ליטװישע ייִדן געזאָגט געװאָרן. מיר זײַנען שרעקלעך אָרעם, דאָס ביסל פּרנסה װאָס מיר האָבן האָט אױך קײן האַפֿט ניט, אָבער זאָל נאָר די רעגירונג זען, אַז מיר גײען מיט איר, אַז מיר פֿאָלגן איר, װעט זי אונדז טאָן גוטס.

װאָס טוט מען, אַז ייִדן זאָלן פֿאַרשטײן זײערע אינטערעסן? מען דאַרף זײ אױפֿקלערן. װער קען דאָס טאָן, צו װעמען װעלן ייִדן זיך צוהערן? דער אױטאָריטעט בײַ ייִדן זײַנען אַלע מאָל געװען די רבנים. אָבער די רבנים פֿון אַלטן שניט זײַנען אָפּגעשטאַנענע, זײ װײסן נאָר אײן זאַך: תּורה. מען דאַרף אױסבילדן אַ נײַעם סאָרט רבנים װאָס זאָלן פֿאַרבינדן תּורה מיט חכמה. אַזױ האָבן דאָך געטאָן אונדזערע ברידער אין דײַטש־

לאַנד אויך. זיי האָבן געשאַפן ראַבינער־סעמינאַרן, ווו מען לערנט די תלמידים דרשענען אויף דייטש אי וועגן וועלטלעכע אי וועגן רעלי־גיעזע זאַכן.

אונטער דער ווירקונג פון די משכילים האָט די רוסישע רעגירונג אין 1847 אויך געשאַפן צוויי ראַבינער־שולן. איינע אין ווילנע און די צווייטע אין זשיטאָמיר. און די נאָכמאַכונג נאָך די דייטשלענדישע מוס־טערן איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די הויפּטשפּראַך אין די ביידע שולן ביים לערנען די יידישע לימודים איז געווען ניט רוסיש, נאָר דייטש; אַפילו גמרא האָט מען זיך געפּלייסט לערנען אויף דייטש, עס זאָל אויס־קומען געבילדעטער. ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען: אין יענע צייטן האָט די צאַרישע רעגירונג נאָך ניט געהאַט קיין נאַציאָנאַליסטישע טענ־דענצן, איר שאַרף רוסיפיקאַטאָרישע פּאָליטיק האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אין די נײַנציקער יאָרן. ביז יעמאָלט האָט דעם מיניסטער אין פּעטערבורג אויף אַ האָר ניט געאַרט, וואָס אַ ייִדישער משכיל פון אַ ליטווישער אָדער אוקראַיִנישער שטאָט, דאָס הייסט אַ רוסישער אונטערטאַנער, שרייבט אים מעמאָראַנדומס אויף דייטש, ווייל אין די מיניסטעריומס גופא זײַנען גע־ווען גאַנץ הויכע באַאַמטע פון די באַלטיש־דייטשע באַראָנען וואָס האָבן אויך געקענט שוואַך רוסיש און זײַנען פון דעסט וועגן געווען פאַררעכנט פאַר דעם צאַרס געטרייסטע דינערס.

אין ניקאָליי דעם ערשטנס צייט פון ביטערער פּאָליטישער רעאַקציע איז די צאַרישע רעגירונג בלויז געווען פאַראינטערעסירט אין פּאָליטי־שער כשרות, ניט אין נאַציאָנאַליסטישער פאָרעם. דער רוסישער נאַציאָ־נאַליזם האָט זיך גראָד געגומען שטאַרקן אין דער מער „ליבעראַלער" תקופה פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. דעמאָלט האָט זיך טאַקע אונדזער השכלה אַ קער געטאָן פון דייטש צו רוסיש.

אורי קאָוונערס עלטערער ברודער שאול איז אויך אַוועק אין ראַבי־נער־שול; דאָרטן האָט מען, זייך נאָמען איבערגעמאַכט אויף סאַוועלי. ס'איז געווען אין גאַנצן פיר יאָר זינט מען האָט די ראַבינער־שול גע־עפנט, און ווילנער יידן פלעגט ווערן ניט היימלעך, ווען זיי פלעגן פאַר־בייגיין דעם גרויסן מויער אויף זאַוואַלנע גאַס ראָג טראָקער.

פרײַער האָבן ייִדן געוווּסט, אַז מען דאַרף רבנים, איצט איז געוואָרן

אַן אָנשיקעניש „ראַבינערס". און די רעגירונג פּאָדערט דאָס, די רעגירונג וויל בילדן ייִדן. מען פֿאַרשטייט שוין, וואָס בילדונג מיינט. ס'איז נאָר אַ שענער וואָרט פֿאַר שמד. די שמד־שטיק זיינען צוגעקלערט אַזוי קונציק, אַז אָפּרייסן פֿון ייִדישקייט וויל מען דווקא מיט דער הילף פֿון אַ ייִדיש־לעכן אָנשטעל... אַזוי האָט מען געשמועסט אויפֿן שולהויף גאַנץ אָפֿן. אײַך גזרה יאָגט אָן די אַנדערע: אָט שנײַדט מען די קאַפּאָטעס און מען לאָזט ניט טראָגן קיין פּאות, אָט ברענגט מען אַראָפּ פֿון דײַטשלאַנד עפּעס אַ דאָקטאָר ליליענטאַל אַ גלוח, ער זאָל פֿאַרנאַרן ייִדישע קינדער אין די שקאָלעס אַרײַן, אָט טוט מען גאָר אָן ייִדישע קינדער אוניפֿאָרמען און מען וויל זיי מאַכן פֿאַר ראַבינערס מישטיינס געזאָגט.

אַנדערע האָבן געפּרוווט אויפֿווייזן, אַז ס'איז ניט אַזוי שרעקלעך. רב הירשל שימחהס איז דאָך דער אינספּעקטאָר, און ער איז דאָך געוויס ניט אויסן צו פֿירן ייִדן צו שמד. בערל מיכאַלישקער, אַ לערער דאָרטן, איז טאַקע אַ „פֿרייער" ייִד, אָבער ער פֿאַרפֿעלט אויך ניט קיין דאַוונען. און עסן גיט מען דאָך די ראַבינער־שילערס נאָר כשר, און זיי דאַוונען בציבור.

אויך מיר אַ דאַוונען, האָבן אָפּגעענטפֿערט אַנדערע; דאַוונען אונטער דער השגחה פֿון אַ גויִשן דירעקטאָר, און נאָך מיט פּריידיקן אויף רוסיש דערצו!

האָט זיך שוין געפֿונען אַ וויצלינג וואָס האָט צוגעגעבן (אין ווילנע האָבן קיין וויצלינגען קיין מאָל ניט געפֿעלט): „יאָ, יאָ, פּריידיקן! אויף יענער וועלט וועט מען זיי שוין גוט זאָדיקן פֿאַר אַזאַ פּריידיקן..."

הירשל שימחהס קאַצענעלנבויגן איז געווען איינער פֿון די וויכ־טיקסטע ייִדן אין שטאָט, אַ לערנער און אַ משכּיל. ער האָט געשריבן ספֿרים, און זײַן גרויסע פּריוואַטע ביבליאָטעק האָט געהאַט אַ שם אַזש אין אויסלאַנד. די אַלגעמיינע השגחה איבער דער ראַבינער־שול האָט געהאַט דער גוי דער דירעקטאָר, אָבער איבער די ייִדישע לימודים דאָרטן, און גמרא האָט מען געלערנט אַ סך, איז דער אינספּעקטאָר געווען דער ממונה. בערל מיכאַלישקער איז געווען אַ חשובער ייִד, באַוווּסט ווי אַ העברעיִשער פּאָעט און גראַמאַטיקער אונטערן נאָמען אָדם הכהן; זײַן

אמתער נאָמען איז געווען אַברהם בער לעבענזאָן *). זאָל מען זאָגן, אַז זיי ווילן עס חלילה אונטערברענגען יידישקייט?

יידן זיינען געווען צעטומלט. אין די שקאָלעס פאַר יונגע קינדער איז געווען פּוסטלעך: קיין שטרענגער צוואַנג איז ניט געווען, האָט מען זיך אַרויסגעדרייט. אָבער די ראַבינער־שול איז געווען עפּעס אַנדערש. בשעת אַזאַ ראַבינטשיק פלעגט זיך באַווייזן ערגעץ אין אַ שטוב אין זיין שוואַרצן סורדוט האָט ער אויסגעזען כמעט ווי אַ טשינאָווניק. אַ יידישער טשינאָווניק, ס'איז דאָך משיחס צייטן... און מען האָט געזאָגט, אַז ווען ער וועט ענדיקן דעם קורס, מוז ער ניט דווקא ווערן אַ ראַבינער. אויב ער וועט וועלן, מעג ער אַנקומען אין אוניווערסיטעט און שטודירן אויף דאָקטאָר, אויף אַדוואָקאַט, אויף ריכטער. איר האָט געהערט, אַ יידישער ריכטער, שליפּעס וועט ער טראָגן!

ווו שטייט עס געשריבן, אַז מיט בילדונג מוז מען ניט אַנדערש ווערן אַן עוכר־ישראל? יידישע דאָקטוירים זיינען דאָך געווען אין אַלע צייטן. דער רמב"ם איז דאָך אויך געווען אַ דאָקטאָר. און גיט נאָר אַ קוק אויף אונדזער דאָקטאָר קושעלעווסקין: ווען ער דאַרף אָנשרייבן אַ פּראָשעניע, קען ער שוין איין מאָל די מלאָכה, ער דאַרף ניט אָנקומען צו ברוך שריי־בער. ווען ער דאַרף אַריינגיין אין אַ קאַנצעלאַריע, אַפילו צום גובערנאַ־טאָר אַליין, טענהט ער זיך אויס מיטן טשינאָווניק אַזוי פיין אויף „רוס"! ווי אַ דאָקטאָר איז ער אָנגענומען ביי אַלעמען, מען רופט אים צו פּוילישע פּריצים און צו רוסישע באַאַמטע. נו, און ער דאַוונט דען ניט, ער היט דען ניט אָפּ יידישקייט?

אין 1856 האָט מען טאַקע די געענדיקטע פון די ראַבינער־שולן געגעבן דאָס רעכט אָנצוקומען אין די רוסישע אוניווערסיטעטן.

נאָך צוויי גרויסע מעלות האָט געהאַט די ראַבינער־שול, וואָס האָבן געהאָלפן אָפּשוואַכן ביי די וואַקלדיקע זייערע אידעאָלאָגישע ספקות. ערשטנס איז מען געווען זיכער פון מיליטער־דינסט, און צווייטנס האָט די שול גענומען דעם גרעסטן טייל תלמידים אויף פולע קעסט. ביי דער שול איז געווען אַן אינטערנאַט, און דאָרטן האָט מען געגעבן עסן און וווינונג און אַלץ וואָס מען האָט געדאַרפט. און נאָך אַלע גליקן זיינען

*) אַד"ם מאַכט: אַברהם דוב (בער) מיכאַלישקער.

בײַ דער גרינדונג פֿון דער ראַבינער־שול אין 1847 אָנגעקומען ניט מער ווי 49 תּלמידים. שפּעטער איז דער חשק צו בילדונג בײַ ייִדן שטאַרק געוואַקסן, און מיט אַ צוואַנציק יאָר שפּעטער האָט שוין די שול געהאַט העכער פֿיר הונדערט תּלמידים.

הירש קאָוונער האָט אָבער יאָ געפֿועלט בײַ זיך און אָפּגעגעבן דעם עלטערן זון שאול אין ראַבינער־שול. דאָס ייִנגל האָט גוט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, און מען האָט אים צוגענומען אויף קאַזיאָנע קעסט גלײַך פֿון ערשטן קלאַס אָן.

אורי קאָוונער אין דער ראַבינער־שול

ווען שאול, דער עלטערער זון, איז געוואָרן אַ ראַבינטשיק, איז געוואָרן בײַ די קאָוונערס אין שטוב ווינציקער מיט אַ מויל, און דאָס איז געווען ניט אַבי וואָס. אָבער דעם אמתן נחת האָט מען פֿון אים ניט געהאַט. ער האָט זיך טאַקע געלערנט גוט און איז געווען אַ שטילער און אַ באַשיידענער: שפּעטער איז ער געוואָרן אַ גאַנץ אָנגעזעענער דאָקטאָר און האָט געשריבן וויסנשאַפֿטלעכע ווערק אויף רוסיש און אויף העברעיִש. אָבער אין שטוב האָט ער זיך געהאַלטן פֿרעמדלעך, עפּעס מעשה גוי, און טאַטע־מאַמע האָבן געקוקט אויף אים מיט אַ שטילן ווייטאָג. ניט איין מאָל האָבן זיי מסתּמא איבערגעטראַכט, אַז געווען זײַנען געווען די וואָס האָבן געזאָגט, אַז עס טויג ניט.

זיי פֿלעגן שאולן אַגב זען זייער זעלטן. ער האָט געוווינט אין אינטערנאַט פֿון ראַבינער־שול אויף זאַוואַלנע 24, און כאָטש ביז רודניצקער גאַס איז געווען ניט קיין פֿולע צען מינוט גאַנג, פֿלעגט ער קומען אַהיים נאָר אויף יום־טובֿ. און אין די געציילטע טעג וואָס ער פֿלעגט יאָ פֿאַרברענגען אין שטוב איז אי אים, אי די עלטערן געווען אַ ביסל קאַלעמוטנע. שאול פֿלעגט שווײַגן, אומגיין ווי אַ ווײַטיקער. כאָטש פֿיזיש נאָענט צו זיי, האָט ער זיך שוין פּסיכאָלאָגיש געהאַט אָפּגעריסן פֿון זייער סבֿיבֿה. נאָר דער ייִנגערער ברודער אורי האָט אים געקוקט אין מויל אַרײַן און פֿלעגט אים אויספֿרעגן וועגן אַלע פּרטים.

בײַ די אומשטאַנדן איז געווען אַ גרויסער חידוש, וואָס די עלטערן האָבן אײַנגעשטימט אורין אויך אָפּצוגעבן אין ראַבינער־שול. צי דאָס

יינגל האָט זיך איינגעבעטן און געפּועלט מיטן מאָטיוו פון דער קומעדי־קער קאַריערע, אָדער עפּעס אַן אַנדער טעם איז געווען, — נאָר איין מאָל אין אַ פרימאָרגן איז אַברהם — אורי געזעסן אויף אַ שולבאַנק צווישן די תלמידים פון צוגרייטקלאַס. קיין קעסט האָט מען אים דערוויייל ניט געגעבן, ער איז געבליבן ווינען אין שטוב און האָט געדאַרפט קומען אין ראַבינער־שול נאָר אויף דער צייט פון די לימודים.

ער איז אַריינגעפאַלן אַזוי ווי אין אַ נייער כישופדיקער וועלט. די ראַבינער־שול איז געווען ווי אַן אינדזל אין דעם ים פון ליטווישע ייִדישקייט. צווישן ייִדן אין ווילנע, אַפילו צווישן די אָנגעזעענע בעל־הביתישע משכילים, איז שווער געווען צו געפינען עמעצן וואָס זאָל קע־נען רעדן ווי ס'געהער צו זיין רוסיש. פוילִיש האָט מען געקענט ווי עס איז אויפצורעדן זיך מיט אַ גוי, אָבער אויך ניט מער ווי דאָס. און דאָ, אין ראַבינער־שול, פלעגט מען מיט אַ מאָל אַריינפאַלן אין אַ סביבה וואָס איז געווען דורכויס רוסיש. דער גרעסטער טייל לערערס זיינען געווען רוסן, אַריינגעשיקטע פון דער פרעמד, און זיי האָבן זיך אָפּט באַנומען צו זייערע ייִדישע תלמידים מיט אַ היפּש ביסל פאַראַכטונג: אַז מען האָט זיי דאָך ספּעציעל אַראָפּגעשיקט צו ציוויליזירן די ווילדע זשידעס!

לויטן סטאַטוט פון דער ראַבינער־שול איז צום פּראַוואָסלאַוונעם די־רעקטאָר געווען צוגעגעבן, ווי שוין דערמאָנט, אַ ייִדישער אינספּעקטאָר וואָס האָט געדאַרפט רעקאָמענדירט ווערן פון די ווילנער ייִדישע פּני. דער געדאַנק איז געווען, אַז דער אינספּעקטאָר וועט אַכטונג געבן אויף ייִדישקייט און וועט שאַפן מער היימישקייט פאַר די תלמידים אין דער נייער סביבה זייערער. אָבער אין דער פּראַקטיק האָט דאָס אויסגעזען אַ היפּש ביסל אַנדערש. עס איז ניט געווען קיין באַלאַנס פון כוחות צווישן ייִדישע און אַלגעמיינע לימודים פונקט ווי עס איז ניט געווען קיין באַ־לאַנס צווישן דעם ייִדישן און ניט־ייִדישן לערער־פּערסאָנאַל. רב הירשל שימחהס קאַצענעלנבויגן איז געווען דער בעסטער קאַנדידאַט וואָס די משכילים האָבן געקענט אַרויסשטעלן, און די רעגירונג האָט אים באַ־שטעטיקט. אָבער ס'איז אַלץ ניט געווען קיין גלייכע פּאָר. די רוסישע לערערס פון די אַלגעמיינע לימודים האָבן געוווסט, אַז דער עיקר אין

שול זײַנען זײ. דער ייִדישער אינספּעקטאָר האָט געציטערט פֿאַרן דירעק־טאָר וואָס האָט געהאַט די גאַנצע דעה, און די תּלמידים האָבן ניט געקענט האָבן קיין געפּיל, אַז אויף רב הירשל שימחהס קענען זײ זיך אָנשפּאַרן. אויף די לערערס פֿון די ייִדישע לימודים האָט מען געלייגט גאַנץ ווייניק כּבוד. ניט נאָר זייערע גויִשע קאָלעגן, נאָר אויך זייערע תּלמידים האָבן געוווּסט, אַז אין צענטער שטייט דאָס רוסישע, אַז כאָטש מען לערנט גמרא און תּנך ביי גרויסע קענערס, זײַנען אָט די ייִדישע לימודים, מיטן שולחן־ערוך פֿאַר אַ צוגאָב, בלויז אַ צוטשעפּעניש. דער גרעסטער טייל ראַבי־נער־שילערס האָבן שוין געהאַט הינטער זיך עטלעכע יאָר גמרא־חדר און דאָס ביסל גמרא מיטן „אויסריידן״ אויף דײַטש האָט ביי זײ ניט געקענט אויסנעמען. ניט צוליב דעם זײַנען זײ אַהער געקומען.

אורי קאָוונער האָט געקענט רוסיש זייער שוואַך, כּמעט ווי גאָרניט. איז ער געזעסן און געקוקט ווי אַ האָן אין בני־אָדם אויף די לעקציעס פֿון די אַלגעמיינע לימודים. פֿלעגט ער אַלע פֿאַרטאָג אַ זייגער 4־5 אַוועק־גיין צום ברודער אין אינטערנאַט אַרײַן, און דער ברודער פֿלעגט אים העלפֿן צוגרייטן די לעקציעס. אַזוי האָט ער ביסלעכווייז גענומען פֿאַר־שטיין כאָטש וואָס מען רעדט צו אים, און מיט זײַנע גוטע פֿעיִקייטן וואָלט ער זיך מסתּמא באַלד אַרויסגערוקט. אָבער פֿון די שפּאַצירן אין דער האַרבסטיקער בלאָטע אין די לייכטע בגדימלעך האָט ער זיך פֿאַר־קילט און געקראָגן שטאַרקע היץ. ער איז אָפּגעלעגן אפשר דריי חדשים קראַנק אין שטוב און כּמעט די גאַנצע צייט געווען ניט ביי די קלאָרע געדאַנקען. מען איז געווען זיכער, אַז ער וועט ניט אויסלעבן, אָבער ער איז איבערגעקומען די קראַנקייט. ווען ער איז דערנאָך געקומען אין שול אַרײַן האָט מען אים ניט דערקענט — אויף אַזוי פֿיל איז ער אַראָפּ פֿוּן צורה.

אַרויס פֿון דער ראַבינער־שול

די עלטערן האָבן באַשלאָסן, אַז זײ וועלן אים צונעמען פֿון ראַבי־נער־שול. ביי זײ איז אויסגעקומען, אַז זײַן קרענק איז אַ שטראָף פֿון זײַן ליבן נאָמען פֿאַר שיקן זייער זון אין דער טריפֿענער שול אַרײַן. געגנוג איין זון אַ פֿאַרפֿאַלענער, האָט איצט גענומען זאָגן דער טאַטע, זאָל נאָך דער צווייטער אויך חלילה ווערן אַ גוי?

אורי אַליין וואָלט זיך אפשר איינגעשפּאַרט, אַז ער וויל דאָרטן בלייבן און אויסגיין אַלע פיר קלאַסן, ווען ניט אַ שרעקלעכע איבערלע־בונג, וואָס ער האָט זיך נאָך מיט פופציק יאָר שפּעטער ניט געקאָנט דער־מאָנען אָן אַ שוידער. דאָס איז געווען די עפנטלעכע עקזעקוציע איבער אַ גרויסן חברה־מאַן פון אַ יאָר זיבעצן.

אין די ראַבינער־שולן איז שמייסן געווען אַ לעגאַלע זאַך, און אין דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול האָט מען זיך מיט דעם דאָזיקן דער־ציִונגס־מיטל באַנוצט נאָך אַ סך אָפטער ווי אין ווילנע. אָבער אויך אין ווילנע האָט דער דירעקטאָר געהאַט דאָס רעכט צו לאָזן לויט זיין איינ־זען אָפּשמייסן איטלעכן תלמיד. דאָס מוזן מיר גוט האָבן אין זינען, ווען מיר קריטיקירן די אַמאָליקע חדרים. אַוודאַי שטימט ניט דער חדר אין זיין טראַדיציאָנעלער פאָרעם מיט די פאָדערונגען פון דער היינטיקער פּעדאַגאָגיק. אָבער ווען מען וויל פאַרשטיין אַ היסטאָרישן פענאָמען דאַרף מען דאָך אים שאַצן ניט לויט די באַגריפן פון אונדזער צייט, נאָר לויט די פאַרהעלטענישן פון י ע נ ע ר צייט. די ראַבינער־שול איז דאָך געווען אַ „מאָדערנע" שול, מישטיינס געזאָגט!

אָט וואָס אורי קאָוונער האָט צוגעזען:

אין דריטן קלאַס איז געווען אַ תלמיד וואָס איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ גרויסן לאָבוס. ניט נאָר ער האָט זיך געפוילט צו לערנען, נאָר ער פלעגט נאָך די לערערס דערגיין די יאָרן. איבער הויפּט האָט ער גע־ווּוּסט, אַז ער קאָן זיך לאָזן ווילגיין אויפן חשבון פון די יידישע לע־רערס, וואָס זיי אַליין טרייסלען זיך דאָך פאַר נאַטשאַלסטווע.

נאָר איין מאָל האָט ער זיך אָפּגענאַרט אין חשבון. אַ יידישער לע־רער איז באַלד נאָך דער לעקציע אַוועק צום דירעקטאָר זיך באַקלאָגן; ער האָט געוואָלט ווייזן, אַז די יידישע לימודים זיינען ניט קיין דערונטער־דיקע זאַך. דער דירעקטאָר האָט תיכף געהייסן אָפּשמייסן דעם תלמיד פאַר אַלעמען אין די אויגן.

דער בחור האָט זיך אָנגעהויבן בעטן ביים לערער, ביים דירעקטאָר, אָבער אומזיסט. ער איז געלאָפן צום אינספּעקטאָר און געבעטן זיך אָננע־מען פאַר אים — אומזיסט. עס זיינען געקומען פיר סטרעזשער מיט גרויסע בינטלעך ריטער. דער יונג האָט זיך ווייטער געבעטן און סוף־

כל־סוף געמאָלדן, אַז ער טרעט אַרויס פון שול. אָבער דער דירעקטאָר האָט גאַנץ קאַלט געענטפערט, אַז איינס מיטן אַנדערן קער זיך ניט אָן. מען האָט דעם חברה־מאַן אויסגעטאָן און אָװעקגעלייגט אויפן שנײ. צוויי האָבן אים געהאַלטן פאַר די הענט און פאַר די פיס און צוויי האָבן גע־שמיסן. דער אומגליקלעכער האָט געשריִען ווי אין אַ מאַנהויז, אָבער די קלעפּ האָבן ניט אויפגעהערט ביז וואַנען דער גאַנצער קערפּער האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט. דאָ האָט דער דירעקטאָר אַ זאָג געטאָן „דאָוואָלנאָ״ (גענוג) און איז זיך רויִק אַוועקגעגאַנגען. דער אָפּגעשמיסענער האָט זיך אָנגעטאָן מיט ציטערדיקע הענט, אַרויסגעלאָפן ווי אַ דולער און איז שוין מער ניט צוריקגעקומען אין שול.

עס קען גרייִלעך זיין, אַז דידאַזיקע עקזעקוציע האָט עס אָפּגעשלאָגן ביי אורי קאָוונערן דעם חשק צו בלייבן אין ראַבינער־שול. איז ווען דער טאַטע האָט באַשלאָסן אים אַוועקצוזעצן צוריק צו דער גמרא, האָט ער זיך ניט געשטעלט אַנטקעגן.

מען האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן אַ ישיבה. אין ווילנע גופא זיינען אויך געווען ישיבות, אָבער פאַר אַן אָרטיקן יִנגל האָבן זיי ניט גע־טויגט. מרדכי־לייזערס פלימעניק וועט ווערן אַן אָרעם־בחור און גיין עסן טעג ביי ווילנער בעל־בתים? דאַרף מען אָוועקפאָרן אין דער פרעמד. אורי איז דאָך שוין געווען ניט איבעריקס ווייט פון בר־מיצווה, אַ גרויסער בחור — קען ער זיין אַליין אויך, ער דאַרף זיך ניט האַלטן ביי דער מאַמעס פאַרטעך.

וואַלאָזשין אָדער מיר? עס איז געבליבן מיר.

מירער ישיבה האָט דעמאָלט געבליט. זי איז ווייט געווען פון דעם גלאַנץ, מיט וועלכן עס האָט געשטראַלט וואַלאָזשין, אָבער אַ נאָמען האָט זי אויך געהאַט אַ גוטן. העכער צוויי הונדערט בחורים האָבן דאָ געלערנט. קריגן פאַר אַלעמען טעג ביי די בעלי־בתים איז געווען אוממיגלעך. מיר איז געווען אַ שטעטל פון אָרעמעלייט. אַ ביסל האָבן די בחורים באַקומען צו שטייער פון דער היים, אָבער דאָס רוב זיינען זיי געווען פון אַזוינע משפחות ווי קאָוונער, ווו מען האָט אַליין אויך גאַנץ געשמאַק צוגעהונ־גערט. איז דער הויפּטאָנשפּאַר געווען דאָס ביסל וואָכגעלט פון דער ישיבה. משולחים „פון דער מיר״ זיינען אַרומגעפאָרן איבער אַלע שטעט

און שטעטלעך און געקליבן געלט. דערפון פלעגט מען געבן די ישיבה־בחורים פון פינף און זיבעציק קאָפּיקעס ביז אַ רובל מיט פופציק קאָפּי־קעס אַ וואָך. קיין כללים וויפל וועמען עס קומט זיינען ניט געווען. דאָס פלעגט די אַדמיניסטראַציע פון דער ישיבה באַשטימען לויט איר אייגע־נעם איינזען.

ווען אורי קאָוונער האָט זיך פאַרגעשטעלט אין דער מיר פאַרן משגיח פון דער ישיבה און יענער האָט אויסגעהערט וועגן זיין יחוס און אים פאַרהערט, האָט ער אים צוגענומען אין דער ישיבה, אָבער מער ווי פינף און זיבעציק קאָפּיקעס האָט ער אים ניט באַשטימט.

אין דער מירער ישיבה

סך־הכל איז דער גאַנצער פאַרשוין אורי קאָוונער אַלט געווען צוועלף יאָר, ווען ער איז נאָך דער ראַבינער־שול אָנגעקומען אין דער מירער ישיבה. ווערדליג די טאָג־טעגלעכע שוועריקייטן אין שטוב האָט ער זיך מיט זיין לעבנס־פּראַקטיק געקענט גלייכן צו אַ סך דערוואַקסענע. אָבער נאָך אַלעמען איז ער דאָך פאָרט געווען אַ קינד, און דאָס האַרץ האָט אים גוט געקלאַפּט ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט רעכענען, וואָס צו טאָן מיט די פינף און זיבעציק קאָפּיקעס, וואָס דער משגיח אין ישיבה האָט אים באַשטימט אויף דער וואָך.

די חברים האָבן אים אָבער אויסגעלערנט: פאַר דירה און קאָכן 20 קאָפּיקעס, אויף ברויט 32 קאָפּיקעס, בלייבט נאָך גאַנצע 23 קאָפּיקעס. קען מען קויפן פאַר 2 קאָפּיקעס אַ טאָג גרויפּן, 3 קאָפּיקעס אויף באָד־געלט אַלע פרייטאָג, 2 קאָפּיקעס דער וועשין, בלייבט נאָך אַלץ 4 קאָפּי־קעס אַ וואָך. דערפון קען מען אָנקלייבן אויף צו פאַרריכטן די שיך און צו צירעווען די סקאַרפּעטקעס. נאָר אויב עס קלעקט ניט, איז רעכט צו גיין אַ ביסל אין צעריסענע שיך אויך. „דירה און קאָכן" האָט געמיינט, אַז פאַר דעם געלט נעמט זיך שוין די בעל־הביתטע אונטער אויסצוקאָכן אַ קרופּניק פון די גרויפּן וואָס דער ישיבה־בחור האָט געקויפט פאַר זיין געלט.

אין דעם שטייגער לערנען האָט זיך דער ניי־געקומענער באַלד איינ־געוווינט. מען פלעגט אויפשטיין פינף אַ זייגער אין דער פרי און זיך

זעצן לערנען ביז אַכט. ביי קאָווּנערן איז דאָס קיין נאָווינע ניט געווען: ווען ער פלעגט באַגינען גיין צום ברודער אין ראַבינער־שול מאַכן די לעקציעס, פלעגט ער אויפשטיין נאָך פריער. פון אַכט ביז ניין האָט מען געדאַוונט, און דערביי פלעגן זיך צו די צוויי הונדערט בחורים אַריינ־שפּאַרן אין קלויז נאָך שטאָטישע בעלי־ביתים אויך. פון ניין ביז צען האָט מען געגעסן אָנבייסן, אַלץ אין דער זעלבער קלויז: ברויט מיט וואַ־סער. דערנאָך האָט מען זיך תיכּף ווידער גענומען צום לערנען. אַרום האַלבן טאָג פלעגט זיך באַווייזן דער משגיח און אַוועקזעצן זיך זאָגן דעם שיעור.

די מער פעיִקע און די וואָס האָבן באַגערט לערנען פלעגן זיך אויס־שטעלן אַרום דעם משגיחס שטענדער און זיך איינהערן אין זיינע רייד און אים איבעררייסן מיט אַ קשיה אָדער אָפּפרעגן זיינע אַ קשיה. די אַנדערע האָבן זיך געמעגט ניט איינהערן אויך — דעם משגיח האָט עס ניט געאַרט.

פון צוויי ביז פיר פלעגט מען גיין אָפּעסן דעם קרופּניק און אָפּרוען זיך. פון פיר ביז זעקס פלעגט מען ווייטער לערנען, זעקס אַ זייגער דאַווענען מנחה, נאָך דעם ווידער לערנען, און ניין אַ זייגער, נאָך מעריב, פלעגט מען אַריינכאַפּן נאָך אַ פּאָר שעה לערנען.

ווייט ניט אַלע ישיבה־בחורים זיינען געווען עילוים, אָבער אַלע האָבן דאָס געוואָלט ווערן. און דאָס האָט יעדערער געוווּסט, אַז עס זיינען פאַראַן המצאות ווי אַזוי צו ווערן אַ בעסערער לערנער — אַ חוץ לערנען גופא. ווען קאָווּנער האָט זיך אַ ביסל איינגעלעבט מיט דער חברה איז ער געוווּיר געוואָרן וואָס מען טוט. מען פאַסט אָפּ צוויי מעת־לעת, אָבער טאַקע ממש פאַסטן, ניט צו נעמען אַפילו קיין טראָפּן וואַסער אין מויל אַריין: דערנאָך בלייבט מען אַליין אַ נאַכט אין בית־מדרש, מען עפנט דעם אָרון־קודש, מען נעמט אַ ספר־תורה אין האַנט אַריין און אַזוי זיצט מען אָפּ ביז אין דער פרי מיט אַ צעבראָכן האַרץ.

דער רעצעפּט איז ניט קיין זייער קלאָרער, נאָר אַזוי האָט זיך דאָס קאָווּנערן געדענקט מיט אַ פופציק יאָר שפּעטער. ער האָט געקענט גאַנץ גוט לערנען, נאָר אַנדערע האָבן געקענט נאָך בעסער, און די אַמביציע האָט אים אויך געשטופּט צו ווערן אַן עילוי. ער האָט קיינעם ניט אויס־

געזאָגט און זיך אויך גענומען פאַסטן, כאָטש ער האָט זייער מורא געהאַט צו בלייבן איינער אַליין אין בית־מדרש אין דער שעה ווען די מתים קומען אַהין דאַווענען. אָבער צו דעם איז סיי ווי ניט דערגאַנגען, ווייל מער ווי דרייסיק שעה אָן עסן האָט ער ניט אויסגעהאַלטן.

האָט ער באַשלאָסן אָפּצוטאָן אַן אַנדער זאַך, וואָס דאָס האָט אויך געקענט העלפן צו אַ גוטן קאָפּ. ווער עס טוקט זיך אָפּ ערב יום־כיפּור דריי הונדערט מיט צען מאָל (ש״י טבילות רופט זיך דאָס) אין פליסנדיק וואַסער, דער קויפט זיך אַ זיכערן חלק עולם־הבא. דורכ־מאַכן די ש״י טבילות, איז ביי אים אויסגעקומען, איז גרינגער ווי פאַסטן צוויי מעת־לעת און פאַרברענגען אַ נאַכט מיט מתים.

יום־כיפּור איז יענעם יאָר אויסגעפאַלן שפּעט. ס'האָט שוין געכאַפּט אַ פרעסטל ביי נאַכט, און די שמאָלע מיראַנקע איז געווען באַדעקט מיט אַ דינעם שיכט אייז. אָבער קאָוונער איז אויפגעשטאַנען פאַר פרי, אַוועק צום טייכל, אויף גיך אַראָפּגעוואָרפן די בגדים און זיך אָפּגעטוקט מיטן קאָפּ אין אייזיקן וואַסער. ס'איז אים געוואָרן גוט קאַלט, נאָר ער האָט געהאַפּט, אַז ער וועט פאָרט דורכפירן וואָס ער האָט זיך פירגענומען.

אָבער מער ווי ביז ניין טבילות האָט ער ניט דערצויגן. זיין גוף איז געוואָרן בלוי, ס'האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם, און ער איז קוים אַ לעַ־בעדיקער אַרויס אויפן ברעג. ער האָט זיך דערוואַרעמט אַ ביסל און צוגעביסן. דעם יום־כיפּור האָט ער אָפּגעפאַסט מיט לייטן גלייך, אָבער אויף מאָרגן האָט ער באַקומען אַזאַ ווייטאָג אין בויך, אַז ער האָט ניט געקענט איינשטיין אויף די פיס און זיך געמוזט צולייגן. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן ספּאַזמעס, און ער האָט פאַרהילכט די קלויז מיט זיינע געשרייען.

עס איז געקומען אַן אַלטער פאַרפעטסטער ייִד, האָט זיך קאָוונער שפּעטער דערמאָנט, אַ טאָפּ געגעבן אין בויך און פאַרשריבן די רפואה וואָס מען האָט שוין געוווסט פון פריִער: געהאַקטע באַנקעס. אין אַ שעה אַרום האָט שוין דער רופא געהאַט איינגעשניטן ווו מען דאַרף מיט אַ גאָלמעסער און צוגעלאָזט דרייסיק באַנקעס צום בחורס גוף.

און וואָס מיינט איר? אין צוויי טעג אַרום האָט ער זיך שוין ווייטער געשאָקלט ביי דער גמרא.

קיין דאָקטאָר איז ניט געווען ניט נאָר ביי דער ישיבה, נאָר אין גאַנצן שטעטל בכלל. באַנקעס — אַ מאָל פּשוטע און אַ מאָל געהאַקטע — זיינען געווען די אוניווערסאַלע תרופה. פון דעסט וועגן האָט מען ווינציק געקרענקט, כאָטש די לופט אין קלויז, ווו אַ סך בחורים האָבן גענעכטיקט אויך איז געווען דערשטיקט צו ווערן און כאָטש געגעסן האָט מען, וואָס מען רופט, קדחת מיט כשרע פאַדעם. אַ גרויסער טייל בחורים האָבן געליטן פון בייסענישן און נאָך אַזוינע אַנטיקן, אָבער דאָס האָט זיך ניט גערעכנט פאַר קיין קרענק, האָט קאָונער שפּעטער אויפגעוואָרפן מיט ביטערקייט: ווען עס בייסט דער זאָל זיך קראַצן געזונטערהייט.

אין אַ שטעטלשן בית־מדרש

איבערגעריסן האָט זיך קאָוונערס לערנען אין ישיבה איבער אַן אומגעריכטן טראַף.

ניט אַלע בחורים פלעגן אָפּעסן זייער אָנבייסן אין קלויז גופא. טייל פלעגן זיך פונאַנדערגיין אויף זייערע קוואַרטירן. אַזוי ווי די קלויז איז צו שחרית געווען פול מיט דאַוונערס, איז געווען אַ שאַנס זיך אַרויסצו־רוקן אַ ביסל פרי׳ער און קיינער זאָל ניט זען. קאָוונער אַליין פלעגט אויך פון צייט צו צייט אויסנוצן די געלעגנהייט.

איין מאָל ביים סוף פון דאַוונען, ווען קאָוונער האָט ווידער אַ מאָל געוואָלט זיך אָפּטראָגן פאַר דער צייט, האָט ער באַמערקט, אַז דער משגיח גיט אים אַ ווונק, ער זאָל בלייבן. נאָכן אויסשפּייען האָט דער אַלטער אים צוגערופן צו זיין שטענדער. נאָך איידער קאָוונער האָט באַוויזן צו פרעגן: „וואָס איז, רבי?" האָט ער געכאַפּט אַ פּאַטש אין באַק און אַ צווייטן און אַ דריטן.

דער גאַנצער עולם האָט געגאַפט. דער אַלטער האָט זיינס אָפּגעטאָן, ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט און איז אַוועק. קאָוונער איז געבליבן ניט טויט ניט לעבעדיק. דאָס פּנים האָט אים געפלאַמט פון ווייטאָג און נאָך מער פון בושה. צי האָט ער אַליין געוווסט, פאַר וואָס דאָס קומט אים? אין זיינע זכרונות האָט ער דאָס ניט אויסגעזאָגט; ער באַשרייבט עס אַזוי ווי ־ער פסק וואָלט אים געטראָפן ווי אַ דונער פון לויטערן הימל. ער האָט

זיך מער ניט געקענט באַווייזן פאַר די שטעטלשע ייִדן, זאָגט קאָוונער, און באַשלאָסן אַוועקצופאָרן פון דער מיר.

נאָר וווהין פאָרט מען? קומען צוריק קיין ווילנע צו טאַטע־מאַמע אויפן קאָפּ איז ניט מיגלעך. האָט ער זיך דערמאָנט אין אַ ווייטן קרוב אין שטעטל שטויבץ, ניט ווייט פון דער מיר. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, ווי אַזוי מען קומט אַהין. האָט זיך אויסגעלאָזן אַז ס׳איז אין גאַנצן פערט־האַלבן רוסישע מייל פאָרן און פאַר אַ גילדן וועט אים אַ בעל־עגלה אַרויפ־נעמען אויף דער בויד. געזאָגט און געטאָן.

אין שטויבץ איז אים טאַקע געווען אַ סך בעסער. קיין ישיבה איז דאָ ניט געווען, זיינען געווען ווינציק פרעמדע לערנערס אין שטעטל. האָט ער זיך איינגעשאַפּט פולע זיבן טעג. אַלע טאָג אָפּעסן, כאָטשבי איין מאָל צו זאַט, איז ניט פון די קליניקייטן! דערצו איז ער געווען אין גאַנצן פריי. זיין קוואַרטיר איז געווען דער בית־מדרש. ביי נאַכט איז ער דאָ געלעגן אויף דער באַנק, ביי טאָג האָט ער דאָ געלערנט אָן שום השגחה, דאָס הייסט מיט אַנדערע ווערטער: קיינער האָט ניט געקוקט, צי ער באַ־האַלט ניט אונטער דער גמרא קיין ׳טרייף־פסולע״ השכלה־ביכלעך.

די השכלה־צייט האָט אונדז איבערגעלאָזן דאָס קלאַסישע בילד פון דעם ישיבה־בחור וואָס שאָקלט זיך איבער דער גמרא, און אונטער איר באַהאַלט ער אַ טרייף־פסול. טעכניש איז דאָס געווען אַן אויסגעפינס איינס אין דער וועלט, ווייל די גמרא איז אין פאָליאָ־פאָרמאַט און די השכלה־ביכלעך האָט מען געדרוקט אין קליינע פאָרמאַטן, צום גרעסטן טייל נאָך קלענער ווי היינט אַ דורכשניטלעך בוך. נאָר פאַר וואָס האָט מען דאָס געדאַרפט באַהאַלטן? יצחק־בער לעווינזאָן און גאָטלאָבער זיינען געווען פרומע ייִדן, און זיי איז נאָר געגאַנגען אין אויפווייזן, אַז אויפגעקלערטקייט קען זיך איינלעבן מיט פרומקייט. מאַפּוס ראָמאַנען און די העברעיִשע שירים פון דעם פעריאָד זיינען אויך געווען פול מיט ליוב אויף גאָטס גרויסע וווּנדער. נאָר די פאָרשטייערס פון דער טראַדיציאָנעלער ייִדישער וועלט האָבן ניט געוואָלט קיין שום איינבראָך אין ייִדישקייט. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז זאָל מען נאָר דעם טייוול געבן דעם קליינעם פינגער, וועט ער וועלן די גאַנצע האַנט.

קאָונער האָט טאַקע אויסגענוצט, וואָס אין שטיבעך קוקט מען אים ניט נאָך, ער האָט נאָך אין דער מיר געהאַט דערשמעקט, אַז עס איז פֿאַראַן אַ וועלט מחוץ דער גמרא, און אפשר האָבן די אָנפֿירערס פֿון דער ישיבה זיך געהאַט דערוווסט, אַז ער פֿאַרקערעוועט זיך אויף אַ קרומען וועג. דאָ אין שטיבעך האָט ער זיך נאָך מער אַרײַנגעלייענט אין די ביכלעך.

די ווירקונג פֿון דער השכלה איז ניט אויף אַלע ישיבה־בחורים געווען די זעלביקע. געווען אַזוינע, וואָס ווי נאָר זיי האָבן דערשפּירט „די נײַע ווינטן“, זײַנען זיי אַזוי ווי עלעקטריזירט געוואָרן. מיט אַ מאָל איז זיי אַראָפּגעפֿאַלן ווי שופּן פֿון די אויגן: זיי האָבן דערזען, אַז גליק אין לעבן איז אויף יענער זײַט, בײַ די „אויפֿגעקלערטע“, און זיי האָבן אַוועקגעוואָרפֿן די גמרא און זיך גענומען לערנען דײַטש. קאָונער האָט ניט איבערגעלעבט דעם איבערבראָך אַזוי טראַגיש. די בחורים אין דער מיר, וואָס זײַנען שוין געווען אַ ביסל „געכאַפּט אין דער מעשה“, האָבן געקוקט אויף אים מיט התפּעלות: צי איז טאַקע אמת, אַז דו ביסט געווען אין דער ראַבינער־שול? צי איז טאַקע אמת, אַז דו האָסט אין ווילנע געזען מיט די אייגענע אויגן דעם גרויסן משכּיל שמואל־יאָסל פֿינען?

בײַ קאָונערן איז געוויס געווען אָנגעלייגט, וואָס ער האָט מיט וואָס זיך צו באַרימען, אָבער זייער גרויסע פֿאַראינטערעסירטקייט האָט ער ניט אין גאַנצן פֿאַרשטאַנען. בײַ אים איז דער ריס אין יענעם מאָמענט צווישן די צוויי וועלטן ניט געווען אַזאַ שאַרפֿער: אָט איז זײַן טאַטע אַן אַלט־פֿרענקישער ייִד און זײַן ברודער אַן אויפֿגעקלערטער, און כאָטש זיי זײַנען ווײַט איינער פֿון צווייטן, איז ער אָבער נאָענט מיט ביידן. ער האָט צו ביסלעך געזאַפּט אין זיך די אײַנדרוקן פֿון די השכּלה־ביכלעך, אָבער ער איז געבליבן בײַ דער גמרא, און נאָך מיט יאָרן שפּעטער האָט ער אָפּגעהיט אַלע מיצוות. שפּעטער איז געקומען אַ צײַט, ווען קאָונער האָט געגעבן אַזאַ טראַסק אין טיר, אַז טעלער זײַנען געפֿלויגן פֿון די טישן; אָבער דאָס איז שוין געווען אַ טראַסק ניט קעגן דער אַלט־ייִדישער פֿרומקייט, נאָר קעגן די משכּילים גופֿא. ער איז געווען אַ ביסל איבער צוואַנציק, ווען ער האָט זיך שוין אין די משכּילים אויך אַנטוישט.

נאָר לאָמיר ניט כאַפּן די פֿיש פֿאַר די נעץ: דערווײַל האַלט נאָך אורי קאָונער בײַ בר־מיצווה.

פוןביידע זייטן פּלויט

אַ קלויזניק פּאַרקוקט זיך אויף יענער זייט פּלויט

צו בר־מיצווה איז אורי קאָוונער צוריקגעקומען, פון זיין אַרומפּאָרן איבער די ישיבות, קיין ווילנע. די פאַמיליע איז קיין עין־הרע אַלץ גע־וואַקסן, אַלע צוויי יאָר פלעגט צוקומען אַ קינד. קיין פּרנסה איז ניט צוגעקומען. אָבער דער טאַטע איז געוואָרן אויסגעדאַרט ווי אַ שפּענדל, די מאַמע איז געוואָרן אַלץ בייזער און בייזער.

אַנדערע טאַטעס האָבן אָפּגעגעבן זייערע קינדער צו בעל־מלאָכות. אויף קיין גרויסע גליקן האָט זיך אַ בעל־מלאָכה ניט געקענט ריכטן, מער ווי צו אַ שטיקל ברויט האָט ער זיך אין בעסטן פאַל ניט געקענט דער־שלאָגן. אָבער דעם טאַטן איז כאָטש געוואָרן אַ ביסל גרינגער, ווייל דאָס יינגל האָט ניט געבעטן עסן — דער בעל־הבית פלעגט צונעמען דאָס לערניינגל מיט קעסט און וווינונג. הירש קאָוונער האָט אָבער געהאַט העכערע פּלענער פאַר זיינע קינדער. מיט איינעם, שאולן, איז ער געווען דורכגעפאַלן — ער איז אויפן וועג פון די אויפגעקלערטע! דאָס איז ניט געווען קיין סגולה צו טאָן אַ גוטן שידוך מיט די אַנדערע קינדער, אָבער עס איז פאָרט געווען אַ האָפענונג, אַז ווען די בחורים וועלן זיין לערנערס וועט מען זיי נעמען פאַר איידעמס אין פאַרמעגלעכע משפחות. אייזיק, אַ צווייטער ברודער אוריס, איז שוין טאַקע געשטאַנען אין שידוכים.

וואָס פאַר אַ מעמד מישטיינס געזאָגט עס איז געווען אין שטוב קען מען זען פון אַזאַ פאַל, וואָס קאָוונער האָט אים געדענקט מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער.

עס איז אין אַ נאָווינע ווידער געבוירן געוואָרן אַ קינד, נאָר אין דריי טעג אַרום איז דאָס עופעלע געשטאָרבן. דער טאַטע איז אַוועק און אין אַ פּאָר שעה אַרום געקומען מיט צוויי חברה־קדישא־יידן וואָס האָבן געדאַרפט אַרויסטראָגן דעם בר־מינן. נאָר ווען ער איז אַריין אין שטוב, האָט ער דערהערט אַ פּישטשעריי.

— אוי, ווי איז צו מיר, צוריק אָפּגעלעבט! — האָט ער אַ געשריי געטאָן און איז געבליבן בלייך ווי די וואַנט.

קיין שום נס פון תחית־המתים איז ניט געשען. די געווינערין האָט געהאַט גרויס ווייטאָג פון צופלוס פון מילך, איז די באָבע אַוועקגעלאָפן און האָט געבראַכט אַ הינטל „אויף אָפּצוזייגן". גראָד אין דער רגע ווען

דער טאַטע איז אַרײַן אין שטוב, האָט דאָס הינטל אַ פּישטשע געטאָן, האָט דער טאַטע געמיינט, אַז עס איז דעם קינדס קול.

מען קען זיך אויסמאָלן דעם דלות און די געדריקטקייט פֿון אַזאַ ייִדן ווי הירש קאָוונער, אויב ער האָט געקענט אַזוי פֿאַרציטערט ווערן פֿון געדאַנק, אַז זײַן קינד איז נ י ט געשטאָרבן.

טריב און פֿאַראומערט האָבן זיך געצויגן אורי קאָוונערס טעג. פֿון פֿרי ביז שפּעט איז ער געזעסן אין קלויז ביי דער גמרא. אַנדערע בחורים זיינען אפשר געווען גליקלעך ביי אַזאַ לעבן, נאָר אים האָט גענומען ציִען ערגעץ אַנדערש. און דאָ איז שוין ניט אָנגעגאַנגען צו האַלטן די השכלה־ביכלעך אונטערן ספר. ס'איז געווען ברוך־השם ווער ס'זאָל אַכ־טונג געבן. דער טאַטע און דער ברודער אייזיק פֿלעגן ניט זשאַלעווען קיין פּעטש, אויב זיי פֿלעגן כאַפּן דעם בר־מיצווה־בחור ביי אַ טרייף־פּסול ביכל; און טאָמער האָט ער געפּרוּווט לייענען אין דער היים, האָט די מאַמע אויך געהאַט אַ געזונטע האַנט.

גראָד האָט אים איצט, מעשה שטן, גענומען ציִען צו די השכלה־ביכלעך, נאָך שטאַרקער ווי פֿריִער. דורך זיי האָט ער געהערט דעם אָפּ־קלאַנג פֿון אַ נייער וועלט, און ווי אַלע מאָל האָט דאָ אויך דאָס ווייטע, דאָס פֿרעמדע געהאַט אַלע חנען. אַ פּאָר הונדערט טריט פֿון זיי, אויף ראָג ברייטע און דייטשע גאַס, האָט אין ראָטהויז געשפּילט אַ פּוילישער טעאַ־טער. נאָך נעענטער צו זיי, נאָך איידער מען דערגייט צו דייטשע, איז געווען דער פֿריצישער קלוב. אָוונט פּאַר אָוונט פֿלעגן זיך דאָרטן צונויפֿ־פֿאָרן קאַראָטן און עלעגאַנטע דאַמען אין זיידענע קליידער פֿלעגן זיך דאָרטן באַווייזן אויף אַ רגע און פֿאַרשווונדן ווערן אין טויער און פֿון די העל באַלויכטענע פֿענצטער האָט זיך געטראָגן מוזיק. אָט דאָס איז לעבן! און דורך השכלה קען אַ ייִדישער בחור זיך אויסלערנען שפּראַכן אַזוי ווי ייִדן אין דייטשלאַנד און צוקומען צו בילדונג און אויך געניסן פֿון דער אַלמענטשלעכער קולטור. און ער, אורי קאָוונער, דאַרף דאָס זיצן אין קלויז און לערנען, צי מען מעג עסן אַן איי וואָס אַ הון האָט געלייגט אום יום־טוב; צי מעג מען ניצן אַ פֿליישיקן טאָפּ אויב עס האָט אַהין אַרײַנגעשפּריצט אַ טראָפּן מילך; צי איז דער גט אַ גט, אויב ביים אָנשרייבן אים איז כאָטש איין אות געווען איבערגעפּירט; צי טויג

די מצה, אויב אין טייג איז אַרייגעפאַלן אַ קערנדל זאַלץ... וואָס אַרט אים די איי, דער טאָפּ, דער גט און די מצה? ער וויל לעבן מיט לייטן גלייך!

היינט זיינען מיר אַלע גרויסע מבינים אויף דער השכלה. מיר ווייסן, אַז זי איז געווען נאַיוו, אַז זי האָט ניט געזען די גוטע זייטן פון טראַדי־ציאָנעלן יידישן לעבן און האָט זיך איינגערעדט מיט קינדערשער התפּעלות, אַז אין דער פּרעמדע, ביי „זיי", איז אַלץ שיין און גוט און ליכטיק. אויך ווייסן מיר היינט, וואָס דייטשלאַנד, דאָס אויפגעקלערטע און געבילדעטע לאַנד, אין וועלכן יידן זיך האָבן זיך געשפּיגלט, האָט אָפּגעטאָן, אין קאָוונערס ווילנע און אין גאַנץ אייראָפּע, מיט יידן אין הונדערט יאָר אַרום נאָך קאָוונערס קומען אויף דער וועלט און אַז „אויפגעקלערטע" יידן האָבן דערביי געהאַט פּונקט דעם זעלבן גורל ווי „ניט־אויפגעקלערטע". אָבער ווי אַזוי האָט קאָוונער דאָס געקאָנט פאָרויסזען, ווי אַזוי האָבן די משכילים בכלל דאָס געקאָנט פאָרויסזען? די וואָס האָבן געטראַכט אין פּאָליטישע טערמינען האָבן געזען, אַז אין האָלאַנד און אין פראַנקרייך און אין טייל דייטשישע מלוכות האָבן יידן זיך אַ נעם געטאָן צו בילדונג, האָבן זיי שוין געקראָגן בירגערעכט אָדער זיי שטייען אויפן שוועל פון עמאַנצי־פּאַציע. אין רוסלאַנד ווידער האַלטן זיך יידן ביי זייער אַלטן דרך און מען גיט זיי ניט קיין רעכט; האָבן די „בערלינטשיקעס" געמיינט, אַז מען דאַרף דאָך זיין אַ בלינדער אויף ניט צו זען, וואָס עס איז דערפון גע־דרונגען. און די יונגע בחורים וואָס האָבן זיך געצויגן צו השכלה האָבן זיך גאָרניט אַריינגעטאָן אַזוי טיף אין באַטראַכטונגען. זיי האָבן נאָר געזען, אַז אין פּריצישן קלוב איז ליכטיק און אין קלויז איז פינצטער. אַז די ברייטע גאַס, ווו דער טעאַטער שטייט, איז רחבותדיק און די יידישע גאַס איז שמאָל. ביי זיי האָט מען געזען פּאַראַדן און בעלער און פאַרשטע־לונגען, ביי אונדז איז אַלץ קליין, אַלע שימחות שפּילן זיך אָפּ אין קרייז פון דער אייגענער משפּחה, ביי זיך אין שטוב.

נאָר צוויי פאַרווײַלונגען זיינען געווען וואָס האָבן אַריינגעצויגן אַ גרויסן עולם, מען פלעגט גיין הערן אַ מגיד, און דער עיקר — שבת און יום־טוב פלעגט מען גיין אין דער גרויסער שול און הערן דעם חזן מיט זיינע משוררים.

גראָד האָט ווילנע דעמאָלט באַקומען אַ נײַעם חזן — דער „לאָמזער" האָט מען אים גערופֿן. עלטערע לײַט האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף ניט קײן נײַסן, אַז דער אַלטער חזן איז אויך גוט. אָבער די יִנגערע בעלי־בתּים, וואָס צווישן זיי זײַנען שוין אויך געווען „בערלינטשיקעס", האָבן זיך אײַנגעשפּאַרט און אויסגעפֿירט. און דערנאָך זײַנען אַלע געווען צו־פֿרידן. דער לאָמזער חזן האָט אַזוי אויסגענומען, אַז מען האָט געמיינט, אַז די ווענט פֿון דער גרויסער שול וועלן צעשפּאַרט ווערן. האָט קהל באַ־שלאָסן צו מאַכן אַ שטיקל געשעפֿט און גענומען אַרײַנלאָזן אויף בילעטן, פֿון צען ביז צוואַנציק קאָפּיקעס אַ בילעט.

דאָס איז דעמאָלסט געווען אַ נישקשהדיקע מטבע, אָבער מיר ווייסן דאָך: אַ ייִד וועט באַדיי פֿון מויל אָפּרײַסן, אַבי הערן אַ גוטן חזן. אורי קאָוונער אַליין פֿלעגט אויף זײַנע בילעטן אָפּשפּאָרן אין משך פֿון אַ פּאָר חדשים פֿון די איינציקע גראָשנס וואָס דער טאַטע פֿלעגט אים געבן אַלע טאָג אויף אָנבײַסן.

דאָס זײַנען געווען די איינציקע עפֿנטלעכע אַרויסטרעטונגען, פֿון וועלכע קאָוונער און די טויזנטער בחורים פֿון זײַן גראַד, האָבן געהנאָסן. ער האָט געזען אין די גאַסן אַפֿישן וועגן טעאַטער, וועגן צירק, וועגן מאַסקאַראַדן, און אַ דאַנק זײַן לערנען אין דער ראַבינער־שול האָט ער געקענט דורכקריכן דורכן האַרבן, פֿרעמדשפּראַכיקן טעקסט. וואָס איז דער חידוש, וואָס עס האָט געגאַגט אין אים און געצויגן? לעת־עתּה איז נאָך דער צוים געווען אַ פֿעסטער און דער קאָפּ האָט איבערגעחזרט וואָס גאָט האָט געבאָטן און וואָס גוטע און פֿרומע לײַט הייסן: ד ע ר סאָרט עולם־הזה איז ניט פֿאַר דיר. אָבער מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט זיך די אָנגעקליבענע בענקעניש נאָך דער פֿרעמד אַרויסגעריסן אויפֿן אייבער־פֿלאַך און איז פֿאַרקערט געוואָרן אין אַ שינאה צו אַלץ וואָס איז היימיש...

כאַפּערס אויף די ווילנער גאַסן

מיר האַלטן איצט בײַ דער צײַט פֿון דער קרימער מלחמה, די גסיסה־יאָרן פֿון ניקאָלײַ דעם ערשטנס רעגירונג. מען האָט אין לאַנד ניט געוווּסט קײן סך וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אויפֿן פֿראָנט, אָבער אַז רוסלאַנד כאַפּט מפּלות האָט מען געוווּסט. און אַז ניקאָלײַ דאַרף נאָך זעלנערס האָט

מען אַליין געזען. ווילנער קהל האָט אויך געאַרבעט מעשים כדי צונויפ־קריגן דעם סכום זעלנערס, וואָס מען האָט פון אים געפאָדערט. פון יענער צייט איז ביי קאָוונערן פאַרבליבן אין זכרון אַזאַ מין איבערלעבונג:

אויף איינעם פון די לעבעדיקסטע ווינקלען פון שטאָט, ראָג דייטשע און טראָקער גאַס, האָט אַ געזונטער ייִדישער יונגער־מאַן זיך שטאַרק געאַמפּערט מיט אַ זעלנערל. עס האָט זיך באַלד אָפּגעשטעלט אַן עולם. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דער ייִד איז אָקאָרשט אַנטלאָפן פון אַ קאַזאַרמע, ווו מען האָט געהאַלטן די „פּאָימעניקעס*)‚ דער זעלנער איז דאָרטן געשטאַנען אויף דער וואַך; ווען ער האָט באַמערקט, אַז דער ייִדישער בחור אַנטלויפט, איז ער אים נאָכגעלאָפן און אים געבעטן רחמים, אַז ער זאָל אים ניט אומגליקלעך מאַכן און זאָלן זיך אומקערן אין קאַזאַרמע.

דער בחור האָט אָבער, פאַרשטייט זיך, ווינציקער געקלערט וועגן דעם זעלנערס טובה ווי וועגן זיך אַליין. ער איז געווען בלייך ווי דער טויט, געקריצט מיט די ציין און שוין געווען אויפן שפּרונג צו לויפן ווייטער. איז אָבער אָנגעקומען אַ צווייטער זעלנער און אים פאַרשטעלט דעם וועג. נאָר ביידע צוזאַמען האָבן אויך ניט געקאָנט אַוועקשלעפּן דעם שטאַרקן יונגן־מאַן.

דערווייל איז דער עולם נייגעריקע געוואָרן אַלץ גרעסער. אַנטלויפן איז שוין איצט געווען אוממיגלעך. האָט דער אומגליקלעכער זיך אָנגע־כאַפּט אין דער קליאַמקע פון אַ טיר פון אַ קראָם, און וויפל די זעלנערס האָבן אים געשלעפּט, האָט ער זיך ניט געלאָזט אָפּרייסן.

נאָר דאָ זיינען אויסגעוואַקסן, ווי פון אונטער דער ערד, צוויי געזונ־טע כאַפּערס. דערזען זיי, האָט דער יונגער־מאַן גענומען ציטערן, אָבער אָפּגעלאָזט האָט ער נאָך אַלץ ניט, און קיין צו גרויסן סקאַנדאַל האָבן די כאַפּערס ניט געוואָלט מאַכן אין מיטן העלן טאָג. איז איינער געבליבן אויפן אָרט, דער צווייטער איז אַוועק אין קאַזאַרמע נאָך „פאַרשטאַרקונ־גען” און געבראַכט נאָך צוויי זעלנערס. זאַלבעפערט איז שוין די באַוואָפנ־טע מאַכט דעם בחור בייגעקומען און מען האָט אים גענומען אָפּפירן אין קאַזאַרמע אַריין, אונטערהעלפנדיק פון צייט צו צייט מיט אַ זעץ אין רוקן.

*) געכאַפּטע צו מיליטער־דינסט.

מ. ווײנרײך

— דער חתן־בחור טרוימט וועגן שרייבעריי —

ווען אורי קאָוונער איז אַלט געווען אַ יאָר פופצן, האָט זיין עלטערער ברודער יצחק־אייזיק — ער איז שפּעטער אַליין געוואָרן אַ משכּילישער שרייבער — חתונה געהאַט מיט אַ סמאַרגאָנער מיידל. די גאַנצע משפּחה (אַחוץ שאולן פון דער ראַבינער־שול) איז אַרויסגעפאָרן אויף דער חתונה. קיין באַן איז דעמאָלט ניט געווען, דורכפאָרן די זעקס און זיבעציק וויאָרסט מיט פורן האָט גענומען דריי מעת־לעת. עס איז געווען ווינטער און מען איז גוט אָפּגעקומען אין וועג.

נאָר ס׳האָט געלוינט. אַ חתונה אין אַ שטעטל איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש ווי אין ווילנע. אין שטעטל האָבן ייִדן זיך געפילט פריי. די גאַס איז געווען זייערע, קיין גויִים האָט מען כמעט ניט אָנגעזען. אַ גאַנצע וואָך האָט מען געהוליעט. די כּלה האָט געהאַט אַ סך ברידער, האָט יע־דערער געהאַלטן פאַר זיין חוב צו מאַכן וואָס אַ ברייטערע סעודה. און כמעט גאַנץ סמאַרגאָן האָט מיטגעהוליעט.

אויף אַזאַ גליק האָט זיך די משפּחה קאָוונער גאָרניט גערעכט. אויף דעם שדכנס שבועות וועגן דעם מעמד פון דער כלהס משפּחה האָט מען ניט אַזוי שטאַרק געקענט בויען. איצט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז טאַקע ניט צו פאַרזינדיקן. און מען האָט גאָרניט געדאַרפט אַזוי ווייט איבערטראַכטן אויף הנאה צו האָבן. הירש קאָוונער האָט האָלט געהאַט צוצובייסן ווי ס׳געהער צו זיין און האָט גאַנץ זעלטן נעבעך געהאַט דערצו אַ געלעגנהייט. דאָ האָט ער זיך פאַרגיטיקט פאַר אַ לאַנגער צייט: עס איז גערונען איבער דער באָרד. אַפילו זיין ווייבס פּנים וואָס איז אַלע מאָל געווען פאַרכמורעט האָט זיך אויך אַ ביסל אויסגעלייטערט.

פון איין גליק איז נאָך אַרויסגעוואַקסן אַ צווייטס. מען האָט שוין דאָ געפונען אַ זיווג פאַר דער טאָכטער העניען אויך. זי איז אַלט געווען אַ יאָר צוועלף, דער חתן אַ יאָר עלף; שרייבן תּנאים איז שוין הייסט עס געווען צייט. און דער אונטערשייד אין די יאָרן האָט ניט אויסגעמאַכט.

אַ גרויסן צער האָט דערפאַר איבערגעלעבט אונדזער אורי.

ער איז דאָך שוין געווען אַ בחור אין די יאָרן, און מיט אים האָט מען אַוודאַי געקענט שוין טאָן אַ שידוך. עס האָט זיך טאַקע גענומען עפּעס אויספּיקן פאַר אים, און דאָס שיינע מיידעלע איז אים זייער גע־

פעלן. ער האָט זיך שוין געלייגט פייגעלעך אין בוזעם, אַז אָט אָט ווערט ער אַן איידעם אויף קעסט, ער וועט ניט דאַרפן אָנקומען צו קיינעמס חסד. אָבער די האָפענונגען זיינען באַלד אויפן אָרט צערונען געוואָרן: דעם מיידלס עלטערן האָבן באַשלאָסן, אַז זיי קענען אויספירן עפּעס שע־נערס. דאָס וואָלט נאָך געווען צו דערליידן. אָבער אַ ייִנגערע שוועסטער זאָל טאָן אַ שידוך און ער ניט — דאָס האָט אורי ניט געקענט אַריבער־טראָגן. ווען מען האָט געשריבן תנאים פאַר העניען, האָט זיך אונדזער פּופּצניאָריקער אַלטער בחור צעוויינט אויפן קול.

זיינע טרערן האָבן ביי אַלעמען אַרויסגערופן אַ געלעכטער. מערניט די מאַמע האָט פאַרשטאַנען: אַ מאַמעס האַרץ איז דאָך אַ זייגער. זי איז צו אים צוגעגאַנגען און אים אַ גלעט געטאָן.

גאַנצע דריי יאָר האָט נאָך אורי קאָוונער געדאַרפט וואַרטן ביז מען האָט אים חתונה געמאַכט. אין צווישנצייט האָט ער צוויי מאָל געהאַט געלעגנהייטן צו טאָן אַ שידוך, אָבער דאָ האָט ע ר שוין ניט געוואָלט. און ווען מען האָט צו זיינע אַכצן יאָר טאַקע געטאָן מיט אים אַ שידוך, איז ער אויך געווען ווייט פון גליקלעך.

איין מאָל איז דאָס געווען אין קאָוונע, וווהין ער איז אַוועקגעפאָרן לערנען אין אַ קלויז.

צווישן די ייִדן ביי וועמען ער האָט דאָ געגעסן טעג איז געווען איינער אַ שענקער. ס'איז אין שענק געווען זייער ניט היימלעך: גאַנצע טעג אַ טומל און אַ הו־האַ, און דאָס עסן אויך ניט איבעריקס.

פלוצלינג האָט אורי גענומען באַמערקן, אַז מען נעמט לייגן אויף אים אַ סך מער אַכט. דאָס עסן איז געוואָרן בעסער. די בעל־הביתטע אַליין האָט זיך גענומען צוזעצן צו אים, פרעגן צי עס איז געשמאַק. דערנאָך פלעגט זי אַריבערפירן דעם שמועס אויף קאָוונערס היים, אויף זיינע טאַטע־מאַמע און פריינט. אין גיכן האָט ער זיך געכאַפּט, וואָס מען וויל פון אים. אין שטוב איז געווען אַ טאָכטער ,אַ מיידל אין זיינע יאָרן, וואָס האָט זיך כסדר געשטופּט צווישן די געסט. ניט קיין שיינע און אַ שמוציק־לעכע אויך.

קאָוונער האָט זיך אַוועקגעשטעלט מעשה געניטער מענטש. ער האָט ניט געזאָגט בפירוש ניין, נאָר ער האָט אַרויסגערוקט אַזוינע פאָדערונגען,

אַז די בעל־הביתטע האָט זיך איבערגעשראָקן. ער האָט אַ פּאָדער געטאָן נדן פיר הונדערט רובל זילבער, דערצו פּאַר הונדערט רובל מתנות און ניט ווינציקער ווי פיר יאָר קעסט.

—איי־איי־איי, אַזוי האַלסטו עס פון זיך? האָט געענטפערט די בעל־הביתטע און איבערגעריסן דעם שמועס.

פון דעם שידוך איז גאָרניט געוואָרן, און עסן דאָרטן ווייטער דעם טאָג האָט שוין קאָוונער אויך ניט געקענט, איז ער אַוועק פון קאָוונע אין דעם דערבייזיקן שטעטל מערעטש. דאָ האָט זיך געגומען שדכנען צו אים אַ בית־מדרש־ייִד. אָבער דאָס מאָל האָט זיך קאָוונער אַרויסגעדרייט מיטן תירוץ, אַז ס'איז נאָך צו פרי חתונה צו האָבן.

ער האָט געלערנט אין די קלויזן און געקוקט אין די „טרייף־פּסולן", וואָס ווייטער מער. אין קאָוונע זיינען שוין געווען ניט ווינציק בחורים וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר גאַנצע משכּילים. פון זיי פלעגט קאָוונער באַקומען השכלה־ביכלעך, און ער האָט זיך צונויפגעחברט מיט זיי. אַ וויכטיקער מענטש אין דער דאָזיקער חברותא איז געווען איסר־בער וואָלף, שפּעטער פון די גאָר באַוווּסטע כלל־טוערס אין זיין היימשטאָט, יעמאָלט נאָך אַ קלויזניק. נאָר ער האָט שוין זוכה געווען צו דרוקן שירים אין המגיד, און די אַנדערע האָבן צו אים אַרויפגעקוקט. קאָוונער האָט אויך גענומען שרייבן העברעיִשע שירים.

אין יענע צייטן האָט מען געמיינט צווישן דער ישיבה־יוגנט, אַז ווער עס קען די טעכניק פון שרייבן לידער, דער קען טאַקע שרייבן. קאָוונער האָט זיך אויסגעלערנט די קונצן: אַז איטלעכע שורה מעג האָבן ניט מער ווי עלף טראַפן; אַז פון די אָנהייב־אותיות פון יעדער שורה דאַרף זיך צונויפשטעלן אָדער זיין אייגענער נאָמען, אָדער דער נאָמען פון דער פּערזאָן, וואָס צו איר ווענדט ער זיך מיט זיין שיר; און אַ מאָל פלעגט זיך אים נאָך איינגעבן אויסצוקאָמבינירן, אַז די אותיות פון יעדער שורה זאָלן מאַכן דאָס יאָר תרי"ח (1858), אין וועלכן ער האָט זיך דאָ געשניטן אויף אַ פּאָעט.

ביי די חברים האָבן קאָוונערס שרייבעכצן אויסגענומען, און ער האָט זיך שוין גענומען האַלטן פאַר אַ גרויסן משורר. אין עטלעכע יאָר אַרום אָבער, ווען ער האָט זיך באַקענט אויף אַן אמת מיט דער העברעיִ־

שער פּאָעזיע, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זיינע אייגענע פערזן האָבן קיין ווערט ניט, און ער האָט זיי אַלע פאַרברענט. נאָך אַ ביסל שפּעטער, ווען ער האָט זיך אַריינגעלייענט אין די רוסישע און דייטשע פּאָעטן, האָט ער זיך מיאש געווען אין דער פּאָעזיע פון זיינע לערערס די משכילים אויך. דעמאָלט איז עס געוואָרן דער גרויסער קאָוונער־סקאַנדאַל אין דער העב־רעישער ליטעראַטור.

„די וועסנעצייט"

אין יאָר 1860 האָט זיך קאָוונער אומגעקערט קיין ווילנע. ער איז אַלט געווען אַכצן יאָר. אין דער געזעלשאַפט האָט זיך געשפּירט אַן אויפ־לעבונג. „נייע ווינטן האָבן גענומען בלאָזן", ווי מען פלעגט זיך אויסדריקן מיט מליצה. ניקאָליי איז געווען טויט, אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן האָט מען געלייגט האָפענונגען, אַז ער איז אַ ליבעראַל. אַ ביסל פאַרלייכ־טערונגען זיינען שוין געווען איינגעפירט, און געריכט האָט מען זיך אויף נאָך גרעסערע. רוסלאַנד איז געשטאַנען סאַמע ערב דער פויערים־באַ־פרייונג. פוילן האָט זיך אויך גענומען גרייטן צו קריגן מער פרייהייט — אויב ניט מיט גוטן איז מיט בייזן. פון וואַרשע זיינען געקומען גרוסן, אַז די פוילישע יוגנט שטורעמט, אַז זי וויל מער ניט ליידן דעם רוסישן יאָך. פּאָליאַקן אין ליטע האָבן אויך געמיינט, אַז מען קען ברענגען צוריק די אַלטע פוילישע מלוכה וואָס האָט זיך געצויגן פון באַלטישן ים ביזן שוואַרצן ים.

ביי יידן האָט זיך אויך אויפגעהויבן אַ שטיקל באַוועגונג. מענדעלע מוכר־ספרים האָט די דאָזיקע צייט שפּעטער אָנגערופן „די וועסנעצייט פון יידישן לעבן" אין רוסלאַנד. וועגן שטעלן זיך קעגן דער רעגירונג, וועגן אויסקעמפן עפּעס ביי איר האָט נאָך די יידישע אינטעליגענץ דע־מאָלט ניט געטראַכט. אָבער איצט, ביי דעם מער ליבעראַלן רעזשים זיינען זיי געוואָרן נאָך מער זיכער, אַז די רעגירונג אַליין ווייסט, וואָס פאַר יידן איז גוט, און זי אַליין וועט געבן זואָס מען דאַרף, אויב יידן וועלן זיך נאָר פירן ווי ס'געהער צו זיין. אין שטוב מעגן יידן ווייטער זיין יידן, זאָלן זיי נאָר אין גאַס זיין מענטשן. דערצו האָבן נאָך די משכילים פון זייער זייט געוואָלט, אַז די יידישקייט אין שטוב זאָל אויך זיין אַ ביסל

מער „מענטשיש", אַ שטייגער אַזוי ווי בײַ ייִדן אין דײַטשלאַנד. לאָמיר זיך פֿאַרקערעווען אויפֿן וועג פֿון אונדזערע מערבדיקע ברידער, וועלן מיר דערצו אָסור ניט דערלייגן.

אין פּרייסן, אין שטעטל עלק (אויף דײַטש האָט מען עס גערופֿן ליק), סאַמע בײַם רוסישן גרענעץ, איז שוין עטלעכע יאָר אַרויסגעגאַנגען אַ העברעיִשע וואָכן־צײַטונג המגיד. דער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער איז געווען, איינער אליעזר זילבערמאַן, דער רב און שוחט אין שטעטל, אַ מענטש מיט ניט קיין גאָר הויכער אינטעליגענץ און מיט קליינע שרײַבערישע פֿעיִקייטן. ער האָט מיטן בלאַט ניט געהאַט אין זינען די דײַטשישע ייִדן. כמעט די גאַנצע אויפֿלאַגע איז געגאַנגען קיין רוסלאַנד. טאָ צו וואָס האָט ער געדאַרפֿט דרוקן אין פּרייסן? ווײַל אין רוסלאַנד איז געווען זייער שווער צו באַקומען אַ דערלויבעניש אויף אַרויסצוגעבן אַ העברעיִשע צײַטונג. האָט זילבערמאַן אויסגערעכנט, און ער איז געווען גערעכט, אַז איידער וואַרטן אויף אַזאַ דערלויבעניש וועט ער בעסער דרוקן די צײַטונג אין אויסלאַנד און זי דורכפֿירן אַלע וואָך דורך דער רוסישער צענזור. יעטוועדער אויסלענדישע צײַטונג פֿלעגט מען דעמאָלט אין די רוסישע צענזור־קאָמיטעטן גאַנץ היפּש בודק זײַן. טאָמער זײַנען געווען אַ סך „טרייפֿע" אַרטיקלען אָדער נאָטיצן, האָט מען פֿאַרהאַלטן דעם גאַנצן נומער, און דער אַבאָנענט אין רוסלאַנד פֿלעגט אים קיין מאָל ניט אָנזען. אויב עס זײַנען געווען ניט מער ווי עטלעכע שורות ניט כשרע, האָט דער צענזאָר זיי פֿאַרשמירט מיט שוואַרצע פֿאַרב. דער נומער פֿלעגט פֿאַרשפּעטיקן צוליב דער פּראָצעדור, אָבער סוף־כּל־סוף פֿלעגט ער אָנקומען צום אַדרעסאַט. זילבערמאַן האָט שוין געזען, אַז אין זײַן בלאַט זאָלן קיין שום זאַכן קעגן רוסלאַנד ניט שטיין: אין די פּאָליטישע נײַעס איז ער געווען געטרײַ אי פּרייסן אי רוסלאַנד. האָט דער צענזאָר ניט געהאַט קיין שום טעם צו פֿאַרהאַלטן דאָס בלאַט, ווײַל אַלץ וואָס דאָרטן איז געשטאַנען איז געווען אויף הונדערט פּראָצענט כּשר.

בײַ אונדז קומט הײַנט אויס דער אינהאַלט פֿון „המגיד" היפּש בטלניש, אָבער פֿאַר יענע צײַטן האָט דאָ געשטעקט אַ געוואַלדיקער פּראָגרעס. אַ קלייניקייט פֿאַר אַ ייִדן געוויר צו ווערן די וועלטנײַעס פֿון אַן

אייגן בלאַט, מען זאָל ניט דאַרפן וואַרטן, ביז וואַנען עמעצער וועט איבּ איבערדערציילן וואָס עס שטייט אין ווילענסקי וויעסטניק!

אין 1860, ווען דער המגיד איז שוין געגאַנגען עטלעכע יאָר, האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין אין ווילנע גופא אַ העברעיִשע צייטונג מיט אַ רוּ־סישער ביילאַגע. געהייסן האָט זי הכרמל, און די דערלויבעניש דערויף האָט אַרויסבאַקומען ביי דער רעגירונג שמואל־יוסף (אָדער, ווי ייִדן האָבן אים גערופן: שמואל־יאָסל) פין. פין איז געווען אַ געבילדעטער און פּאַר־מעגלעכער ייִד און דער באַאַמטער צו זאָגן מבינות אויף ייִדישע ענינים („געלערנטער ייִד") ביים ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר.

די רוסישע ביילאַגע צום הכרמל איז געווען מער שפּילעריי, מען האָט זי געדאַרפט האָבן פאַר די ראַבינער־שילערס און אויף אויסצופּיינען זיך פאַר דער רעגירונג. אָבער די העברעיִשע צייטונג איז געווען אַ קוואַל פאַר הונדערטער יונגע־לייט אין די קלויזן וואָס האָבן געגאַרט נאָך ביל־דונג. און שמואל־יוסף פין איז ניט געווען פון יענע מענטשן וואָס האָבן זיך כסדר אומגעקוקט אויף די „אָבסקוראַנטן". זיין מאַטעריעלע און גע־זעלשאַפטלעכע פּאָזיציע איז געווען אַ פעסטע, ער האָט זיך צו קיינעם ניט געדאַרפט חנפענען און זיין משכילישער קוק אויף זאַכן איז געווען אַ גאַנץ באַשטימטער.

קאָוונער האָט אין שטוב, פאַרשטייט זיך, ניט געהאַט קיין צייטונג. ניט דעם טאַטן און ניט קיינעם פון די אייגענע איז געלעגן אין זינען צו באַצאָלן דעם אַבאָנאַמענט. אָבער ער פלעגט כאַפּן אַ בלאַטצייטונג ווו נאָר ס'האָט זיך געמאַכט. זיין טרוים איז געווען אַריינצושטופּן אַהין אַן אַר־טיקל, אָדער כאָטש אַ שיר, צי אַ קאָרעספּאָנדענץ, אַז זיין נאָמען, זיין פולער נאָמען, זאָל זיין אָפּגעדרוקט צוזאַמען מיט די גרויסע נעמען פון רעדאַקטאָר אַליין, פון אליעזר־צבי הכהן צווייפעל פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול און אַנדערע.

קאָוונער איז שוין דעמאָלט געשטאַנען פאַר אַ נייער איבערקערעניש אין לעבן. ווען ער איז אַלט געוואָרן אַכצן יאָר האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז ער קען דאָך פאַרזעסן ווערן. דאָס וואָס עס איז אין קאָוונע און מערעטש געווען קאָטאָוועס האָט איצטער גענומען באַשעפטיקן די עלטערן אויף אַן אמת. אין שטוב איז געוואָרן געדיכט פון שדכנים, און ענדלעך האָט

מ. ווײַנרײַך

מען געפֿונען אַ שידוך וואָס האָט אויסגעזען צו זײַן פּאַסיק. מיט יאָרן שפּעטער האָט קאָוונער וועגן דעם דערציילט מיט אַ סך פּרטים.

זעעניש און תּנאָים

געווען אין ווילנע אַ קליין פּוטערקרעמל וואָס האָט געהערט צו אַ ייִדן תּנחום. תּנחום פּוטערניק האָט מען טאַקע אים גערופֿן. ער אַליין איז געווען אַן עם־הארץ פֿון זײַן ליבן נאָמען, אָבער ער האָט געוווּסט, אַז תּורה איז די בעסטע סחורה. אין שטאָט האָט מען אָנגעהויבן האַלטן פֿון אים נאָך דעם ווי ער האָט געטאָן אַ שידוך מיט אַן אמתן עילוי. יענער איידעם איז שוין געזעסן ביי תּנחומען אויף קעסט, און איצטער האָט ער געהאַלטן ביי חתונה מאַכן די ייִנגערע טאָכטער אויך. זי איז געווען ביים טאַטן די גאַנצע קרעמערקע, און דעריבער האָט מען זיך ניט אַרומגעזען ווי עס לויפֿן אירע יאָרן. אָבער אַז מען האָט זיך געכאַפּט, אַז זי איז שוין איבער צוואַנציק יאָר, האָט מען זיך גענומען נאַגעוואַלד זי חתונה מאַכן. אורי קאָוונער איז דאָס געווען איר באַשערטער.

דורכגעקומען איז מען אויף דריי הונדערט רובל נדן, דריי יאָר קעסט און מתּנות דערצו. צווישן די מתּנות האָט געדאַרפֿט זײַן אַ פּוטער. הירש קאָוונער פֿון זײַן זייט האָט צוגעזאָגט איינצולייגן ביי באַגלייבטע מענטשן הונדערט רובל מזומנים און אויסקליידן דעם חתן־בחור אויף אַ ליטוויש שטייגער.

די קאָוונערס האָבן זיך שוין געפֿירט אַ ביסל אויף אַ מאָדערנעם שניט (איי, צייטן געוואָרן!) און באַשלאָסן, אַז חתן־כּלה מוזן זיך פֿריִער זען. מען האָט אָפּגעמאַכט דאָס זעעניש ביי דער כּלהס שוועסטער.

ס׳איז געווען ווינטער, און דעם פּוטער האָט דאָך דער מחותן נאָך ניט געהאַט געגעבן, און קומען אויף דעם וויזיט אין דעם אויסגעדריבלטן מאַנטעלע האָט ניט געפּאַסט — האָט מען ביי אַ קרוב אויסגעבאָרגט אַ פּוטער אויף אַ פּאָר שעה צייט.

ס׳איז געווען שבת נאָכן טשאָלנט. ווען קאָוונער איז געקומען מיט זײַן מוטער אין דער פֿרעמדער שטוב אַריין, האָט ער דערזען אַ מיידל אַ קליין־געוויקסיקע, ווייט ניט קיין שיינע, אָבער אַז אַ מיאוסע קען מען

אויך ניט זאָגן: אַז עניוויותדיקע, און געוויינטלעך אַ צעשראָקענע; ניט קיין געוואַלדיקער פּאַרשוין, אָבער נאָך אַלעמען אַ גאַנץ סימפּאַטישע.

מען האָט די צוויי אַפילו ניט באַקענט אויף אַ פאָרמעלן שטייגער. די מאַמע האָט פון יוצא וועגן געזאָגט אַ פּאָר ווערטער צו דער בעל־הביתטע, יענע האָט געענטפערט אַ פּאָר ווערטער אויף אויסצופילן די שטילקייט, און די יונגע־לייט האָבן געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע זייטיקלעך, בגנבה. די כלה האָט זיך דערפילט שלעכט, וואָס זי שטייט ווי אַ גולם, האָט זי גענומען איבערלייגן די קישנס אויף דער בעט אַרויף און אַראָפּ, כאָטש קיינער האָט דאָס ניט באַדאַרפט.

דאָס גאַנצע זעעניש האָט געדויערט אפשר דריי־פיר מינוט. דערנאָך זיינען די געסט אַוועק מיט אַ „נו, אַ גוטן שבת״, און מען האָט זיי באַלייט מיט „אַ גוט יאָר״. דער חתן מיט דער כלה האָבן זיך ניט געזעגנט ווי זיי האָבן זיך פריִער ניט געהאַט באַגריסט.

ביים אַרויסגיין האָט די מאַמע אַ פרעג געטאָן מיט ניט קיין שטאַרק פאַראינטערעסירטער שטים: „נו, ווי איז זי דיר געפעלן?״

— ניט איבעריקס, האָט געענטפערט דער חתן.

— וואָסי?

— עפּעס איז זי ניט אַזאַ קראַסאַוויצע...

האָט זיך שוין די מאַמע אָנגעצונדן: „אויב אַלע זאָלן חתונה האָבן מיט קראַסאַוויצעס, טאָ ווו וועלן בלייבן די אַנדערע מיידלעך?

— אָבער פאַר וואָס קומט דווקא מיר חתונה צו האָבן מיט אַ מיאוסקייט?

די מאַמע האָט שוין חרטה געהאַט אויף דעם שמועס. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם בחור מיט אַזאַ בליק, אַז ס'האָט אים אָפּגענומען דאָס לשון.

די מחותנים זיינען דורכגעקומען. ס'איז נאָך געבליבן צו פאַרהערן דעם חתן. תנחום פוטערניק האָט געוואָלט אַ גרויסן לערנער. ער אַליין האָט ניט געטויגט אויף צו זאָגן מבינות, אָבער ער האָט געהאַט אַ ברודער אַ למדן, מרדכי בעקער. אַליין האָט דער בעקער ניט געבאַקן, דאָס איז געווען דער ווייבס עסק: ער איז געזעסן אין קלויז און געלערנט. אורי האָט אויסגענומען מיט זיין לערנען, און מען האָט מיט מזל געשריבן

תנאים. עס זײַנען געווען אַ סך געסט. דער פעטער מרדכי־לײזער מיט זײַן כּבֿוד אַלײן איז אויך געקומען און האָט גענומען אַ קאָפּ בראָנפן. דער חתן מיט דער כּלה זײַנען די גאַנצע צײַט געזעסן אין באַזונדערע צימערן, קוים וואָס מען האָט זיך געזען פאַרבײַגײענדיק.

קאָוונער האָט חתונה

די חתונה איז געווען אָפּגעשטעלט אויף איבער צוויי חדשים. דאָס אָפּרוקן איז געווען גאַנץ אָנגעלײגט, ווײַל מען האָט דאָך געדאַרפט צו־גרײטן וואָס מען האָט צוגעזאָגט. דעם פּוטערניק איז מסתּמא אויך ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען דער נדן, נאָר בײַ הירש קאָוונערן זײַנען די צוויי הונדערט רובל געווען אַזוי ווי שפּאַלטן דעם ים. הונדערט רובל מזומנים און הונדערט רובל אויף אָנטאָן — ווו נעמט מען אַזאַ פאַרמעגן?

אָנגעהויבן האָט מען פאַרשטײט זיך פון „אויבן”, פון דעם רײַכן פעטער. די גוטע מומע דבֿורה האָט נאָך פון איר קניפּל אויך דערלײגט אַ ביסל. דערנאָך איז מען אַוועק צום פעטערס זין, וואָס זײ זײַנען שוין געווען בעלי־בתּים פאַר זיך, אויך לערנערס. ווײַטער האָט מען פאַרזעצט דער מאַמעס פּערל וואָס האָבן זיך בײַ איר געהאַלטן נאָך מסתּמא פון איר חתונה: דאָס האָט געבראַכט פינף און דרײַסיק רובל מזומן. אויך האָט הירש קאָוונער אָנגעבאָרגט אויף רעכטס און אויף לינקס, ווו נאָר עס האָט זיך געלאָזן, בײַ זײַנע אַמאָליקע און הײַנטיקע תּלמידים. ער האָט ניט געקלערט בעת מעשׂה, פון וואַנען ער וועט אָפּגעבן. גאָט וועט שוין העלפן, ווי פראַוועט מען נאָר אַרויס דעם זון פון שטוב. אָבער ווען מען האָט געמאַכט דעם חשבון פון אַלע קאַפּיטאַלן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צוואַנציק רובל פעלט נאָך אַלץ.

ווו זאָל מען נעמען? ניטאָ מער צו וועמען צו שרײַען. האָט מען געוויגן און געמאָסטן און ס׳איז געבליבן, אַז ס׳איז ניטאָ קײן אַנדער ברירה: מען מוז גײן נאָך אַ מאָל צום פעטער לײזער. נישקשה, קענען קען ער געבן, ער זאָל נאָר אַזוי וועלן. און הירש קאָוונער האָט זיך אָנגע־רופן צו זײַן חתן־בחור:

— ער איז דאָך אַ כּעסן, דער פעטער לײזער. ווען איך גײ אַרויף

אויבן, איז ער קאַפּאַבל מיך אַראָפּצוּוואַרפן פון די טרעפּ. נאָר ווען דו אַליין זאָלסט גיין, איז עפּעס אַנדערש. ער וועט שרייען, נאָר געבן וועט ער.

מען קען פאַרשטיין, אַז דעם בחור איז געווען ניט זייער פריילעך אויפן האַרצן און ער האָט אָפּגעלייגט דעם וויזיט פון טאָג צו טאָג. אָבער לאַנג וואַרטן האָט מען ניט געקענט. דער טאָג פון דער חתונה האָט זיך אָנגערוקט. די מאַמע האָט זיך דערווייל דורכגערעדט מיט דער מומען, און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז ס'איז גלייכער, מען זאָל דעם פעטער ניט אָנזאָגן פריִער.

סוף־כל־סוף איז אורי איין מאָל אַרויף. די מומע האָט אים אַ גלעט געטאָן, באַרויִקט אים אַ ביסל. אָבער ווען ער איז צוגעקומען דורכן פירהויז צו דער גלעזערנער טיר פון דעם פעטערס קאַבינעט און דערזען דעם פע־טער׳ לעבן פענצטער אין אַ פאָטערשטול איבער דער גמרא האָט ער אָנ־געהויבן ציטערן און ניט געקענט עפענען די טיר. די אַלטע קעכין — זי האָט, פאַרשטייט זיך, געוווּסט אַלע סודות — האָט אים איבער געוואַלד אַריינגעשטופּט אין קאַבינעט.

דער פעטער האָט ניט האַלט געהאַט, מען זאָל אים מבטל זיין פון לערנען. ווען ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען דעם פּלימעניק וואָס איז דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געווען ביי אים אין שטוב, האָט ער זיך אויפגעהויבן, זיך אַ לאָז געטאָן אַנטקעגן און אַ פרעג געטאָן מיט רוגזא:

— וואָס דאַרפסטו?

פון מורא האָט דער בחור ניט געקענט עפענען דאָס מויל. ער איז געשטאַנען ווי אַ שטומער, און דער פעטער האָט זיך געוואָרפן אַרום אים און ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס דאָ טוט זיך. צום סוף האָט ער אויס־געשריִען:

— אפשר וועסטו מיר פאָרט טאָן אַ טובה און זאָגן, נאָך וואָס דו ביסט געקומען?

קוים מיט צרות האָט דער חתן־בחור אַרויסגעבעלעבעטשעט, אַז אָט־אָט דאַרף זיין די חתונה און דעם טאַטן פעלט נאָך אַ סך צום נדן.

„אָבער מיר האָבן דאָך אים געגעבן יעדערער אונדזער חלק, וואָס נאָך וויל ער?״

— און פֿאַרט קלעקט ניט, האָט אורי געענטפֿערט אַ פֿאַרצווייפֿלטער. „טאָ וואָס האָט דאָס צו אונדז? וואָס מיר האָבן געקענט האָבן מיר געטאָן".

פֿון ווייטיק און פֿאַרדראָס האָט זיך דער אַכצן־יאָריקער ערבֿ־בעל־הבית צעוויינט, נאָר דעם פֿעטער האָט דאָס ווייניק אָנגערירט.

„נו, וואָס האָסטו זיך אַזוי צעיאַכמערט, האָט ער זיך אָנגערופֿן: ס'איז דאָך מיאוס צו קוקן. ווער הייסט דיך חתונה האָבן איצטער, עס ברענט?"

דאָס האָט שוין דער פּלימעניק ניט אויסגעהאַלטן, און ער האָט גע־נומען ענטפֿערן כמעט מיט העזה. ער וויל גאָרניט חתונה האָבן, האָט ער געזאָגט, דער שידוך איז אים גאָרניט צום האַרצן, נאָר ביי אים האָט מען ניט געפֿרעגט. אַגבֿ האָט ער אַריינגעזאָגט דעם פֿעטער, אַז ער באַגייט זיך ניט מיטן ברודער ווי ס'געהער צו זיין:

— אַלע מאָל מיט בייזקייט, קיין מאָל הערט ער ניט פֿון דיר קיין גוט וואָרט...

„גיי זאָג אַ גוט וואָרט אַ מענטשן וואָס זיצט אַ גאַנץ לעבן ביי דיר אויפֿן קאַרק", האָט אים צוריק אַריינגעזאָגט דער פֿעטער און גענומען ווייטער שפּאַנען איבערן צימער. אורי האָט מורא געהאַט, אַז אָט כאַפּט ער אַריין אַ פּאַטש, און האָט זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט, אָבער ס'האָט זיך געענדיקט בשלום. צום סוף האָט דער פֿעטער אַ זאָג געטאָן:

— גיב אים איבער, אַז מען וועט אים געבן נאָך פֿופֿציק רובל.

דאָס האָט ער געזאָגט שוין אַ ביסל ווייכער. און ווען ער האָט געזען, אַז דער בחור רירט זיך ניט פֿון אָרט, האָט ער צוגעגעבן: „גיי געזונטער־הייט און קום מער ניט". אורי איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון קאַבינעט. אין פֿיר־הויז האָט אים איבערגענומען די מומע און געווונטשן, ס'זאָל זיין מיט מזל.

אין דער היים האָט אורי גאָרניט דערציילט וועגן דעם גאַנג פֿון שמועס. מען האָט אים ניט שטאַרק אויסגעפֿרעגט אויך. אינטערעסירט האָט זיי נאָר די אונטערשטע שורה. זיי האָבן געהאַט געבעטן אַ פֿינף און צוואַנציקער, נאָר אויף מער ווי פֿופֿצן האָבן זיי זיך משמעות גאָרניט געריכט.

דערווייל האָט זיך אָנגערוקט דער טאָג פֿון דער חתונה. מיט דער כלה האָט זיך דער חתן ניט געזען, נאָר איין מאָל האָט ער זי צופֿעליק

באַגעגנט; זי האָט אויך געוווינט אויף רודניצקער גאַס. ער האָט זיך גע־מאַכט האַרץ, צוגעגאַנגען צו איר און אַ פרעג געטאָן:

„וואָס מאַכט איר?"

זי האָט עפּעס אָפּגעענטפערט אין גרויס צעמישעניש, זיך אין גאַנצן פאַררייטלט און איז אַוועקגעלאָפן.

דערנאָך האָט מען זיך נאָך איין מאָל געזען פורים צו דער סעודה. ס'איז געווען אָפּגעמאַכט, אַז צו פורים וועט תנחום פוטערניק אָפּגעבן די מתנות, און ער האָט געהאַלטן וואָרט. אַגב האָט מען אַלע מחותנים פאַר־בעטן צו דער סעודה. מען האָט געגעבן גוט צו עסן, אין שטוב איז געווען ליכטיק, און אורי האָט דאָ בעצם צום ערשטן מאָל דערזען זיין באַ־שערטע.

זי איז אים אַפילו געפעלן געוואָרן: ציכטיק אָנגעטאָן, אָן אָנשטעלן און אָן חנדעלעך. זייערע אויגן האָבן זיך אָפּט באַגעגנט, נאָר גערעדט האָט מען ניט קיין וואָרט. ס'איז ניט געווען ווען אויך, ווייל דער כלהס פעטער, מרדכי בעקער, האָט ניט אָפּגעלאָזן דעם חתן אויף קיין איין מינוט. ער האָט אַלץ אַריינגעצויגן דעם בחור אין פּילפּול, און אורי איז גראָד געווען אויפגעלייגט און האָט געפונען וואָס צו ענטפערן און האָט נאָך אַליין געפרעגט קשיות.

דער בעקער האָט פון צייט צו צייט געמאַכט: „רעכט, רעכט". די כלה, און נאָך מער דער שווער, האָבן געקוקט אויפן חתן מיט שטאָלצע בליקן, כאָטש זיי האָבן ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וועגן וואָס דער פּילפּול גייט.

באַלד נאָך פורים איז געווען די חתונה. אין צווישנצייט האָבן חתן־כלה ווייטער ניט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך צו טרעפן.

אויף דער חתונה איז געקומען דער פעטער לייזער אויך, אָבער זיין בייזיין האָט אָנגעוואָרפן עפּעס אַ מרה־שחורה אויף אַלעמען, און אין גרונט איז מען געווען צופרידן, ווען ער איז נאָכן אויסרופן דרשה־גע־שאַנק אַוועק. קיין דרשה האָט אַגב קאָוונער ניט געהאַלטן. ער האָט בכלל דעם גאַנצן אָוונט ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט.

מ. ווײַנרײַך

— אַ בעל־הביתל גרייט זיך ווערן אַ שרייבער —

נאָך דער חתונה האָט זיך קאָוונערס פֿאַמיליע־לעבן גענומען ציִען איינטאָניק, נודנע. די פּרוּוי פּלעגט סאַמע אין דער פֿרי אַוועקגיין צום טאַטן אין פּוטערקרעמל, ווו זי איז געווען די גאַנצע מאַכערקע. צו וואַר־מעס פּלעגט זי זיך אַריינכאַפּן אויף אַ האַלב שעה, און דערנאָך פּלעגט זי זיך שוין אומקערן פֿון קראָם ניט פֿריִער ווי האַלבע נאַכט. אין יענע יאָרן האָט מען נאָך ניט געוווּסט פֿון אַ באַגרענעצטער האַנדלצייט, און מען פּלעגט אָפּזיצן אין די קראָמען זעכצן און זיבעצן שעה אַ מעת־לעת, טאָמער וועט נאָך פֿאָרט אַריינקומען אַ קונה.

דער מאַן האָט געדאַרפֿט גאַנצענע טעג פֿאַרברענגען אין קלויז און לערנען. קען זיך דוכטן, אַז עס איז ניט געווען קיין שום נפֿקא־מינה צווישן זיין לעבן בחורווייז און איצט. אָבער ס'איז געווען שוין איין מאָל אַ חילוק: ער האָט שוין ניט געהאַט איבער זיך קיין בעל־הבית.

דער שווער האָט טאַקע געמיינט, אַז דאָס וואַקסט ביי אים אַ צוויי־טער איידעם אַ רב. אָבער קאָוונערן זיינען שוין איצט געלעגן אין זינען דורכויס אַנדערע זאַכן. ער האָט אָפּגעגעבן זיין צייט אויף לייענען טרייף־פּסולע ביכלעך. די השׂכּלה האָט אים שוין איצט פֿאַרכאַפּט אין גאַנצן.

מיט דער ווייב האָט קאָוונער געלעבט בשלום, אָבער ער האָט קיין מאָל ניט געהאַט וואָס צו רעדן מיט איר. אין יענער צייט האָבן שוין יידישע טעכטער איינציקווייז אָנגעהויבן גיין אין דער רוסישער גימנאַזיע, און חוץ דעם איז שוין געווען אין שטאָט אַ פּאָר צענדלינג יאָר „פּערלס פּאַנסיאָן", אַ שול פֿאַר יידישע מיידלעך, ווו מען האָט געלערנט רוסיש, דייטש און אַלגעמיינע לימודים. אָבער ניט פֿון דעם מין איז דאָך געווען קאָוונערס ווייב. זי איז געווען אַ פּשוטער מענטש, קוים געקענט לייענען עיבֿרי־טייטש, און מער ווי שבת און יום־טובֿ האָט זי ניט געהאַט קיין צייט אַריינצוקוקן אין אַ מעשׂה־ביכל. דער קאָפּ האָט איר געשטעקט אין גאַנצן אין טאַטנס געשעפֿט. זי איז אַ שטילע, אַ גוטע, פּלעגט זיך קאָוונער טראַכטן, אָבער אָן שום גייסטיקע אינטערעסן.

ער אַליין האָט גראַד אַלץ מער געגומען גאַרן נאָך גייסטיקייט. זיין ברודער שאול האָט שוין יעמאָלט געהאַט געענדיקט ראַבינער־שול, האָט שוין באַוויזן צו זיין אַ פּאָר יאָר אַ לערער אין אַדעס, און איצטער איז

ער געוואָרן אין קיִעוו אַ סטודענט פון מעדיצין. ער האָט צוגעשיקט אין רעדאַקציע הכרמל אַ העברעיִשן אַרטיקל מיטן נאָמען „די דריי מלכותן פון דער נאַטור", וווּ ער האָט אַרויסגעוויזן אַ ביסל בקיאות אין כימיע, באָטאַניק און זאָאָלאָגיע. פין האָט דאָס געווײַנטלעך אָפּגעדרוקט מיט חשק, און אורי קאָוונער האָט מיט הונגעריקע אויגן געשלונגען די אונטערשריפט אין בלאַט: „תלמיד מדרש המדעים בקיאוו, שאָול קאָוונער". און ער האָט געטראַכט: ווען וועט שוין שטיין אַברהם אורי קאָוונער געדרוקט אונטער אַן אַרטיקל אין הכרמל? אָט דרוקן זיך דאָך דאָרטן יאָ מיט זייערע שירים אַזוינע יידן ווי איינער משה־דוד מיצקין, וואָס עס קלעפּט זיך ניט ביי זיי אַ וואָרט צו אַ וואָרט. עס וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען ער, אַברהם־אורי קאָוונער, וועט זיך אָפּרעכענען מיט די דאָזיקע גאָרנישטן וואָס קריכן אויבן אָן.

אָבער דערווייל האָט מען נאָך ניט געהאַלטן אַזוי ווייט. קאָוונער האָט זיך אַרומגעפּירט מיט אַ גרופּע יונגע־לייט, וואָס האָבן זיך געוואָלט דרוקן, נאָר די רעדאַקטאָרן האָבן נאָך משמעות פון זיי ניט געהאַלטן. האָבן זיי באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן אייגענע צייטונג, אויף אַ היימישן שטייגער. יעדער מיטאַרבעטער האָט זיך אונטערגענומען איבערצושרייבן צוויי עקזעמפּלאַרן: איינעם פאַר זיך און איינעם פאַר אַ זייטיקן אַבאָנענט. ביי זיינע קאָלעגן האָט קאָוונער אויסגענומען מיט זיין שרייבן, אָבער ער אַליין האָט פאַרשטאַנען, אַז עס פעלט אים נאָך אַ סך. ווען ער האָט איבערגעלייענט דעם ברודערס אַרטיקל וועגן די „דריי מלכותן", האָט ער געמוזט מודה זיין, אַז ער אַליין ווייסט נאָך גאָרניט וועגן די אַלע זאַכן. אָבער צו ניינצן יאָר איז מען זיך ניט מיאש ווען מען איז אַזוי אַמביציעז: ער ווייסט טאַקע ניט, אָבער ער וועט אָניאָגן; דאָס גאַנצע לעבן ליגט דאָך נאָך פאַר אים.

רוסישער פּאַטריאָטיזם ביי ווילנער יידן

סוף 1860 איז דורכגעפאָרן דורך ווילנע אַלעקסאַנדער דער צווייטער, און שטאָט האָט אים געדאַרפט אויפנעמען. קיין רוסן האָבן אין ווילנע כמעט ניט געוווינט אַחוץ באַאַמטע. די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט זיך צונויפגעשטעלט פון פּאָליאַקן און יידן, אַן ערך העלפט אויף העלפט.

די פּױלישע אײנוװינערס פֿון װילנע האָבן, קען מען זאָגן, דעם קייסער באַיקאָטירט. מען איז געקומען צו אים מיט דעפּוטאַציעס פֿון די אַדללײט און די שטאָטלײט, װײל אַזױ האָט געפֿאָדערט די מאַכט. דער קייסער איז געגאַנגען אין פּױלישן טעאַטער אַרײן, און די אָפֿיציעלע צייטונג האָט געמאַכט דערפֿון אַ גאַנצן פּירוש. אָבער װען דער פּריצישער קלוב האָט אײנגעאָרדנט אַ באַל לכבוד דעם קייסער, האָט זיך אַרויסגעװיזן די טיף אָפּאָזיציאָנעלע שטימונג פֿון די פּאָליאַקן: עס זײנען ניט געקומען קײן שום דאַמען, און דער באַל איז דורכגעפֿאַלן. עס זײנען שוין געװען אין דער פּױלישער געזעלשאַפֿט די געפֿילן פֿון ערב אויפֿשטאַנד, און דערפֿאַר האָט מען ריזיקירט אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס. נאָכן דערשטיקן דעם אויפֿשטאַנד אין 1863 האָבן די רוסישע רעאַקציאָנערן דערמאָנט די פּאָליאַקן דעם דאָזיקן „אָנדאַמעדיקן" באַל...

מיט פֿערציק יאָר שפּעטער האָבן ייִדן אין װילנע אויך געמאַכט אָפּאָזיציאָנעלע און אַפֿילו רעװאָלוציאָנערע דעמאָנסטראַציעס, אָבער ניט אין 1860, אין דער „װעסנעצײט". פֿון דער פּױלישער געזעלשאַפֿט זײנען װילנער ייִדן געװען אָפּגעריסן. מיט די שטימונגען דאָרטן האָט מען זיך װיניק װאָס אינטערעסירט. דאָס ביסל ייִדישע אינטעליגענץ װאָס האָט זיך געהאַט אויסגעהאָדעװעט אין װילנע איז געװען רוסיש־פּאַטריאָטיש. מען איז געװען געבלענדט פֿון דעם גלאַנץ װאָס האָט זיך געטראָגן פֿון גרויסן רוסלאַנד. אָט דאָ אין רוסלאַנד קאָנען ייִדן גליקלעך װערן. מען דאַרף זיך „קולטורעל צונױפֿגיסן" מיטן רוסישן פֿאָלק, װעט דעמאָלט װערן אַ סוף צו די ייִדישע צרות. דעם קייסערס װיזיט אין װילנע איז פֿאַר די משכּילים געװען אַ גאָלדענע געלעגנהײט אַרויסצוװײזן זײערע געפֿילן פֿון געטרײשאַפֿט און אונטערטעניקײט. מיר האָבן שוין געזען, אַז די פֿרומע ייִדן זײנען געװען אַ סך סקעפּטישער װעגן די גרויסע גליקן װאָס גײען אויף ייִדן; פֿאַרקערט, מען האָט מורא געהאַט, אַז די גױיִשע שולן װאָס די רעגירונג עפֿנט פֿאַר ייִדישע קינדער װעלן פֿירן צו שמד. אָבער װי באַלד עס איז דאָ אַ קייסער, דאַרף מען זינגען פֿאַר אים „הנותן תשועה" — און פֿאַרלאָזן זאָל מען זיך אויפֿן אײבערשטן.

דאָ איז, הײסט עס, געװען דער זעלטענער פֿאַל, װען די מעשים פֿון די אַלטע און די יונגע, פֿון די אָרטאָדאָקסן און די „בערלינטשיקעס",

האָבן זיך צונויפגעגאָסן. האָבן די ייִדן דעריבער גאָרניט באַמערקט, אַז דער אַנדערער טייל באַפעלקערונג, די פּאַליאַקן, טאַנצן נאָר איבער געוואַלד אויף אַ פרעמדער שימחה.

ייִדן האָבן געמיינט אויף אַן אמת. אין פאַרגלייך מיט ניקאָליי דעם ערשטנס צייטן איז דאָך דאָס לעבן די לעצטע יאָרן, אונטער אַלעקסאַנדערן, געוואָרן גרינגער, און מען האָט זיך געריכט אויף נאָך ישועות. אויף דייטשע גאַס האָט מען אויסגעבויט אַ גרויסן טריומף־טויער מיט אַ העברעיִשן אויפשריפט, און מען האָט צוגעלאָזן ייִדן נאָענט צו דעם קייסערס קאַראָט צו שרייען „הוראַ!". אַ ייִדישער פערד־און־וואָגן־האַלטער וואָס האָט געהאַט עטלעכע קאַראָטן פאַר גרויסע לייט האָט אויסגעפועלטביים גענעראַל־גובערנאַטאָר, מען זאָל אים דערלויבן אַרומצופירן דעם קייסער איבער דער שטאָט; אַן שום געצאָלט פאַרשטייט זיך. מען האָט אים דערלויבט, און מען האָט געדאַרפט זען די גדולה פון דעם ייִדן, דעם גלאַנץ פון זיינע שוואַרצע אויגן, בשעת ער האָט געקנאַקט מיטן בייטש. די גאַנצע ייִדישע מאַסע פון ווילנע האָט געשפּירט באַשיינפּערלעך, אַז עס איז אָנגעקומען אַ נייע צייט. ווען האָט מען דאָס געהערט, מען לאָזט צו אַ ייִדן אַזוי נאָענט צום קייסער! ווי ווייט איז נאָך פון דאַנען ביז אַ ייִדישן סענאַטאָר? די משכּילים זיינען געווען אויפן זיבעטן הימל.

צווישן די פאַרשיידענע דעפּוטאַציעס וואָס דער קייסער האָט אויפגענומען אין פּאַלאַץ איז אויך געווען אַ ייִדישע, און צווישן די דעלעגאַטן פון דער ייִדישער „אָבשטשעסטווע" איז אויך געווען ר' מרדכי־לייזער קאָוונער. אין שטאָט האָט מען גוט געוווּסט, ווער עס גייט, און אַן אָפּשיין פון דעם דאָזיקן כּבֿוד איז אויך געפאַלן אויף זיינע אָרעמע קרובֿים.

אָבער אורי קאָוונער האָט אויך געהאַט אַ פּערזענלעכע באַגעגעניש מיטן קייסער. ס'איז געווען באַשטימט אַ מיליטערישער פּאַראַד אויף ראָוונע־פּאָלע, ווייט הינטער דער שטאָט, דאָרטן, וווּ מען האָט מיט צוויי און פערציק יאָר שפּעטער אויפגעהאַנגען הירש לעקערטן. כּמעט גאַנץ ווילנע איז אַוועק צו פוס זען דעם קייסער. צווישן די גייערס איז געווען אורי קאָוונער. ווען ער איז שוין געווען הינטער שניפּישאָק, האָט אים אָנגעיאָגט דעם קייסערס פּאַראַד־פּראָצעסיע. קאָוונער איז אַראָפּ אין אַ זייט פון וועג און זיך אָפּגעשטעלט. ווען דעם קייסערס קאַראָט, געשפּאַנט

מיט פּרעכטיקע פיר פערד און געפירט טאַקע פון יענעם שמייסער, איז פאַרבייגעפאָרן פאַר אים, האָט קאָוונער אַראָפּגענומען דאָס היטל און זיך טיף אַ נייג געטאָן. דער קייסער איז געזעסן לעבן דעם גענעראַל־גובער־נאַטאָר נאַזימאָוו. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן ייִדישן יונגן־מאַן מיט אַ שטיקל חידוש, דערנאָך פריינדלעך אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט אויף דער באַגריסונג צולייגנדיק די האַנט צום שלייף.

די גאַנצע געשיכטע האָט געדויערט אַ רגע. אָבער דער איינדרוק פונעם גליק, אַז דער קייסער האָט באַוויליקט אָפּצוענטפערן אויף זיין גרוס, איז געווען אַזוי גרויס, אַז נאָך מיט פערציק יאָר שפּעטער האָט קאָוונער לעבעדיק געדענקט די גאַנצע סצענע.

אַהיימגעקומען פון דעם פּאַראַד, האָט קאָוונער זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן לכבוד דעם קייסער אַ גרויס ליד אויף לשון־קודש. ער האָט מיט די געהויבנסטע מליצות צוגעגליכן אַלעקסאַנדער דעם צווייטן צו דער ליכטיקער זון וואָס צעגיסט איר שיין איבער בערג און וועלדער און פאַרזעט אַפילו ניט דאָס קלענסטע ווערעמל. מיטן ווערעמל האָט ער געמיינט זיך אַליין. דערביי האָט ער אַרויסגעזאָגט די האָפענונג, אַז דער קייסער, וואָס ער איז אַזוי גוט ווי אַ מלאך, וועט זיין גוט־גינציק אויך צו זיינע געטרייע אונטערטעניקע ייִדן וואָס פאַרגעטערן אים, און אַז פאַר זיי וועלן אויך אָנקומען בעסערע צייטן.

יאָ אַנטלויפן — ניט אַנטלויפן?

טויזנטער אַנדערע בחורים פון זיין גראַד האָבן אורי קאָוונערן געוויס מקנא געווען. וואָס פעלט אים? אַ ווייב אַ שטילינקע, עסן צו דער זאַט. דער שווער קריכט ניט אין דער לעבער אַריין. נאָר קאָוונער האָט גע־שפּירט, אַז זיין לאַגע איז אַ שלעכטע, און האָט שוין לאַנג געטראַכט אַרויסראַטעווען זיך.

דער ברודער, דער אַמאָליקער ראַבינער־שילער, איז שוין געווען אויפן דריטן קורס מעדיצין אין קיִעוו, ווען אורי האָט חתונה געהאַט, און זיי האָבן פאַרפירט אַ לעבעדיקע קאָרעספּאָנדענץ; אויף העברעיִש געווײנטלעך, אין דעם מליצהדיקן סטיל פון דער צייט. שאול האָט איין מאָל אין אַ בריוו אַריינגעוואָרפן אַ געדאַנק, אַז עס איז קיין תכלית ניט

צו בלייבן אין ווילנע, און דערנאָך האָט ער זיך שוין כסדר אומגעקערט צו דער טעמע. גיב נאָר אַ קוק, האָט ער אים גענעבן צו פאַרשטיין: וועסט אָפּזיצן נאָך עטלעכע יאָר אויף קעסט, און דערנאָך וועסטו מוזן ווערן אַ מלמד. דו מיט דיינע פעיִקייטן וואָלסט זיך אין אַ צוויי־דריי יאָר גע־קענט צוגרייטן צום אוניווערסיטעט. דאָ אין קיִעוו זיינען פאַראַן היפּש אַזעלכע יונגע־לייט מיט פעיִקייטן, וואָס גרייטן זיך. עס איז שווער מיט חיונה ביז מען שלאָגט זיך צו צו אַ תכלית, אָבער מען ווערט ניט פאַר־פאַלן. איך וועל דיר אויך העלפן ווי פיל איך וועל קענען. און אַז מען ענ־דיקט דעם אוניווערסיטעט איז דאָך אָפן די וועלט. וואָס וועסטו דאָרטן ליגן אויף רודניצקער גאַס ווי אַ וואָרעם אין כריין?

קען מען זיך פאָרשטעלן, ווי אַזוי דער געדאַנק פון אויסשטודירן אין אוניווערסיטעט האָט געשמייכלט צו קאָוונערן. אָבער ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? די ווייב וועט קיין מאָל ניט איינשטימען אים אָפּ־צולאָזן. דאַרף מען אַנטלויפן פון איר — און גראָד איז זי פאַרגאַנגען אין טראָגן.

היינט ווו נעמט מען געלט? די פיר הונדערט רובל וואָס דאָס פאַר־פאַלק האָט באַקומען צו דער חתונה האָט מען געהאַלטן אויף אָנצוהייבן אַ געשעפט נאָך דעם ווי עס וועלן זיך ענדיקן די קעסטיאָרן. דערווייל איז דאָס געלט געלעגן איינגעלייגט ביי אַ ייִדן אַ סוחר, און נאָר דער טאַטע מיטן שווער אין איינעם האָבן דאָס געקענט אַרויסנעמען. און ווו נעמט מען אַ פּאַס? אַפילו אין שטאָט גופא האָט מען באַדאַרפט אַ פּאַפּירל, ווייל פאָליציי האָט פון צייט צו צייט פאַרהאַלטן אין גאַס ייִדן וואָס האָבן אויסגעזען ווי ניט־היגע און געפרעגט אויף דאָקומענטן. ייִדן האָבן דע־רויף געהאַט אַ ווערטערשפּיל, אַז דאָס בעט מען „פּאַס־לאורחים" (פּת אויף העברעיִש, אַרויסגערעדט אַזוי ווי „פּאַס", מיינט ברויט, און אַ פרעמדער הייסט דאָך אַן אורח). אַרויספאָרן אין דער ווייטער וועלט אָן אַ דאָקומענט האָט מען דאָך אַוודאי ניט געקענט. אורי קאָוונער איז אָבער אין ערגעץ ניט געווען פאַרשריבן. ביים צונויפשטעלן די „רעוויזיע־סקאַזקעס" — אַזוי האָט מען גערופן די אַלטמאָדישע פאָלקסציילונגען — האָט מען זיין נאָמען ניט אויפגעגעבן, ווייל פאַר איטלעכן פאַרשריבענעם האָט מען דאָך געדאַרפט צאָלן דער רעגירונג קאָפּגעלט.

שאָולס בריוו זײַנען געוואָרן אַלץ ענערגישער. ער האָט שוין געפֿור־נעט פֿאַרן ברודער אַלץ וואָס מען דאַרף: אײנער אַ משכיל אין קיעוו איז גרייט אים אַרײַנצונעמען צו זיך אין שטוב און געבן אים קעסט פֿאַר דעם, אַז ער זאָל לערנען העבעריִש מיט זײַן זון.

צום ערשטן האָט זיך קאָוונער אַן עצה געגעבן מיט אַ פּאַס. זײַן ברודער אײַזיק, דער וואָס האָט חתונה געהאַט אין סמאַרגאָן, און האָט זיך שוין פֿאַוואָליענקע געשניטן אויף אַ משכילישן שרײַבער, האָט זיך געהאַט צוגעשריבן, לויטן פּעטער הערצס מוסטער, אין שטעטל געלוואַן, ניט ווײַט פֿון ווילנע. אײַזיק אַלײן האָט אין סמאַרגאָן געקאָנט אָפּלעבן אַ לעבן אָן אַ פּאַס: קינד און קײט האָבן דאָך אים געקענט. האָט אורי קאָוונער, כלומרשט פֿונעם ברודערס וועגן, אויסגעשריבן פֿאַר אַ פּאַר רובל אַ געלוואַנער פּאַס אויפֿן נאָמען אײַזיק קאָוונער. ווער מען וועט אַרן, אַז דאָס איז ניט אײַזיק, נאָר אַברהם־אורי? און ווי אַזוי וועט מען דאָס בכלל קענען אויסגעפֿינען? קיין פֿאָטאָגראַפֿיעס האָט מען יעמאָלט אויף פּעסער ניט געקלעפּט, און סײַ־ווי־סײַ איז ניט אַברהם־אורי און ניט אײַזיק קיין נאָמען ניט פֿאַר אַ משכיל. קאָוונער האָט שוין געהאַט צוגע־טראַכט פֿאַר זיך אַ שיינעם, הײַנטוועלטיקן נאָמען: אַלבערט, אַזוי ווי עס האָט זיך גערופֿן דער ד״ר הרכבי פֿון פּעטערבורג, וואָס אַלע משכילים האָבן זיך מיט אים געהאַלטן גרויס. נו, און אַז מען הייסט אַלבערט, מעג שטײן אין פּאַס „אײַזיק״ אויך.

ערגער איז געווען מיט געלט. מיט פֿאַרשיידענע דריידלעך איז געראָטן קאָוונערן אַרויסצובאַקומען פֿון „באַנקיר״ יענע הונדערט רובל וואָס דער פֿאָטער זײַנער האָט געהאַט אַרײַנגעטראָגן. אין דער ענגער דירה איז געווען שווער צו באַהאַלטן אַזאַ אוצר. נאָר די ווײַב האָט ניט געהאַט דעם מינדסטן חשד, האָט זי אָנגענומען פֿאַר ליב, אַז דער מאַן האַלט בײַ זיך הונדערט רובל. אָבער אײן מאָל איז זי געקומען פֿון קראָם מיט אַ פֿאָרשלאָג:

„באָרג אויס דעם טאַטן די הונדערט רובל. ער דאַרף דאָס האָבן אויסצוקערעווען זיך״.

ניט איבערטראַכטנדיק האָט קאָוונער אויסגעשאָסן: כ׳וועל ניט געבן!״

— פאַר וואָס עפּעס ניט געבן? האָט די פרוי געפרעגט אַ פאַר־חידושטע.

„כ׳וועל ניט געבן, און שוין!“

— וואָס טויג דיר צו האַלטן ביי זיך אין קעשענע? דו געטרויסט ניט דעם טאַטן?

אַ וואָרט אַהין אַ וואָרט אַהער — ער האָט איר געוויזן אַ פייג. זי האָט זיך צעוויינט פון באַליידיקונג. ס׳איז געווען די ערשטע אָפענע קריג אין זייער צוזאַמענלעבן. ער האָט ניט געקענט צוזען אירע טרערן, אַרויס־גענומען פון קאַמאָד דאָס געלט, אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש און אַרויסגע־לאָפן ניט צו זאָגן קיין וואָרט.

ער איז געווען אויס מענטש פון פאַרצווייפיילונג. אַזוי ווי דער הימל וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד. מיט דער פרוי האָט ער פון דעסט וועגן שלום געמאַכט דעם זעלביקן טאָג. אָט־אָט האָט זי געדאַרפט האָבן דאָס קינד. מען האָט זי געדאַרפט שאַנעווען.

אין אַ פאָר טעג אַרום איז ער אַליין קראַנק געוואָרן: שטאַרקע היץ, דאָס פּנים ווי אין בלאָטערן. עס זיינען געווען מאָזלען, און ער איז געלעגן אַזוי ווי בלינד. די פרוי איז געגאַנגען אַרום אים ניט געקוקט אויף איר אייגענעם צושטאַנד. נאָר דאָ זיינען אונטערגעקומען אירע ווייען, און ס׳איז געוואָרן אַ טאָפּעלער בראָך אין שטוב. די דינסט האָט זיך אַרויס־געשלאָגן פון די כוחות, ביז עס איז געקומען הילף — די הייבאַם און אוריס מוטער. נאָך אַ שוידערלעכער נאַכט איז די מוטער צוגעגאַנגען צו אים און אים איינגערוימט אין אויער: מזל־טוב, אַ טאָכטער.

די פרוי האָט זיך געשטעלט אויף די פיס פריִער פאַר אים, און ווען ער איז אויפגעשטאַנען פון בעט האָט ער זיך דערוווסט, אַז מען האָט דאָס קינד אָפּגעגעבן צו אַן אַם; אַזוי איז דעמאָלט געווען אָנגענומען ביי פרויען וואָס האָבן געדאַרפט שטיין אין קראָם און האָבן ניט געהאָט קיין צייט זיך אָפּצוגעבן מיט די קינדער. די אַם האָט געוווינט דריי ווויאָרסט פון שטאָט. אויף אַזאַ אופן האָט דער יונגער טאַטע זיין קינד אַפילו ניט אָנגעזען.

מ. ווײַנרײַך

קאָוונער טראָגט זיך אָפּ פֿון דער היים

די ערשטע פּאָר וואָכן נאָך דער קראַנקייט, האָט קאָוונער שפּעטער דערציילט, האָט ער אין גאַנצן אויפֿגעהערט קלערן וועגן אַנטלויפֿן. ס׳האָט אים ווײ געטאָן דאָס האַרץ אויף ווײַב און קינד. ער האָט זיך גענומען אַרומקוקן, אפֿשר וועט ער זיך אין ווילנע קענען צושלאָגן צו אַ תּכלית. אָבער באַלד האָט זיך דער שׂכל צוריק געשטאַרקט איבערן געפֿיל.

ווילנע איז טאַקע אויך געווען אַ צענטער פֿון השׂכּלה, און מאַסן יונגע־לײַט זײַנען געקומען אַהער פֿון שטעט און שטעטלעך און גענומען דאָ לעבן אויף אַ נײַעם שטײגער. אָבער פֿאַר קאָוונערן איז געווען אוממיגלעך דאָ איבערצובערעכן זײַן לעבן. ער איז דאָ געווען אין דער היים. יעדער שטיין אויף רודניצקער גאַס און אויפֿן שולהויף האָט אים געהאָלטן צוגעשמידט צו דער פֿאַרגאַנגענהייט, צו תּנחום פּוטערניק און צו זײַן סבֿיבֿה. מער ווי מלמדות און גראָשענע קרעמערײַ איז אים דאָ ניט פּירגעשטאַנען. און זײַנע חלומות האָבן אים געטראָגן אַזוי ווײַט.

פּאָר אַנדערע האָט ווילנע געקענט זײַן אַ מקום־מיקלט: אַ ווילנער אָבער האָט זיך געקענט ראַטעווען נאָר אין דער פֿרעמד. און דאָ האָבן ניט אויפֿגעהערט דעם ברודערס בריוו, ער זאָל קומען קיין קיִעוו.

קאָוונער האָט פֿאַרשטויסן די סענטימענטן. זײַן באַשלוס זיך אָפּצוטראָגן איז שוין איצט געווען אַ פֿעסטער. נאָר ווידער אַ מאָל: ניט אַזוי גרינג טוט זיך עס. פֿאָרן קיין קיִעוו קאָסט היפּש געלט. די הונדערט רובל וואָס זײַנען אַרײַן צום שווער אין געשעפֿט זײַנען געווען אַזוי ווי באַגראָבן. אַרויסבאַקומען ביים „באַנקיר״ נאָך געלט האָט מען ניט געקענט. אַ פּאָר יונגע־לײַט האָבן געוווּסט וועגן דעם פּלאַן און צוגערעדט, אָבער מער ווי מיט אַ קרעכץ האָבן זיי ניט געקענט העלפֿן.

ס׳איז געבליבן נאָר איין אויסוועג: נעמען מיט געוואַלד.

ער האָט זיך גענומען אַרומקוקן. ער אַליין איז געווען אָרעם און ביים שווער אין שטוב איז חלילה אויך קיין לוקסוס ניט געווען, נאָר די שוויגער, אַ פּראָסטע ייִדענע און אַביסל אַן עובֿר־בטלדיקע, האָט פֿאַרמאָגט איר אייגנס צווײ בײַטשלעך פּערל. זי האָט זיי געהאַט פֿון לאַנגע יאָרן, אפֿשר פֿון איר חתונה. לעצטנס האָט זי דאָס שוין ניט גענוצט. מעריביט די טאָכטער פֿלעגט זיי אָנטאָן פֿון צײַט צו צײַט אויף צו גיין

אין שול. די פערל זיינען ווערט געווען, האָט מען געשאַצט, ביי צוויי הונדערט רובל. געלעגן זיינען זיי אין קאַמאָד ניט פאַרשלאָסענע. האָט קאָוונער זיי איין מאָל אַראָפּגעלאָזן אין קעשענע, אַרויס אין גאַס און זיך דערפרעגט ביי אַ מלווה, אַז הונדערט רובל קען מען דערויף באָרגן אַלע מאָל. מיט ציטערדיקע פינגער האָט ער אַהיימקומענדיק אַוועקגעלייגט די פערל צוריק אין קאַמאָד אַריין.

איצט האָט ער געוווּסט, וואָס ער האָט צו טאָן. ער האָט זיך אָנגעמערקט אַ באַשטימטן טאָג: דעם און דעם זונטאָג טראָגט ער זיך אָפּ. ער האָט דאָ אָפּגעטאָן אַ זאַך וואָס טרעפט זיך ביי גרעסערע פאַרברעכערס. ער האָט אויסגעקליבן מיטן פרייען ווילן אַזוינע אומשטאַנדן פון פאַרברעך, וואָס טראָגן אין זיך אַ גרעסערע סכנה. שפּעטער ביים אַנטלויפן נאָך דער מעשה מיט די 168,000 רובל, האָט זיך דאָס איבערגעחזרט.

אַז די פערל זיינען ניטאָ האָט מען זיך געקענט כאַפּן נאָך שבת. וואָלט דער שכל אויסגעטראָגן, אַז די פערל זאָל ער פאַרזעצן די ערשטע העלפט וואָך און תיכף זיך לאָזן אין וועג אַריין. אָבער קאָוונער האָט פאַרזעצט די פערל דווקא אין אַ דאָנערשטאָג, האָט דעריבער פרייטאָג און דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג געציטערט אויף אים די הויט. יעדער מאָל ווען די ווייב אָדער די שוויגער פלעגן צוגיין צום קאַמאָד האָט אים געוואָרפן אין היץ און אין קעלט.

נאָך דער שבת איז אַוועק, ס׳איז שוין נאָך הבדלה. אַלץ איז אַריבער בשלום.

פאַרן אַוועקפאָרן האָט זיך קאָוונערן פאַרוואָלט זען זיין טעכטערל. ערב שבת איז ער אַוועק הינטער דער שטאָט, אויסגעזוכט די אַם און דאָ צום ערשטן מאָל דערזען זיין קינד וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען צוויי חדשים. ווען די קליינע האָט צו אים אַ שמייכל געטאָן, האָט אים פאַרקוועטשט ביים האַרצן. אָבער זיין באַשלוס איז געבליבן פעסט.

פון דעסט וועגן איז ניט אין גאַנצן ריכטיק, וואָס בייזע ביאָגראַפן וואַרפן אויף קאָוונערן, אַז ער האָט לייכטזיניק מפקיר געווען זיינע קינדער (שפּעטער איז נאָך געבוירן געוואָרן אַ זון אויך) און אַז ער האָט די גאַנצע זאָרג פאַר זיי אַרויפגעוואָרפן אויף די שוואַכע פּלייצעס פון זיין פרוי דער קרעמערקע. אַדרבאָ, מיר וועלן זען, אַז נאָך מיט יאָרן שפּעטער,

ווען ער איז שוין געווען העט ווייט פון זיין ערשטער וועלט, האָט קאָווי־נער נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן באַציִונגען מיט די קינדער און געטאָן פאַר זיי.

זונטאָג אין דער פרי האָט ער, גלייך ווי גאָרניט, גענומען טלית און תפילין און אַוועק אין קלויז דאַוונען שחרית. דעם טלית האָט ער איבערגעלאָזן אין קלויז, נאָר די תפילין האָט ער מיטגענומען צוריק, ווייל ווי וועט ער עס אַרויספאָרן אָן זיי? אין דער היים האָט ער איבער־געביסן צוזאַמען מיט דער פרוי. זי האָט זיך שוין געאיילט אין קראָם אַריין, און ס׳איז איר ניט געלעגן אין זינען צו קוקן אויפן מאַן; האָט זי ניט באַמערקט אויף זיין פנים קיין שום סימן פון צעטראָגנקייט.

קאָוונער איז געבליבן אַליין. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און אָנגע־שריבן צום טאַטן אַ העברעיִשן מליצה־בריוו. גערעדט האָט מען געוויינט־לעך יידיש, אָבער אַז ער זאָל שרייבן אויף יידיש האָט אים אַפּילו ניט געקענט קומען אויפן זינען. ער האָט אויסגעזאָגט דעם גאַנצן אמת: ער קען אין ווילנע מער ניט בלייבן, ער פאָרט קיין קיִעוו, ער וועט אָנקומען דאָרטן אין אוניווערסיטעט; און פאַר די הונדערט רובל וואָס דער שווער האָט ביי אים געבאָרגט קען ער אויסקויפן די פערל.

„זוכט מיך ניט און יאָגט זיך ניט נאָך מיר", האָט ער פאַרענדיקט; „איך ווייס וואָס איך טו, און קיין זאַך קען ניט העלפן". אַזוי ווי ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז מען קען אים אָניאָגן ניט ווייט פון ווילנע און אים ברענגען צוריק, האָט ער צוגעקלערט אַ משונהדיקן פּלאַן: ער וועט פאָרן קיין קיִעוו ניט גלייך, נאָר אַרום און אַרום — דורך קאָוונע, סוּוואַלק, גראָדנע און פּינסק, און פון דאָרטן מיטן וואַסער ביז קיִעוו. אַ באַן איז געווען נאָר ביז קאָוונע.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן בריוו, האָט קאָוונער אָנגעטאָן זיין האַרבס־טיקן מאַנטל (הגם ס׳איז געווען אַ וואַרעמער פרילינגטאָג), אַרויס פון שטוב און אַוועק צו דער באַן. אויפן וואָקזאַל האָט ער זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן. ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז יעדער איינער קוקט אויף אים. ער האָט געהאַט אָפּגעמאַכט מיט אַ גוטן פריינד, אַז יענער זאָל אים אָפּוואַרטן אויף דער סטאַנציע און קויפן פאַר אים אַ בילעט. ס׳איז נאָך געווען היפּש צייט ביזן אָפּגיין פון באַן, נאָר קאָוונער האָט זיך אויף גיך אָפּגעזעגנט מיט זיין געטרייען פריינד און אַריין אין וואַגאָן דריטע

קלאַס. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז מען פאַרהאַלט דעם צוג בכיוון, אַז מען האָט שוין לאַנג געדאַרפט אַוועקפאָרן. נאָר ענדלעך האָט זיך דער־הערט דער דריטער קלונג, מען האָט דערלאַנגט אַ פייף, און דער צוג האָט זיך אַ ריר געטאָן.

דער ווייטער וועג קיין קיעוו

אָט זיצט קאָוונער שוין אין באַן וואָס פירט אים פון ווילנע קיין קאָוונע. די געפילן וואָס דער יונגער־מאַן האָט דורכגעפילט איז שווער צו באַשרייבן. אַלץ האָט זיך אויסגעמישט אין איינעם: באַפרידיקונג, וואָס ער איז פּטור געוואָרן פון יאָד, און בענקשאַפט וואָס וועקט זיך תמיד, ווען מען פאַרלאָזט די היים; ווייטאָג, וואָס ער האָט אַוועקגעוואָרפן די משפחה, וואָס זיי זיינען דאָך סוף־כל־סוף גאָט די נשמה שולדיק; און פרייד, וואָס ער האָט זיך פאַרנומען אויף אַ ברייטן שליאַך. דאָס געפיל פון פרייד האָט אַריבערגעוויגן. גיך זיינען געפלויגן סטאַנציעס, און איי־דער מען האָט זיך אַרומגעקוקט איז שוין דער צוג געווען אין קאָוונע.

פון קאָוונע קיין סוואַלק איז ער געפאָרן מיט אַ פור צוויי מעת־לעת, און פון דאָרטן ביז גראָדנע נאָך אַ מאָל מיט דער פור דריי מעת־לעת. פינף מעת־לעת האָט אים געדויערט פון ווילנע ביז גראָדנע. מיט דער באַן וואָלט ער עס געקענט דורכמאַכן אין פינף שעה און עס וואָלט אים געקאָסט אַ סך וועלוועלער אויך. ער האָט געמיינט, אַז ער דאַרף דאָס פון אָפּגעהיטקייט וועגן, מען זאָל אים ניט פּאַקן. אָבער עס וואָלט דוכט זיך געווען אַ סך גלייכער ניט צו שרייבן דעם טאַטן, אַז ער פאָרט קיין קיעוו? ניט איין מאָל האָט זיך אין זיין לעבן אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט האַלט צו גיין מיט דער רעכטער האַנט צום לינקן אויער.

אין גראָדנע האָט ער געהאַלטן שבת. שבת צו נאַכט האָט ער גע־וואָלט פאָרן ווייטער קיין פּינסק, נאָר עס האָט זיך אים געדוכט, אַז מען יאָגט אים. עס האָט אים געברענט די ערד אונטער די פיס. האָט ער געדונגען אַן אייגענעם בעל־עגלה, דער ייִד האָט אים צוגעזאָגט צו ברענ־גען אויפן קומענדיקן שבת קיין פּינסק, און מען איז אַרויסגעפאָרן.

באַלד די ערשטע נאַכט האָט אים געכאַפּט אַ שטאַרקער דונער־בליץ און שטורעם. דער שמאָלער וועג איז געוואָרן ווי אַ טייך. וועגן פאָרן

ווייטער איז ניט געווען וואָס צו טראַכטן. מען איז דורכגענעצט געוואָרן ביזן בייך. קאָוונער איז געזעסן אַן איינגעקאָרטשעטער און געביסן די פינגער. אַזאַ מין צרה אין מיטן נאַכט אין אַ געדיכטן וואַלד איז ביי אים אויסגעקומען ווי אַ שטראָף פון גאָט פאַר דער עוולה וואָס ער איז אָקערשט באַגאַנגען קעגן ווייב און קינד און קעגן ייִדישקייט...

נאָר דער בעל־עגלה האָט געהאַלטן וואָרט. דעם נאָענטסטן פרייטאָג אַרום האַלבן טאָג איז מען אַריינגעפאָרן אין פינסק. קאָוונער האָט דאָ געהאַט אַ ווייטן קרוב. צו אים איז ער אַוועק, דערציילט אים עפּעס אַ תירוץ וועגן די סיבות פון דער רייזע, און יענער האָט זיך מיט אים דער־פרייט און אים גענומען צו זיך אויף שבת.

דער קרוב האָט מיט אים געפירט שמועסן אויף וועלטעמעס און דערביי אויפגעוויזן, אויף וויפל ייִדישקייט שטייט העכער פון אַלע אַנדע־רע אמונות. אָט גיב אַ קוק, האָט ער געזאָגט: די קריסטן מיט די מחמדאַ־נער האָבן ניט געוואָלט פראַווען דעם שבת, ווייל זיי האָבן זיך געוואָלט אָפּטיילן פון ייִדן; אָבער אַוועקגיין ווייט פון שבת האָבן זיי פאָרט מורא געהאַט. זיי האָבן דאָך געקענט אויסקלייבן פאַר אַ רוטאָג מיטוואָך, צי דאָנערשטאָג — אָבער ניין: זיי זיינען דווקא געבליבן ביי פרייטאָג און זונטאָג. אויב ניט שבת, איז זאָל כאָטש זיין נאָענט צו שבת.

דאָס איז שוין אָבער פאַר קאָוונערן געווען אַ לעצטער גערוס פון דער אַלטער פשטותדיקער וועלט. אויף מאָרגן איז ער שוין אַרויסגעפאָרן מיט דער שיף, און אין עטלעכע טעג אַרום איז ער אָנגעקומען מיטן דניעפּער קיין קיִעוו.

שפּעטערדיקע ביאָגראַפן ברענגען, אַז אַנטלאָפן איז גאָר קאָוונער פון ווילנע קיין זשיטאָמיר, כדי דאָרטן אַריינצוגיין אין דער ראַבינער־שול, און אַז ערשט נאָך דעם ווי דאָס איז אים ניט געראָטן איז ער פון זשיטאָ־מיר אַוועק. אָבער דאָס איז געווען גלאַט אַזוי צעדערבוימס אַ סברא וואָס האָט ניט דעם מינדסטן יסוד. פון קאָוונערן אַליין ווייסן מיר, אַז ער איז געפאָרן צום ברודער, גלייך קיין קיִעוו.

איצטער האָט זיך באמת אָנגעהויבן פאַר אים דאָס וואָס מען רופט אַ נייע תקופה אין לעבן; ער איז געוואָרן אַ פּראָגרעסיווער מענטש, ער איז געוואָרן אַ שרייבער ביי ייִדן. נאָר זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט

זיינען נאָך געווען געבונדן אין גאַנצן דורך די ליטעראַרישע פּענטעס פון זיין צייט, וועלן מיר זיך אויף זיי אָפּשטעלן צום ערשטן, איידער מיר קומען צו צו דעם גרויסן אויפריר וואָס האָט אים פאַרכאַפּט אין קיִעוו.

דער שרייבערשער דעביוט

מיט אַ שטיקל צייט נאָך דעם ווי ער איז אָנגעקומען אין קיִעוו האָט קאָוונער געמאַכט אין הכרמל זיין שרייבערשן דעביוט. אין נומער 18 פון דעם דריטן יאָרגאַנג פון דעם וואָכנבלאַט, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען דורך דער צענזור דעם 30סטן נאָוועמבער 1862, איז אָפּגעדרוקט אויף דער לעצטער זייט אַ שיר, אונטערגעשריבן מיט קאָוונערס פולן נאָמען, אונטערן טיטל: „גבול לאדם“ („אַ גרענעץ פאַר דעם מענטש“).

מען וואָלט געקענט מיינען, אַז קאָוונער האָט געהאַט איבערגעלאָזן זיין ערשט (און איינציק) ליד ביי פינען נאָך איידער ער איז אַוועקגעפאָרן פון ווילנע. אָבער די השערה לייגט זיך ניט אויפן שכל, ווייל מיט צוויי נומערן פריִער (צענזור־באַמערק פון 15טן נאָוועמבער 1862) איז אין הכרמל געווען אָפּגעדרוקט דעם זעלבן מחברס אַ קאָרעספּאָנדענץ פון קיִעוו. אַ סך גלייכער איז דעריבער אָנצונעמען, אַז אין ווילנע האָט קאָוונער נאָך ניט געהאַט קיין צוטריט צו פינען, כאָטש וועגן דרוקן זיך האָט ער געטרוימט שוין לאַנג, און אַז ערשט דאָס אַריבערפאָרן קיין קיִעוו האָט אים געגעבן אַ שאַנס אָנצוקניפּן אַ פאַרבינדונג מיט דער צייטונג. מיט דער קאָרעספּאָנדענץ האָט ער שוין מיטגעשיקט דעם שיר אויך, און ס׳איז געראָטן: דער נאָמען אַברהם־אורי קאָוונער האָט זיך באַוויזן שוואַרץ אויף ווייס אין דרוק.

דאָס ליד האָט גערעדט וועגן שטורעם, אָבער קיין שטורעם אין דער ליטעראַטור האָט עס נאָך ניט אָנגעזאָגט: ס׳איז געווען דער שאַבלאָן פון דער משכילישער פּאָעזיע, צוגעשמאַלצן מיט דער מליצה וואָס האָט זיך געפאָדערט, מיט אַ סך פרעגצייכנס און אויסרוף־צייכנס. דער ים שטורעמט, די כוואַליעס הייבן זיך ביזן הימל און וואַרפן זיך מיט מעכטיקע שיפן ווי מיט שפּילכעלעך, אָבער עס איז פאַראַן אַ גרענעץ צום כוח פון די כוואַליעס. ווער פאַרהאַלט זיי ביים ברעג? דער דינער זאַמד. אַזוי איז מיטן מענטש אויך. ביים לעבן וויל ער איינשלינגען וואָס

גבול לאדם

הגלים מה נוראו, בים שמה
הסער שם יגעש ירעש בכח
ובגובה אפו כל יחשוב אדמה
ביליל שם יליל לא יתן מנוח
גם המו ירעשו סופה וסערה
בתבל ושלומה הה! אפם חרה

בהמתי ים ירומו עד רום שמים
ולמשחק למו גם צים אדירים
הה! למחות היקום יגישו ידים
ויתעשו אף ירעשו מים כבירים
וכמו רעה עינם ביפי החלד
כי לציף יהיו גם חלד

בגד מי נצב מול רשעת לבמו?
מפני הגלים אחור נסגו;
מפרוצתם לשוב מי זה צומו?
המונם ושאונם אך שם נמוגו
השתאו התמהו הפלא ופלא —
אך יד החול הדק היא עשתה אלה

האנוש ככה! בימי חייו הבל,
הן ישאף לבלע כל הון וחיל
ולמשחק לו יהיו משא וסבל
לא ינוח רגע יומם וליל
מי שם הומה אל סערת לבו
הה! . אך מעט החול זה כסה עיניו

אברהם אורי קאוונער

קאָוונערס שיר אין הכרמל.

מער, ער האָרעוועט טאָג און נאַכט, און ווער שטילט איין דעם שטורעם ביי אים אין האַרצן? אָ, דאָס ביסל זאַמד וואָס דעקט אים צו די אויגן.

נאָך מער אויף דער ליניע פון משכילישן שאַבלאָן איז די קאָרעס־פּאָנדענץ. אין קיִעוו הערן מיר, האָט זיך געשאַפן אַ ביקור־חולים, און דעם 21טן אָקטאָבער איז דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פירשט וואַסילטשי־קאָוו מיט זיין פרוי און אַ סוויטע באַאַמטע געקומען אויף אַ וויזיט אין אָט דעם נייעם יידישן שפּיטאָל אריין. קאָוונער גיט צו פאַרשטיין, פאַר וואָס ער שרייבט וועגן דעם צום הכרמל: „... כדי דער עולם זאָל זען, אַז די גרויסע פון דעם פאָלק, וואָס אין זייער שאָטן שיצן מיר זיך, ווילן אונדזער טובה, און ער זאָל וויסן, אַז די צייט פאָדערט פון אונדז אַנט־קעגנצוקומען די וואָס ווילן אונדזער טובה, און ער זאָל צוהערן זיך מיט אָפענע אויערן צו דער שטים וואָס רופט אין אונדזערע אויערן, וואָרעם פון דאָרטן קומט אונדז אַ קוואַל פון לעבן". ווי באַלד אַזוי איז שוין דער אַריינפיר אין די זעקס און צוואַנציק שורות פון דער קאָרעספּאָנדענץ אויף אַן אַלגעמיינער:

„ווער האָט זיך עס געקענט אויסמאָלן ביי די קינדער ישראל, אַז אין דער שטאָט קיִעוו, די מוטער פון אַלע רוסישע שטעט... און וואָס אויף איר הייליקער ערד האָט מען אַ יידן ניט געלאָזט שטעלן אַ פוס, וועלן איצטער זיך מערן די זין פון אונדזער פאָלק זייער שטאַרק, און ווי אַ דערבאַרעמדיקע מוטער וועט זי זיי אויך באַשירעמען, און אונטער אירע היטנדיקע פליגלען וועט זי אויסציִען צו זיי חסד און דערמונטערן זיי מיט ליבשאַפט".

וועגן דעם זעלביקן ענין האָט קאָוונער געשריבן מיט אַ זעקס חדשים שפּעטער אין הכרמל אַ צווייטן באַריכט, אָבער די פאַקטן דאָס מאָל, און ממילא אויך דער טאָן, זיינען שוין גאָרניט געווען קיין האָפערדיקע. „דער טייערער פירשט וואַסילטשיקאָוו" איז שוין געווען געשטאָרבן און דער ביקור־חולים וואָס האָט זיך געהאָט געעפנט מיט אַזאַ פּאָמפּע און מיט אַזוינע האָפענונגען האָט געהאַלטןביים איינפאַלן. די סיבה שרייבט קאָוו־נער, איז דאָס וואָס פון גאַנצן קאַנט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן קראַנקע יידן צו היילן זיך אין דעם נייעם שפּיטאָל, ווו עס נעמען אויף די פּראָפעסאָרן פון אוניווערסיטעט; און קיין צושטייער אויף אויפצוהאַלטן דעם שפּיטאָל

האָט קיינער פון מחוץ ק׳יעוו ניט געגעבן. עס איז דאָ נאָר איין עצה צו ראַטעווען דעם שפּיטאָל: זאָלן די שטעט אַרום ק׳יעוו צושיקן נדבות פאַר דער אינסטיטוציע.

דער הכרמל איז געגאַנגען אין ק׳יעווער געגנט נאָר אין געציילטע עקזעמפּלאַרן, און זיכער האָט אַזאַ אויפרוף ניט געקענט האָבן קיין שום פּראַקטישע ווערדע. אָבער די קאָרעספּאָנדענץ איז געווען זשורנאַליסטישע טעטיקייט, ס׳איז געווען געחתמעט דער פולער נאָמען פון דעם שרייבער, און דאָס האָט פאַר אים יאָ געהאַט אַ ווערדע.

נאָך איין פּרט איז וויכטיק. אין דער ערשטער קאָרעספּאָנדענץ איז צום נאָמען אין דער חתימה געווען צוגעגעבן: „יליד ווילנא״, אַ געבוירענער פון ווילנע. דאָס מאַכט קלאָר, אַז קאָוונער האָט זיך ניט אויסבאַהאַלטן פון זיין משפחה. ווען ער זאָל געווען וועלן פאַרווישן די שפורן, וואָלט ער ניט געשריבן צו דער ווילנער צייטונג און ער וואָלט ניט געגעבן זיין נאָמען, ווער רעדט נאָך מיט אַן אָנווייז אויף זיין ווילנער אָפּשטאַם. אין יענע צייטן איז דאָס געווען פון די אָפּטע זאַכן, אַז אַ יונגערמאַן זאָל אַנטלויפן פון די קעסט און זיך נעמען שטודירן. טאָמער האָט מען זיך נאָך אים געיאָגט, איז נאָר אויף צו באַקומען פון אים אַ גט. אָבער אַן אַנדערש מאָל האָט דאָס ווייבל געהאַט אַ האָפענונג — און ס׳ווייזט אויס, אַז אין קאָוונערס פאַל איז אויך אַזוי געווען — אַז דער צוימען־ברעכער וועט זיך נאָך אויסניכטערן און בעסער ווערן, און יעמאָלט האָט זי בלית־ברירה געדולדיק געוואַרט.

II

זוכנדיק די ברייטע וועלט

אַ רשע וואָס האָט געשטעקט טיף אין גיהנום און איז מיט איין מאָל פֿון דאָרטן אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן וואָלט זיך אויך ניט געקענט פֿילן גליקלעכער פֿון קאָוונערן, בשעת ער איז אַרויס פֿון דער אַלט־פֿרענקישער, פֿאַראומערטער שטוב אויף רודניצקער גאַס און אַריינגעפֿאַלן אין די קיִע־ווער סטודענטישע קרייזן. צום ערשטן מאָל האָט ער זיך דערפֿילט יונג, צום ערשטן מאָל האָט ער דערזען אַ פֿרייען וועג פֿאַר די אויגן.

דער ברודער האָט אים אויפֿגענומען אַזוי האַרציק ווי ער האָט אים צוגעזאָגט. דעם ברודערס חברים, אַלע געוועזענע ישיבה־בחורים, האָבן שוין געוווּסט וועגן דעם יונגן אורי און האָבן אים מקבל־פּנים געווען ווי אַן אייגענעם. עס האָט אים פֿאַרוווּנדערט און באַגליקט וואָס די יונגע־לייט האָבן גערעדט צווישן זיך כמעט דורכויס רוסיש; מערניט ווען ניט ווען, צוליב אַ וויץ, פֿלעגט מען אַריינוואַרפֿן אַ ייִדיש וואָרט. אים איז געווען שווער. מיט יאָרן שפּעטער האָט ער געשריבן, אַז ביז זיין קומען קיין קיִעוו האָט ער גאָר קיין רוסיש ניט געקענט; ער האָט געוואָלט שאַפֿן דעם איינדרוק, אַז שיִער ניט דאָ האָט ער זיך אויסגעלערנט דעם רוסישן אַלפֿאַבעט. דאָס איז געווען אַ גרויסע גוזמא, אַרויסגעוואַקסן פֿון קאָוונערס באַדערפֿעניש צוצופּוצן אַ ביסל, צו שטעלן זיך אין אַ פּאָזע. אָבער אמת איז, אַז זיין רוסיש, איבער הויפּט אין ריידן, האָט געמוזט זיין שוואַך. נאָר ער איז גערן געווען זיך אָנצושטרענגען.

די חברה האָט געלעבט אין דחקות. טייל האָבן געהאַט סטיפּענדיעס פֿון איינציקע שטאָטישע גבירים אָדער פֿון אַ ייִדישער גבירישער שטיק־געזעלשאַפֿט, נאָר די סומעס זיינען געווען נישטיקע, ווייט ניט גענוג אויף דורכצולעבן. אָבער פֿאַר דעם ניי־געקומענעם איז ניט געווען קיין נאָווינע,

אַז „קוילעגען אַ הערינג״ איז אַ גאַנצער אַרטיקל. ער איז ניט געווען צעבאַלעוועט, ניט פון דער היים, ניט פון די קלויז־יאָרן און ניט פון די קעסט, און מיטן רוסישן נאָמען „סעליאָדקאַ״ האָט שוין דער הערינג געהאַט גאָר אַן אַנדער טעם.

די שטאָט קיִעוו גופא איז געווען רייכער ווי ווילנע מאַטעריעל, און אויך אַ סך רייכער אין רוסישע גייסטיקע אינטערעסן. קיִעוו איז געווען מער ווי אין צווייען גרעסער, און דער „אוניווערסיטעט פון הייליקן וולאַדימיר״, צוזאַמען מיט די גרויסע צייטונגען, האָבן געשאַפן אַ לעבעדיקע פאַרבינדונג מיט דער ברייטער רוסישער וועלט. די ייִדישע באַפעלקערונג האָט אויך געהאַלטן אין וואַקסן, ווייל גראָד זיינען די גזרות אויף ייִדן אַ ביסל ווייכער געוואָרן; אין קאָוונערס אָקערשט דערמאָנטער קאָרעספּאָנדענץ רעדט זיך אויך וועגן דעם.

ביים קיִעווער אוניווערסיטעט האָט זיך אויפגעקליבן אַ גרופּע ייִדישע סטודענטן און ערב־סטודענטן וואָס האָבן מיטגעלעבט מיטן רוסישן לעבן און מיט דער רוסישער ליטעראַטור. יעדער נומער פון די זשורנאַלן סאָוורעמענניק און דיעלאָ איז דאָ געווען אַ געשעעניש. די נעמען טשערנישעווסקי און פּיסאַרעוו זיינען דאָ געווען הייליק. מען דאַרף ניט קיין קונסט לשם קונסט, האָבן די דאָזיקע יונגע־לייט איבערגעחזרט; וויכטיק זיינען נאָר די סאָציאַלע אידעאַלן. טייל האָבן טאַקע בפירוש געהאַלטן מיט פּיסאַרעוון, וואָס האָט שוין מיט זיינע צוואַנציק יאָר געהאַט אויפגעשטורעמט די באַוווסטזיניקע רוסישע געזעלשאַפט, אַז קונסט וואָס איז ניט דירעקט נוציק האָט קיין שום ווערדע ניט און דעריבער איז ניט נאָר נאַטור־וויסנשאַפט וויכטיקער ווי פּאָעזיע, נאָר אַפילו אַ שוסטער טוט מער אויף פאַר דער געזעלשאַפט איידער פּושקין האָט אויפגעטאָן מיט זיינע לידער. געוויינטלעך דאַרף מען דאָס פאַרשטיין ניט אות־באות, נאָר ווי אַ שלאָגוואָרט — צו דערלאַנגען די אָפּאָנענטן איבערן קאָפּ; די גרויסע „ניהיליסטן״, ווי די שונאים האָבן זיי גערופן, זיינען געווען געניג אויסגעהאַלטן, און ווען פּיסאַרעוו וואָלט באמת געמיינט, אַז שוסטעריי איז וויכטיקער איידער פּאָעזיע, וואָלט ער זיך אַליין אויך אַוועקגעזעצט ציִען די דראַטווע אַנשטאָט צו שטורעמען מיט זיין סאָציאַלער קריטיק.

קאָוונערס ברודער שאול איז געווען אין דער דאָזיקער גרופּע ענטו־

זיאַסטישע סטודענטן. ער האָט זיך באמת אויסגעצייכנט מיט זיינע פעיִקייטן און קענטעניש. כאָטש זיין שטודיום איז גאָר געווען מעדיצין, האָט ער נאָך געפונען צייט זיך אָפּצוגעבן מיט פילאָסאָפיע. שוין נאָך אוריס קומען האָט ער אָנגעשריבן אַ גאַנץ בוך וועגן ספּינאָזען און זיין שיטה, און דאָס בוך האָט אַזוי אויסגענומען, אַז דער קיִעווער אוניווערסיטעט האָט דאָס אָפּגעדרוקט אין זיין דרוק און אויף זיין חשבון.

די ערשטע צוויי חדשים איז אורי געווען ביים ברודער. יענער האָט פשוט זיך געטיילט מיט אים דעם ביסן פון מויל. דערנאָך האָט ער זיך איינגעאָרדנט, געגעבן לעקציעס פון העברעיִש אין פּריוואַטע הייזער, און ווי עס איז דורכגעשטופּט די טעג. צווישן די אויפגעקלערטע יידישע גבירים האָט מען שוין פון קיין חדר ניט געהאַלטן, די קינדער האָט מען געשיקט אין גימנאַזיע, אָבער אין גאַנצן אָן יידישקייט האָט מען זיך אויך ניט געקענט באַגיין; האָט מען גענומען אין שטוב אַריין פּריוואַטע לערערס, און ספּעציעל איז מען גערן געווען צו געבן צו פאַרדינען אַ יונגן־מאַן וואָס איז אַנטלאָפן פון ווייב און קינד צוליב „בילדונג“.

אויפן שוועל פון אוניווערסיטעט

קאָוונערס ציל איז געווען אָנצוקומען אין אוניווערסיטעט, און ער האָט זיך גענומען גרייטן צו די עקזאַמענס. דאָס ביסל וועלטלעכע קענטעניש וואָס ער האָט געהאַט פון דער העברעיִשער השכלה־ליטעראַטור האָט ניט געקלעקט. ער האָט געמוזט אָנהייבן די גימנאַזיסטישע תורה פון אַלף־בית. אָבער די מוח־שאַרפונג וואָס ער האָט געהאַט פון באַלד אָנדערטהאַלבן צענדלינג יאָר גמרא איז ניט געווען אַרויסגעוואָרפן. אויף וואָס גימנאַזיסטן פטרן אַ האַלב יאָר האָט ער אויפגעכאַפּט אין איין וואָך. דאָס האָט נאָך מער געשטאַרקט אין אים די אמונה אין זיך, נאָך מער פאַרגרעסערט זיין גדלות, וואָס אַנדערע האָבן שפּעטער באַצייכנט מיטן נאָמען חוצפּה.

ווי יעטווידער זאַך האָט די מוח־שאַרפונג אויך געהאַט אַ חסרון צוזאַמען מיט דער מעלה. אין דער מערבדיקער שול־סיסטעם גייט דאָס לערנען מער פאַמעלעך, בהדרגה און אָן דעם פּלי פון ווידעראַנאַנד, פון קל־וחומר און פון גזרה־שווה. אָבער דערפאַר איז אין דעם אייראָפּעיִשן

גאַנג פֿאַראַן מער סיסטעמאַטישקייט, מער כסדרדיקע אַכטלייגונג אויף פּרטים. מיט אַ צענדליגג יאָרן שפּעטער האָט קאָוונער געשריבן דאָסטאָ־יעווסקין, אַז ער איז סוף־כל־סוף ניט אָנגעקומען אין קיִעווער אוניווער־סיטעט, ווייל ער האָט „פֿיינט באַקומען דעם קלאַסיציזם". ס׳וועט קיין עוולה ניט זיין משער צו זיין, אַז דאָס איז אויך איינע פֿון קאָוונערס פּאָ־זעס; עס געשיקט זיך, אַז כאָטש ער האָט געקענט הונדערט מאָל מער פֿון אַ דורכשניטלעכן סטודענט איז אים אָבער שווער געווען צו באַהייבן דווקא דאָס ביסל דורכשניטלעכע קענטענישן וואָס האָבן זיך געפֿאָדערט ביי די עקזאַמענס.

אַ חוץ די עצם לימודים האָט זיך קאָוונער ווי אַ ווילד הונגעריקער אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף רוסישע ביכער און ביכלעך און זשורנאַלן. ער האָט זיי געשלונגען ניט זאַט צו ווערן, געשלונגען אַפֿילו ניט פֿאַרשטייענדיק אַלץ ווי ס׳געהער צו זיין. ניט נאָר דער טייטש פֿון אַ סך ווערטער איז אים געווען פֿרעמד, נאָר אויך די ענינים וואָס מען האָט דאָרטן אַרומ־גערעדט. ער איז געווען איינגעוווינט אין דער פּובליציסטיק פֿון המגיד אין הכרמל, וווּ איין שרייבער זאָגט דעם אַנדערן גאַנצע שבחים, און וווּ די הויפּט־דיסקוסיע איז אַרום אַ פּסוק פֿון תנך. און דאָ האָט געברויזט אַ לעבן פֿאַרכלינעט צו ווערן.

ס׳איז אים געווען אויפֿן האַרצן ווי ער וואָלט זיך פֿון פֿאַרשטיקטער הקדש־לופֿט אַרויסגעכאַפּט אין דער ברייטקייט פֿון פֿרייע בערג. ער האָט געהאַט אַ געפֿיל, אַז די אייראָפּעיִשע קולטור ליגט פֿאַר אים אָן אויס־געשפּרייטע און ער טראָגט אַלע טאָג צו זיך אין שטוב אַריין נייע אוצרות. כאָטש ער איז נאָך קיין סטודענט ניט געווען, האָט מען זיך ניט געהאַלטן גרויס קעגן אים און אים מיט חשק אַריינגענומען אין קאָן. ער האָט זיך באַלד געביטן דעם נאָמען אויף אַ ל ב ע ר ט, און היות ווי דער טאַטע האָט געהייסן הירש, איז פֿון דעם, לויטן אָנגענומענעם שניט, געוואָרן ג ר י ג אָ ר י, אַזוי אַז דער יונגער־מאַן האָט זיך שוין גערופֿן שיין און קיילעכדיק: אַלבערט גריגאָריעוויטש קאָוונער. אַלבערט האָט זייער אויסגענומען ביי דער קאָמפּאַניע מיט זיין פֿלינקן קאָפּ און מיט זיין איינ־שטעלן זיך צו זאָגן שאַרפֿע מבינות אויף אַלצדינג.

קאָוונער איז געווען זיכער, אַז נאָך אַ יאָר־צוויי וועט ער אַריין אין

אוניווערסיטעט און וועט ווערן אַ גרויסער מאַן. די גרייטע פּאָרמל האָבן מיר שוין געהערט: „ער וועט שטיין אויף דער הייך פון דער אייראָפּעיִשער קולטור". אַז מען דאַרף אין אַ קולטור פעסט אַריינוואַקסן, אַז עס איז ניט נאָר אַן ענין פון אויפכאַפּן קענטעונישן און פון איבערלייענען הונדערט צי דריי הונדערט ביכער — דאָס האָט קאָונער ניט פאַרשטאַנען, ניט אין קיִעוו און ניט שפּעטער, און דערפון האָט זיך גענומען דער טראַגי־שער בראָך אין זיין לעבן.

אָבער וועגן דעם וועט נאָך אויסקומען צו ריידן. דערווייל האָט מען אין די לאַנגע האַלב טונקעלע קאָרידאָרן פון קיִעווער אוניווערסיטעט געקענט אַזוי גוט אַרומשפּאַצירן מיט כאָפּטעס יונגע־לייט און דרשענען מיטן גראָבן פינגער אויף ביכנערס „קראַפט און מאַטעריע" און אויף באָקלס „געשיכטע פון ציוויליזאַציע".

די גרופּע ייִדישע סטודענטן צווישן וועלכע קאָונער איז אַריינגע־פאַלן, איז געווען ווייט פון טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט. אָבער עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז זיי זיינען געווען אין גאַנצן אַוועקגעגאַנגען פון ייִדישע פּראָבלעמען. מען האָט געטראַכט אויך וועגן באַנייען דאָס ייִדישע לעבן. וואָס וועט זיין דער תכלית פון ייִדן? האָבן זיי זיך געפרעגט. דער ענטפער איז געווען: פּראָגרעס, מענטשלעכקייט, ציוויליזאַציע. די משכילישע פּראָגראַם, נאָר ראַדיקאַלער. מען דאַרף ייִדן בילדן, אַרויס־פירן פון בטלנות אויפן וועג פון נוציקייט. דאָס מיט וואָס די ייִדישע מאַסע לעבט היינט איז דאָך סוף־כל־סוף ניט מער ווי פּוסטע איינגליי־בענישן. געגנוג צו נעמען אַבי עפּעס אַן אייראָפּעיִש ביכל וועגן נאַטור־וויסנשאַפט, זעט מען באַלד, וואָס פאַר אַ ממשות מישטיינס געזאָגט עס האָט דער ייִדישער אתה־בחרתנו־באַגריף מיט די ייִדישע רעליגיעזע פאָר־שטעלונגען. ס'איז ניט שייך אויסצופּוצן און פאַרשענערן דאָס טראַדיציאָ־נעלע ייִדישע לעבן. מען דאַרף עס איבערבויען אין גאַנצן, פון די סאַמע פונדאַמענטן. אין שפּראַך און קולטור דאַרף מען זיין רוסן, און די ייִדיש־קייט דאַרף זיין אַ מאָדערנע אַזוי ווי ביי די אויפגעקלערטע ייִדן אין מערב־אייראָפּע.

מ. ווײנרײך

קאָונערן ציִט צום המליץ

עס איז געקומען די צייט פאַר קאָונערן צו פּרוּוון זײַנע כּוחות אין דער העברעיִשער ליטעראַטור אויף אַן אמת, ניט מיט אַ לידל אָדער מיט אַ פאַקטנדיקן באַריכט וואָס מען דרוקט אָפּ פאַר אַ שפּילערײַ. זײַן טרוים איז מסתּמא געווען — אַ שרײַבער מיט הונדערט יאָר צוריק איז געווען אַזוי ווי אַ שרײַבער הײַנט — אַרויסצוגעבן אַ בוך. ער האָט געזען אַ היפּש ביסל ביכער, לידער און פּראָזע, פון מענטשן, וואָס ער האָט שוין איצט געהאַלטן, אַז זיי זײַנען ניט ווערט ביי אים די פּעטשערע צו הייצן. די מניעה אָפּצודרוקן אַ בוך, ווי מיר וועלן באַלד זען, איז אפשר געווען גיכער אַ פּסיכאָלאָגישע איידער אַ מאַטעריעלע. ווי די זאַך זאָל ניט זײַן, דערווײַל איז זײַן וועג נאָך אַלץ געגאַנגען צו דער פּרעסע.

איצטער, מיט זײַנע נײַע ראַדיקאַלע געדאַנקען, האָט קאָונער גע־דאַרפט איבערטראַכטן פון דאָס נײַ, אין וואָס פאַר אַן אָרגאַן ער זאָל זיך פּרוּוון דרוקן, כאָטש צו פיל פון וואָס אויסצוקלײַבן איז ניט געווען.

אין הכרמל האָט מען אים שוין געקענט, דער רעדאַקטאָר איז געווען צופרידן צו האָבן ייִנגערע מיטאַרבעטערס. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט דווקא דער הכרמל געדרוקט קאָונערס שאַרף פּאָלעמישע אַרטיקלען, וואָס אַנדערש ווו האָט מען זיי ניט געוואָלט. אָבער ביים אַרויסגיין אין שלאַכט האָט קאָונער נאָך ניט געקענט וויסן, ווי אַזוי פין וועט אים באַהאַנדלען. וואָרעם פין איז געווען אַ מענטש אַ קאָנסערוואַטיווער, אַן אימפּעט, ניט פאַרן געשמאַק פון צוואַנציק־יעריקע היצקעפּ וואָס מיינען, אַז די וועלט גייט אויף אַ פאַלשן וועג נאָר דערפאַר, ווײַל קיינער האָט איר נאָך ניט געזאָגט, ווי אַזוי זי דאַרף זיך פירן. אַ נודנע גרויקייט איז געלעגן אויף פינס וואָכנבלאַט.

דעם המגיד האָט קאָונער בפירוש פאַרבראַקירט. ניט צוליב זײַן היפּערלאָיאַלער פּאָליטישער ריכטונג; קיין שום משכּיל האָט זיך אין יע־נער צייט ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז ייִדן וועלן זיך אַרײַנלאָזן אין אַ פּאָליטישן קאַמף. אָבער עס האָט געשלאָגן צום האַרצן די ניט־סיסטעמאַ־טישקייט פון דער צײַטונג, די אָפּגעלאָזענע שפּראַך, דער אָפּקלייב פון די טעמעס וואָס האָט אויסגעזען בטלניש ביי די מער אינטעליגענטע מענטשן פון אַפילו יענעם דור. אַהין האָט זיך קיין זאַך ניט געוואָלט שיקן. איז

שוין קיין וווּנדער ניט, וואָס דאָס האַרץ פון קאָוונערן און זיין גרופּע האָט צום מערסטן געצויגן צום המליץ וואָס איז זינט 1860 געגאַנגען אין אַדעס. דער המליץ איז געווען פרישער, אינטערעסאַנטער. ווי אַ מאָטאָ אויף אים איז געשטאַנען: „דער מליץ [פאַרמיטלער] צווישן דער אמונה און דער השכלה, צווישן דעם ייִדישן פאָלק און דער רעגירונג". דאָס וואָכנבלאַט איז געווען אַ פרייע טריבונע; דער רעדאַקטאָר אַליין האָט ממש אַרויסגערופן זיינע מיטאַרבעטערס אויף פּאָלעמיק. דאָ האָבן גע־שריבן די בכבודיקע אַלטע („אויטאָדידאַקטן" האָט מען זיי גערופן, ווייל זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו זייערע קענטענישן מיט אייגענער מי, אָן אַ סיסטעמאַטישער שולבילדונג) אָבער אויך אַ סך יונגע, ווייניקער און מער באַרימטע. קאָוונער האָט געהאַט דעם פעסטן ווילן צו ווערן גיך איינער פון די מער באַרימטע.

צעדערבוים, דער רעדאַקטאָר פון המליץ, איז געווען אַ ייִד פון פוילן פון דער שטאָט זאַמאָשטש, פון יענער שטאָט, ווו אין זיין צייט האָבן געלעבט אַ באַוווּסטער העברעיִשער שרייבער יעקב אייכענבוים, אַ גרוי־סער ייִדישער שרייבער ד"ר שלמה עטינגער און נאָך זיי — יצחק־לייבוש פּרץ. צעדערבוימס טאַטע האָט געהאַט אַ אָפן הויז אין זאַמאָשטש, עס פלעגן זיך אויפקלייבן ביי אים אַלע משכּילים פון שטאָט, און דער יונגער סענדער (שפּעטער האָט ער זיך שוין גערופן אַלכּסנדר) פלעגט זיך איינ־הערן אין די שמועסן וואָס האָבן זיך געצויגן כּסדר. צו עטינגערן איז אים זיין גאַנץ לעבן געבליבן אַ וואַרעם געפיל. ווען ער איז אונטערגע־וואַקסן, איז ער אַוועק קיין אַדעס זוכן פּרנסה. ער האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע פּרוּוון, געווען אַ סוחר און אַ בעל־הבית פון אַ שניידעריי־געשעפט (און דערפאַר האָבן אים שפּעטער זיינע שונאים גערופן „דער שניידער", פּונקט ווי מען האָט זילבערמאַנען פון המגיד געזידלט „דער שוחט").

אָבער פון דעם אַלעם האָט ער קיין שבת ניט געקענט מאַכן, און עס איז אים געווען גאַנץ ביטער. האָט ער אויסגעפּועלט ביים אַדעסער גענעראַל־גובערנאַטאָר אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ העברעיִשע צייט־טונג, און פון דעמאָלט אָן איז ער שוין געבליבן אַ רעדאַקטאָר אויף זיין גאַנצן לעבן. צום המליץ איז מיט דריי יאָר שפּעטער צוגעקומען אַ צייט־

טונג אויף ייִדיש, מיטן העברעיִשן נאָמען קול מבשר, און נאָך שפּעטער אַ רוסישע צײַטונג אויך. אויף דער עלטער, שוין ווײַנענדיק אין פּעטער־בורג, איז צעדערבוים געוואָרן אַ חובבֿ־ציון און האָט אַ סך אַרויסגעהאָלפן ווען מען האָט באַדאַרפט אַ דערלויבעניש אויף עפּעס בײַ דער רוסישער אַדמיניסטראַציע. אַ שתדלן איז ער געווען איינער אין דער וועלט, און צווישן די משכּילים זײַנען אומגעגאַנגען אָן אַ שיִער מעשׂיות, אָפט מאָל גאַנץ גוזמאדיקע, וועגן די שפּיצלעך וואָס צעדערבוים האָט געלאָזן אין גאַנג אין זײַנע באַציִונגען מיט די שׂררות. דערפֿאַר האָט מען אַלע מאָל געהאַט צו צעדערבוימען אַ סך טענות, אַז ער איז ווינציק געבילדעט, אַז זײַן ליטעראַרישער גוסט איז ניט גענוג אַנטוויקלט, אַז ער האָט אַ טבֿע צוצוגעבן לאַנגע אייגענע צושרײַבעכצן צו יעדער אַרטיקל. אָבער פֿאַר אַ מענטש וואָס ווייסט ווי אַזוי צו ריידן מיט די שׂררות און פּועלט טאַקע בײַ זיי האָבן די יונגע־לײַט די בעלי־העזה אויך געהאַט דרך־ארץ.

די ערשטע צוויי קריטישע אַרטיקלען

איינע פֿון צעדערבוימס מעלות איז געווען, וואָס ער האָט געזוכט צוצוציִען יונגע טאַלענטן, און מען דאַרף זיך ריכטן, אַז אויב קאָוונער וואָלט סתּם אַרײַנגעשיקט אַן אַרטיקל וואָלט ער דאָס אויך אָנגענומען. אָבער קאָוונער האָט געוואָלט גיין אויף אַן אייזערנעם בריק. ער האָט זיך געהאַט באַקענט אין קיִעוו מיט אַבֿראַם מאַרקאָוויטש בראָדסקין, אַ ברודער פֿון דעם גרויסן צוקער־מאַגנאַט ישׂראל בראָדסקי. מסתּמא האָבן זיי זיך באַגעגנט אין איינעם פֿון די הײַזער, וווּ קאָוונער האָט געגעבן פּריוואַטע לעקציעס. אַבֿראַם בראָדסקי האָט געוווינט אין אָדעס און איז דאָרטן געווען אַן אָנגעזעענער כּלל־טוער. מיט אים האָט עס אורי קאָוונער מיטגעשיקט זײַן ערשטן אַרטיקל פֿאַרן המליץ, און צעדערבוים האָט עס באַלד אָפּגעדרוקט.

דערבײַ האָט דער רעדאַקטאָר צוגעגעבן פֿון זיך אַזאַ באַמערקונג וואָס כאַראַקטעריזירט די ליטעראַרישע מידות פֿון יענער עפּאָכע: „דער מחבר פֿון אָט דעם אַרטיקל איז אַ יונגער־מאַן. מען האָט אים חתונה געמאַכט נאָך גאָר יונגערהייט. נאָר ווען עס איז אַוועק אַ שטיקל צײַט און עס איז אים דערעסן מעשׂה לײַדיק־גייער עסן ברויט בײַם שווערס

טיש און ער האָט אָנגעהויבן טרוימען וועגן גייסטיקער שפּייז, איז ער אַנטלאָפן קיין זשיטאָמיר זוכנדיק וויסן און חכמה אין דער דאָרטיקער ראַבינער־שול״. פון זשיטאָמיר קיין קיִעוו האָט ער זיך געראַטעוועט פון דעם טאַטנס און שווערס נאָכיאָגעניש. איצט גרייט ער זיך אין אוניווער־סיטעט אַריין און מען מעג האָפן, אַז ער וועט זיין אַ „פילזייטיקער מענטש״. אַ ביסל פון דער ביאָגראַפישער אינפאָרמאַציע גופא, און גיכער ווי אַלץ אויך די איבערגעשרויפטע דראַמאַטיזאַציע, איז אפשר געקומען פון קאָוונער אַליין; נאָר די פרייקייט אין מגלה זיין פּריוואַטע פּרטים פאַרן עולם איז געוווען דעם רעדאַקטאָרס, און דאָס האָט קיינעם ניט שאָקירט.

דער אַרטיקל איז געווען אַ גאַנץ שוואַך שטיקל אַרבעט, ווען מען מעסט אים מיט קאָוונערס שפּעטערדיקע דערגרייכונגען, און די שפּראַך איז נאָך אויך גאַנץ מילד, אָבער דער אָנקום פון שטורעם שפּירט זיך שוין. עס רופט זיך: „אַ וואָרט צו די שרייבערס ביי יידן״. די געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע ווייזט אונדז, שרייבט ער, אַז אין משך פון די לעצטע הונדערט יאָר האָבן דריי מינים ליטעראַטור געהאַט די גרעסטע ווירקונג אויפן פאָלק: ראָמאַנען, געשיכטע און נאַטור־וויסנשאַפט. בלויז זיי האָבן באַפרוכפּערט די קולטור און געהויבן דעם מענטשן אויף העכערע שטאַפּלען. אָבער וואָס זעען מיר אין דער העברעיִשער ליטעראַטור? זי שוועבט נאָך אַלץ אין דער מליצה פון פּאָעזיע. עס איז גאַנץ פיין צו זינגען וועגן ליבע, שיינקייט, האָפענונג און וועגן דער פּראַכט פון דער נאַטור, נאָר וואָס איז דער תכלית? ווען דער לייענער כאַפּט זיך אויף פון טרוים זעט ער, אַז עס איז גאָרניט. היינט זיינען אַנדערע צייטן. גענוג שוין צו שוועבן אין די הימלען אויף די פליגלען פון אַ פאַלשער פאַנטאַזיע. זאָלן די העברעיִשע שרייבערס נעמען טעמעס פון היינטיקן לעבן און נעמען שרייבן ראָמאַנען מיט געזעלשאַפטלעכער קריטיק. דער מענטש איז ניט שלעכט בטבע. אין דער נאַטור איז ניטאָ קיין שלעכטס און קיין נאַרישס; דאָס קומט פון דער אַרומיקער מענטשלעכער סביבה. אויב מען וועט מענטשן ווייזן דעם ריכטיקן וועג וועלן זיי זיך פירן ווי ס'געהער צו זיין, און דאָס קען מען צום בעסטן דערגרייכן דורך ראָמאַנען.

מען מוז זיך אַריינלעבן אין דער אַטמאָספער פון דער עפּאָכע כדי צו פאַרשטיין, מיט וואָס אַזאַ אַרטיקעלע פון פינף־זעקס הונדערט וווער־

טער האָט געקענט אַזוי אויפֿרודערן. די העברעיִשע שרײַבערס האָבן דעמאָלט פֿון פּאָעזיע געהאַלטן צום מערסטן, ווײַל אין איר האָט מען געקענט באַווײַזן צום בעסטן די פּראַכט פֿון דער העברעיִשער שפּראַך; אַז פּראָזע איז בעסער האָט מען ניט געוואָלט הערן, און מען האָט דער־שפּירט, כאָטש בפּירוש איז דאָס ביי קאָונערן ניט געשטאַנען, אַז די „נײַע שרײַבערס" וואָס ווערן רעקאָמענדירט ווי אַ מוסטער זײַנען ניט העברעיִשע שרײַבערס.

נאָך אַ סך העכער איז געווען דער גרילץ פֿון קאָווּנערס צווייטן אַר־טיקל אין המליץ מיט קנאַפּע דרײַ חדשים שפּעטער. דאָס קעפּל אַליין: „ניט שלום און ניט אמת!" איז שוין געווען אַ דירעקטער אַרויסרוף, און דער אינהאַלט איז אויך געווען אַ סך מער אַגרעסיוו; חוץ דעם האָט קאָווּנער דאָ געשריבן באַריכות, כמעט דרײַ מאָל אַזוי פֿיל ווי אין ערשטן אַרטיקל.

דער ערשטער שטופּ איז געווען אַן אַרטיקל אין דער רוסישער צײַטונג קיִעוולאַנין, וואָס זי איז אין יענע יאָרן נאָך ניט געווען אָפֿן אַנטיסעמיטיש, נאָר קיין צו פֿיל פֿרײַנדלעכקייט האָט מען זיך פֿון איר אויך ניט געריכט צו הערן, און דעריבער איז מען געווען ביי ייִדן ספּע־ציעל שפּירעוודיק צו אַלץ וואָס דאָרטן איז געשטאַנען. אָנהויב 1864 האָט דער קיִעוולאַנין געשריבן וועגן די „אויטאָדידאַקטן" און די יונגע ביי ייִדן און געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז די יונגע זײַנען בילכער ווען עס קומט דורכצופֿירן די פּאָליטיק פֿון דער רוסישער רעגירונג בנוגע ייִדן. דערויף האָט איינער אַ משכיל מענדלסבורג געשריבן אין המליץ „ווערטער פֿון שלום און אמת" און אויפֿגעוואָרפֿן די יונגע, אַז זיי האָבן משמעות גע־שריבן דעם אַרטיקל אין קיִעוולאַנין. אים האָט עס אָפּגעענטפֿערט קאָוו־נער. ער קען ניט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס מען האָט פֿאַראיבל אויפֿן נאָמען אויטאָדידאַקטן. מענדעלסאָן, יצחק־בער לעווינזאָן, סלאָנימסקי זײַנען אויך אויטאָדידאַקטן, און פֿון דעסט וועגן לייגן די יונגע אויף זיי דעם גרעסטן כבוד. דער עיקר איז, אַז די שרײַבערס זאָלן האָבן אין זינען דעם נוצן וואָס זיי דאַרפֿן ברענגען דעם פֿאָלק, זיי זאָלן זיך ניט אַרײַנלאָזן אין סטיליסטישע קונצן, און פּרטימלעך פֿון דיקדוק אָדער אין מאַכן איינער דעם אַנדערן גוואַלדאָוונע קאָמפּלימענטן.

פאַראַן שרייבערס וואָס זיינען טאַקע אויסן דעם נוצן פון פאָלק: לעווינזאָן איז אַ גרויסער אויפטוער אין יידישער געשיכטע, סלאָנימסקי אין פאַרשפרייטן נאַטור־וויסנשאַפט, מאַפו און אויסמאָלן בילדער פונעם אַמאָליקן און פון היינטיקן יידישן לעבן. אומזיסט קלאָגט זיך ה׳ מענ־דלסבורג אַז די תלמידים בונטעווען זיך קעגן זייערע לערערס. אַ לערער צו אַ לערער איז ניט גלייך; צו סלאָנימסקין אָדער גאָטלאָבערן פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול האָט מען גאָרניט, אַדרבה, מען גיט זיי אָפּ כבוד און מען האָט זיי ליב. דעריבער, אויב די אויטאָדידאַקטן און די לערערס ווילן אַרויסרופן ליבשאַפט ביים נייעם דור און ביי זייערע תלמידים, זאָלן זיי גיין צוזאַמען מיט זיי לויטן גייסט פון דער צייט און ניט פּרווון פאַרהאַלטן דעם דאָזיקן גייסט, ווייל דאָס וועט זיך סיי ווי סיי ניט איינגעבן. געדרוקט האָט צעדערבוים דעם אַרטיקל אויך, ווייל דער חוש פון דעם געבוירענעם רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער האָט אים אונטער־געזאָגט, אַז אויב קינאת־סופרים מערט ניט אַלע מאָל חכמה, מערט זי אָבער זיכער אַבאָנענטן. דער עולם האָט ליב, ווען צוויי העגער שלאָגן זיך: דאָס מאַכט לעבעדיק די צייטונג. האָט ער נאָך אַ היפּשע צייט גע־דרוקט קאָוונערן, געדרוקט אָנפאַלן אויף אים, געדרוקט ווידער ענטפערס פון קאָוונערן אַליין אָדער פון זיינע גוטע־פריינד. נאָר די רעדאַקציאָנעלע פאָדקעווע צו קאָוונערס צווייטן אַרטיקל איז שוין געווען אַ סך ניכטערער:

„ווי מען קען זען פון אָט דעם אַרטיקל, האָט דער מחבר זיך היפּש אָנגעליטן בשעת ער איז געזעסן פאַרשפאַרט אין בית־מדרש און געגעסן אַ גאַנצן טאָג נאָר ברויט מיט וואַסער — ברויט פון תורה און וואַסער פונעם ברונעם פון דער גמרא.... מיר פאַרהאָפן אָבער, אַז צי ער וועט יאָ צי ער וועט ניט אָפּהיטן דאָס געבאָט פונעם חכם: האָסטו געפונען האָניק, עס פיל עס איז גענוג פאַר דיר, כדי זאָלסט זיך ניט איבערזעטן דערמיט און עס אויסברעכן, וועט ער אָבער סוף־כל־סוף פאַרשטיין, אַז אַ סך אַמאָליקע מחברים האָבן מער די ווערט איידער היינטיקע מחברים“.

עס לאָזט זיך פאַרשטיין, פאַר וואָס מען האָט גענומען קוקן אויף קאָוונערן קרומלעך. דאָ איז געקומען אַ יונגער־מאַן, וואָס מיט אייגענע אויפטוען האָט ער זיך נאָך ניט געהאַט צו באַרימען, און ער נעמט זיך דאָס אונטער צו לערנען אַנדערע. דערצו האָט ער געהאַט ספּעציעלע ביי־

סיקייט אין טאָן, וואָס האָט אַרויסגערופן פאַרביטערונג ביי יעדער איינעם. בלויז אַ צוויי־דריי שרייבערס האָבן געפונען חן אין זיינע אויגן, ווי מיר האָבן אָקערשט געזען. ווייטער האָט ער אַלעמען פאַררעכנט צו די וואָס „פליִען" און גיבן דעם פאָלק גאָרניט מיט זייער שרייבן.

מען האָט גענומען שאָקלען אויף אים מיטן קאָפּ. טייל מענטשן האָבן געמיינט, אַז ער קומט מיט פּניות. אויף דער דיסטאַנץ פון די יאָרן איז ניטאָ קיין שום סיבה חושד צו זיין זיינע מאָטיוון. ער האָט זיך געהאַט אָנגעלייענט מיט די רוסישע ראַדיקאַלן און „ניהיליסטן". פּיסאַרעווס אַר־בעט, „רעאַליסטן", וואָס האָט אויפגערודערט די באַוווסטזיניקע רוסישע געזעלשאַפט, איז אַרויס טאַקע אין 1864. קאָוונער איז ניט געווען דער איינציקער צווישן דער יידישער יוגנט, ווי מיר האָבן שוין געזען, וואָס האָט גענומען אַריבערטראָגן די ראַדיקאַלע רוסישע אידעעס אין יידישן לעבן אַריין; אין די הויכע פענצטער האָט מען שוין אָנגעהויבן ווערן אַ ביסל אומרויִק וועגן די יידישע „ניהיליסטן". אויך דאָס לעבן ביי יידן איז טאַקע געווען אַזוי אָרעם, עס האָט אויף אַזוי פיל געפעלט אַ פאַר־שטאַנד פאַר פּראָבלעמען פון דער צייט, אַז מען קען פאַרשטיין די טענות; לאָזט אַ ביסל אַראָפּ פון אייער מליצה און גיט אַ טראַכט וועגן נוציקייט. ווען מענדעלע האָט אין זעלביקן יאָר 1864 אָנגעהויבן שרייבן יידיש, כאָטש ער איז שוין געווען אַן אָנגעזעענער העברעיִשער שרייבער, האָט ער דאָס אויך מאָטיווירט מיט פּראַקטישע טעמים: דאָס וועט זיין נוציקער פאַרן פאָלק.

אָבער פון הינטער קאָוונערס יעדער שורה פון יענע יאָרן זעט זיך אַרויס נאָך עפּעס: ער שפּיגלט זיך אין זיך אַליין. טייל מאָל ווייזט זיך אויס, אַז שרייבנדיק טראַכט ער ניט וועגן דעם אינהאַלט, נאָר ער מעסט אָפּ, אַז מען וועט זאָגן: אַהאַ, אָט דער קאָוונער איז אַ יונג מיט ביינער!

ווי עס איז האָט קאָוונער אין יענער צייט אויך געפּרוווט זיין מזל אין רוסישע צייטונגען, כאָטש מיר ווייסן גאָרניט וועגן דעם, וואָס און ווו ער האָט געשריבן. זיינע אָפּאָנענטן האָבן אים באַשולדיקט, אַז ער פאַלט אָן אויף יידן.

אַ משומד וואָס וויל פרומע יידישקייט

לאָמיר זיך איצט באַקענען מיט אַ פּאַרשוין וואָס איז געווען אַ יוצא־מן־הכלל אַפילו אין מיטן נײַנצעטן יאָרהונדערט, און היינט דאַרף מען צוליגן קאָפּ צו פּאַרשטיין, ווי אַזוי אַזאַ מענטש איז געוואַקסן און האָט געטאָן זײַן אַרבעט. געשטאַמט האָט ער פון ייִדן און געהייסן האָט ער אין דער היים הירש גרינבוים. נאָר ווען ער איז אַרײַנגעטראָטן אין קאָוונערס לעבן, האָט ער שוין געהייסן וולאַדימיר וואַסיליעוויטש פּיאָדאָראָוו און ער איז געווען אַ רוסישער „הויפּראַטמאַן" (נאַדוואָרני סאָוועטניק). שוין אַ באַווייבטער און אַ פֿאָטער פון אַ קינד, האָט ער זיך פּאַרבענקט נאָך השכלה, אַוועקגעוואָרפן די משפּחה און אָנגעקומען אין גימנאַזיע; דערנאָך האָט ער שטודירט אין אוניווערסיטעט. ביז אַהער איז דאָס דער זעלביקער וועג צו בילדונג וואָס עס האָבן דורכגעמאַכט טויזנטער אַנדערע יונגע־לײַט פון דער טראַדיציאָנעלער סביבה, וואָס זײַנען „געכאַפּט געוואָרן אין דער מעשה". אָבער ער האָט זיך פּאַרקייקלט ווײַטער: ער האָט זיך געשמדט און געוואָרן פּיאָדאָראָוו. דאָס אַליין איז נאָך אויך ניט אַזאַ חידוש, ווײַל היפּש ייִדישע יונגע־לײַט האָבן אויסגעביטן דאָס רענדל נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך איבערגעצייגט, אַז די קולטור אויף יענער זײַט פּלויט איז רײַכער, אָדער לפּחות די שיסל איז פולער. אַפילו דאָס וואָס דער משומד איז געוואָרן אין קיִעוו דער ייִדישער צענזאָר און אַ „באַאַמטער פּאַר באַזונדער וויכטיקע ענינים" ביים קיִעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר אַכטונג צו געבן אויף ייִדישע ענינים איז נאָך אויך ניט דער גרעסטער וווּנדער. די רוסישע רעגירונג האָט געהאַט ווינציק מבינים אויף ייִדישקייט און משומדים זײַנען בײַ איר געווען צום מערסטן באַגלייבט. אויסטערליש איז דאָס וואָס גרינבוים איז געבליבן טיף אַרײַנגעטאָן אין פּראָבלעמען פון ייִדישן לעבן, ווען ער איז שוין געווען אַ פּראַוואָסלאַוונער און געטראָגן דעם עכט רוסישן נאָמען, און וואָס זײַן שיטה אין ייִדישקייט איז געווען אויף אַזוי פיל אַנדערש ווי מען וואָלט זיך געריכט.

דער אידעאַל פון אָט דעם משומד איז געווען ניט אַנדערש טראַדיציאָנעלע ייִדישקייט. ער איז גרייט געווען צוצופּראַווען זי אַ ביסל מיט אייראָפּעיִשער בילדונג, אָבער נאָר אויף אַזוי פיל, אַז די ייִדישקייט זאָל דערבײַ חלילה ניט געמינערט ווערן. להיפּוך צו די משכילים וואָס האָבן

זיך אַרומגעטראָגן מיט דער ייִדישער פילאָסאָפיע פון שפּאַניש־אַראַבישן פּעריאָד (דערמאָנט זיך נאָר: אַ קלייניקייט „די גאָלדענע תּקופה"!) האָט ער געהאַלטן, אַז וואָס ווינציקער מען וועט פאַרשפּרייטן ווערק פון אָט די פילאָסאָפן, אַלץ בעסער. די משכּילים האָבן געמיינט, אַז מיטן רמבם און מיטן כוזרי שלאָגן זיי דעם רמ"אָ און דעם מהרש"אָ און שוואַכן אָפּ דעם „ראַביניזם". פּיאַדאָראָוו האָט פאַרשטאַנען, אַז די מיטל־עלטערישע פילאָסאָפיע מיט איר תּקופה וועט די יונגע־לייט פירן צו אַטעיִזם, און פון אַטעיִזם וועלן זיי קומען צו ניהיליזם. די מחנה ניהיליסטן איז נאָך קליין, אָבער זי פאַרדינט אַן ערנסטן אינטערעס פון דער רעגירונג אין דעם זינען, וואָס אַרום זיי גרופּירן זיך די אַלע וואָס פונעם פעלד פון אמונה טראָגן זיי אַריבער די פאַרניינונג אויפן פעלד פון פּאָליטיק... אויב די געזעלשאַפט און די מלוכה האָבן ביז איצטער געליטן היזק און אָנווער פון כּוחות איבער די גלייבעכצן ביי ייִדן און איבער זייער בלינדער אײַבערגעגעבנקייט צו דעם אַלעם וואָס זיי האָבן באַקומען בירושה פון די אָבות, וועלן די געזעלשאַפט און די מלוכה אויף להבא האָבן נאָך מער אָנווערן און היזקות דורך דער בילדונג פון ייִדן, וואָס זי האָט פון אָנהייב אָן אָנגענומען אַזאַ פאַרדאַרבערישע ריכטונג..."

אַזוי האָט פּיאַדאָראָוו אָנהייב 1864 געשריבן אין אַ געהיימען מעמאָראַנדום צו דער רעגירונג וואָס איז מיט אַ זעכציק יאָר שפּעטער געפונען געוואָרן אין די אַרכיוון. בסוד איז אַגב געבליבן נאָר דער מעמאָראַנדום („זאַפּיסקאַ") ווי אַ גאַנצהייט. דעם אויסלאָז פון דעם דאָקומענט האָט פּיאַדאָראָוו אַליין אָפּגעדרוקט נאָך דאָס זעלביקע יאָר אין נומער 58 קיעווליאַנין מיט אַ ווענדונג צו ייִדישע שרייבערס, זיי זאָלן זיך אַרויסזאָגן וועגן די „גרונטפּראַגעס פון ייִדישער אויפקלערונג", ד"ה פּאַקטיש וועגן דעם מצב פון ייִדן אין רוסלאַנד.

נאָך איינס איז משונהדיק אין פאַרבינדונג מיט פּיאַדאָראָוון. אָט דער משומד איז צוליב זיין שמד ניט אַוועקגעשטעלט געוואָרן מחוץ למחנה. ווי ווילד דאָס זאָל אונדז ניט אויסקומען היינט, נאָר פּיאַדאָראָוו איז געווען נאָענט מיט יצחק־בער לעווינזאָנען, ער פלעגט זיך פריינדלעך דורכשרייבן מיטן ראָש־המדברים פון די משכּילים אַברהם־בער גאָטלאָבערן; ש. י. אַבראַמאָוויטש איז געווען זיינער אַ ידיד און שפּעטער אין די זיבע־

ציקער יאָרן ווען פּיאָדאָראָוו איז געוואָרן יידישער צענזאָר אין וואַרשע, איז ער געווען גוט־פריינד מיט חיים־זעליג סלאָנימסקי און נחום סאָקאָלאָוו. אַ קאָרעספּאָנדענץ פון המליץ האָט מליצהדיק אָנגערופן פּיאָדאָראָוון „דער האַר דער גרויסער חכם, דער רעכטפאַרטיקער צווישן מענטשן און דער וואָס זוכט גוטס פאַר יידן״. אָן אַנדער באַציִונג געווען אין יענער עפּאָכע צו „גוטע״ משומדים!

די ווענדונג פונעם גענעראַל־גובערנאַטאָר

עס איז כדאַי צו ברענגען וואָרט ביי וואָרט די זעקס פּונקטן פון דער ווענדונג אין נאָמען פון קיִעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, וואָס האָט יעמאָלט געמאַכט אַ גרויסן רושם ביי דער יידישער אינטעליגענץ.

„1. וואָס פאַר אַ נוץ קען אַרויסקומען, און אין וואָס פאַר אַ פאַרנעם, פאַר בילדן די מאַסע יידן וואָס נייטיקט זיך קודם־כל אין עלעמענטאַרע קענטעניש — פון אַרויסגעבן ביכער אויף דער אַלט־רבנישער שפּראַך וועגן פאַרשיידענע צווייגן מענטשלעך וויסן, דער עיקר אָבער אויפן פעלד פון נאַטור־וויסנשאַפט, מאַטעמאַטיק און פילאָסאָפיע.

2. צי איז נוציק צו פאַרשפּרייטן צווישן יידן, בכדי מיטצוהעלפן דער אויפקלערונג פון פאָלק, ביכער פון מיטל־עלטערישן פּעריאָד פון דער העברעיִשער ליטעראַטור פון פילאָסאָפישן און בעלעטריסטישן אינהאַלט ווי למשל: מורה נבוכים, עיקרים אאַז״וו, תחכמוני, בחינת־עולם אאַז״וו.

3. צי דאַרף מען באַגרענעצן אָדער לחלוטין פאַרווערן צו דרוקן יידישע הלכה־ספרים (שולחן־ערוך), דעם תלמוד, די רעליגיעזע מוסר־ספרים, למשל מנורת המאור, שבט מוסר אאַז״וו, די מיסטיש־רעליגיעזע ספרים, למשל דעם זוהר, און בכלל די ווערק פון דער אַלטער און נייער קבלה, דערביי אָנווייזן, צי אין גאַנצן אָדער מיט אויסשליסונגען.

4. צי דאַרף מען נאָך האָבן היינטיקע צייט באַזונדערע יידישע שולן, בשעת אַלע אַלגעמיינע לערן־אינסטיטוציעס זיינען אָפן פאַר יידן.

5. וואָסערע מיטלען דאַרף מען אָננעמען אַז אין די יידישע שולן וואָס עקסיסטירן איצטער זאָלן גיין קינדער פון אַלע קלאַסן פון דער יידישער געזעלשאַפט און אַז זיי זאָלן זיין ווי צום מערסטן צוגעפּאַסט צו די באַדערפענישן פון פאָלק.

6. אויף וואָסערע יסודות וואָלט מען געדאַרפֿט איינאָרדענען די שולן די ייִדישע, אַז די בילדונג וואָס מען טראָגט פֿון דאָרטן אַרויס זאָל ניט זײַן אָן אַ רעליגיעזן באָדן. אין וואָס פֿאַר אַ מאָס וואָלט געווען נוציק אַרײַנצופֿירן אין די שול־תּקנות דעם פּרינציפּ, אַז די קהילות אַליין און זייערע פֿאָרשטייערס זאָלן קאָנטראָלירן, בכדי די שולן זאָלן גיין גוט און זיי זאָלן פּטור ווערן פֿון די טענות פֿון אומגלייביקייט, דערבײַ אָנווײַזן ווי אַזוי דער דאָזיקער קאָנטראָל זאָל זײַן".

די דאָזיקע ווענדונג האָט אַרויסגערופֿן אַ צאָל תּשובֿות. ווי ס'איז באַוווסט איז שלום־יעקבֿ אַבראַמאָוויטש געווען איינער פֿון די וואָס האָבן געענטפֿערט. קאָוונער איז געווען אַ צווייטער, און אַ טייל פֿון דער תּשובֿה האָט ער אָפּגעדרוקט אין זײַן ערשטן ביכל, וואָס וועגן דעם וועט באַלד קומען צו רייד.

ערבֿ דעם ערשטן ביכל. — אָפּגעגט

אין 1864, ווען קאָוונער האָט זיך גענומען אַרויסרוקן אין המליץ, איז שוין אַ יאָר אָנדערט־האַלבן געגאַנגען די ייִדישע בײַלאַגע צום המליץ, דער קול מבשׂר. פֿון קאָוונערס שפּעטערדיקע אַרויסזאָגונגען ווייסן מיר, אַז ער האָט שטאַרק געהאַלטן פֿון דעם דאָזיקן אויפֿטו צעדערבוימס צו ברענגען אינפֿאָרמאַציע און קענטעניש צו יענע ייִדן וואָס קענען ניט קיין שום שפּראַך אַ חוץ ייִדיש. אויך האָט ער גוט געוווּסט, אַז אין ווילנע שרײַבט ר' אײַזיק־מאיר דיק קורצע דערציילונגען פֿאַר פּראָסטע מענטשן; ס'האָט זיך אים אַפֿילו געוואָלט, אַז מען זאָל אין דער ליטע אויך אַרויסגעבן אַזאַ בלאַט אויף ייִדיש ווי דער קול מבשׂר. אָבער אַז ער אַליין זאָל שרײַבן אין דעם בלאַט פֿאַר פּראָסטע מענטשן איז אים אויפֿן זינען ניט געקומען. מיט יאָרן שפּעטער האָט צעדערבוים זיך געקלאָגט, אַז אין אַדעס האָט קאָוונער אָנגעשריבן קעגן אים אַ שפּאָטלידל אויף ייִדיש; אָט דאָס לידל, וואָס זײַן טעקסט איז צו אונדז ניט דערגאַנגען, איז אַ פּנים געווען קאָוונערס איינציקע פּראָדוקציע אויף דער ייִדישער שפּראַך. ער האָט געהאַט העכערע אַמביציעס. ער האָט געוואָלט איבערמאַכן דאָס ייִדישע לעבן. מיט דעם זעלביקן ציל אין אויג איז מענדעלע דווקא אַרײַבער פֿון העברעיִש צו ייִדיש: ער האָט געוואָלט גרייכן די גרויסע אוידי־

טאַריע. קאָוונער האָט פריִער פאַר מענדעלען אָנגעהויבן שרייבן וועגן פאַרבעסערן-דעם מעמד פון דער מאַסע, אָבער איבערמאַכן דאָס לעבן, האָט ער געהאַלטן, קען נאָר די אינטעליגענץ; און צו דער ייִדישער אינטעליגענץ דאַרף מער ריידן אויף העברעיִש. אין עטלעכע יאָר אַרום איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז די מאָדערנע ייִדישע אינטעליגענץ דאַרף נוצן נאָר רוסיש, האָט ער אויפגעהערט שרייבן העברעיִש אויך.

דער טומל אַרום די ערשטע קריטישע אַרטיקלען האָט קאָוונערן גע־בראַכט צום געדאַנק אַרויסצוגעבן אַ ביכל. נאָך די ערשטע אַרויסטרע־טונגען זיינע זיינען געקומען נאָך, אָבער אַ ביכל ווירקט גאָר אַנדערש, און אַ שרייבער וואָס האָט שוין אַרויסגעגעבן אַ בוך איז אויך גאָר עפּעס אַנדערש ווי אַ מחבר פון אַ פּאָר אַרטיקלען אין די בלעטער. עס לייגט זיך אויף דער סברא, אַז קאָוונערן האָט געעגבערט אַ ריוואַליטעט מיט שלום-יעקב אַבראַמאָוויטשן. מער ווי איין מאָל האָבן זיך זייערע ליטע־ראַרישע וועגן געקרייצט, און ניט איינער און ניט דער אַנדערער האָבן ניט געזשאַלעוועט קיין קלעפּ. אַבראַמאָוויטש האָט שוין געהאַט אַרויסגע־געבן צוויי ביכלעך געזעלשאַפטלעכע קריטיק. אמת, ער איז געווען כמעט מיט אַכט יאָר עלטער פאַר קאָוונערן, אָבער ווען אַ מענטש איז יונג און ברויזט מיט ענערגיע, איז יענעמס עלטערקייט גופא אויך אַן אָביעקט פון קינאה.

ווי נעמט מען געלט אויף דרוקן אַ ביכל? דאָס איז דעמאָלט קיין פראַגע ניט געווען, ווייל עס איז געווען אַ מינהג פון גיין מיט ביכער איבער די הייזער. מען פלעגט אָפּמאַכן מיטן דרוקער אַ געוויסן פּריַיז, אַן ערך צען רובל זילבער פאַר אַ דרוקבויגן פון זעכצן זייטלעך. אין דעם איז שוין אַריינגעגאַנגען אַלצדינג: זאַץ, דרוק און פּאַפּיר. מערניט קאָ־רעקטור האָט דער מחבר געדאַרפט לייענען אַליין.

אַז די פינף אָדער זעקס הונדערט עקזעמפּלאַרן זיינען געווען אָפּ־געדרוקט, פלעגט דער מחבר ברענגען אַ קליינעם אויפגאַב און אַרויס־נעמען אַ וואָסערע פופציק עקזעמפּלאַרן. מיט די דאָזיקע ערשטע ביכער פלעגט ער אָנהייבן גיין איבער די הייזער און נעמען ביי די בעלי-בתים וויפל איינער פלעגט געבן. פון דעם וואָס מען האָט אָפּגעלייזט, האָט מען געקענט דעקן דעם דרוקער אַ טייל פון חוב און אָננעמען נאָך אַ הונדערט

עקזעמפּלאַרן. אויף אַזאַ אופן האָט מען ביסלעכווייז אָפּגעצאָלט דעם חוב, און די לעצטע פּאָר הונדערט ביכלעך זיינען שוין געווען דעם מחברס ריינער ריווח.

אַ ספּריטנער יונגער־מאַן און דער עיקר ניט קיין שעמעוודיקער האָט געקענט פון אַ ביכל פאַרדינען ניט שלעכט. טייל בעלי־בתים האָבן זיך געוואָרפן, אָבער אין אַלגעמיין האָט מען געצומען. וואָס אין דעם ביכל שטייט איז געווען ניט אַזוי וויכטיק, דער בעל־הבית האָט געגעבן אַ נדבה. אין דעם פּרט איז ניט געווען קיין נפקא־מינה צווישן די אַלט־פרענקישע מחברים פון דרוש־חיבורים און אַזאַ וועלטן־קערער ווי קאָוונער.

ער אַליין דערציילט אונדז אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן, אַז ער איז מיט זיין ביכל געגאַנגען איבער גבירישע הייזער. ביי אַ ייִדן וואָס ער האָט גערעכנט צו קריגן אַ שענערע מטבע האָט ער ניט געזשאַלעוועט צוצושרייבן מיט דער האַנט אַ פיינע דעדיקאַציע אויך. ס'איז דאָך געשעפט.

נאָך דעם ווי ער האָט אין יאַנואַר 1865 פאַרענדיקט דעם מאַנוסקריפּט פון זיין ביכל און עס אַ נאָמען געגעבן חקר דבר האָט ער זיך פון קיִעוו אַוועקגעלאָזן עס דרוקן אַזש קיין וואַרשע. געפאָרן איז ער דורך ווילנע. און אַזוי איז ער, נאָך דריי יאָר אַוועקזיין, אַריינגעפאַלן צוריק אין זיין היימשטאָט. עס האָט אויסגעזען, ווי ניט דריי נאָר דרייסיק יאָר וואָלטן געווען איבערגעגאַנגען. ווילנע האָט געהאַט איבערגעלעבט דעם פּוילישן אויפשטאַנד פון 1863. דער אויפשטאַנד איז דורכגעפאַלן, און מוראַוויאָוו האָט געבושעוועט. ניט אומזיסט האָט מען אים גערופן „מוראַוויאָוו דער הענקער". אין גאַנצן געענגט האָט מען געבויט תליות פאַר די אויפשטענדערס, און נייגעריקע זיינען געגאַנגען קוקן אויף די עפנטלעכע עקזעקוציעס. אין אַלע עפנטלעכע ערטער זיינען געווען אויפשריפטן: „פאַרווערט צו ריידן אויף פּויליש". פון אָסטראָבראַם, דעם טיף פאַרהייליקטן קאַטוילישן קלויסטער, האָט מען אַראָפּגענומען די פּוילישע אותיות. פּאָליאַקן האָבן זיך געטוליעט איינער צום צווייטן. דער רוסישער ווילענסקי וויעסטניק, דער אָרגאַן פון מוראַוויאָווס אַדמיניסטראַציע, האָט חוזק געמאַכט פון די באַזיגטע פּאָליאַקן און אויפגעוויזן טאָג־אויס טאָג־איין, אַז ווילנע

איז אַלע מאָל געווען אַן עכט רוסישע שטאָט און אַזאַ וועט זי שוין בלייבן אויף אייביק.

אורי קאָוונער האָט אָבער ניט שטאַרק איבערגעלעבט די פּאָלי־טישע איבערקערעניש. ער איז געווען פול מיט זיך, מיט זיינע אייגענע פּלענער, און דאָ אין די היימישע יידישע גאַסן האָבן זיך צו אים אַ צי געטאָן זכרונות און באַציִונגען פון אַמאָל. ער האָט דערזען זיין טאָכטער וואָס איז שוין געגאַנגען אין פערטן יאָר. ער האָט דערזען זיין ווייב וואָס ער האָט געהאַט איבערגעלאָזט אַן עגונה, ער האָט דערזען דעם טאַטן וואָס האָט נאָך אַלץ ברוך־השם ניט געהאַט קיין פּרנסה.

מען האָט זיך דערפרייט מיט אים און אָנגעהויבן ריידן, אַז ס'איז שוין צייט אָוועקצוואַרפן די נאַרישקייטן און צו ווערן אַ מענטש. קאָוונער האָט זיך באַרעכנט אַז אפשר זאָל ער טאַקע בלייבן אין ווילנע מיט זיין ווייב: נאָך אַלעמען איז ווילנע אויך אַ השכלה־שטאָט, כאָטש נאָך דער־ווילע ניט אַזאַ פּאַררוסישטע ווי קיִעוו, און ביי פינען אין בלאַט וועט ער איצט קענען ריידן צו דער עפנטלעכקייט ביז וואַנען עס וועט אַרויס זיין בוך. און ער איז געבליבן אויף רודניצקער גאַס. ער האָט אָפּגעדרוקט אין הכרמל אַן אַרטיקל „אַ פאַרקערטע וועלט“, ווו ער האָט זיך געטשע־פּעט צו אַבראַמאָוויטשן, פאַר וואָס ער האָט אין באַרדיטשעוו זיך געקריגט מיט די דאָרטיקע בעלי־בתים און מיטן ראַבינער פּעסיס. אַבראַמאָוויטש האָט אָפּגעענטפערט, איראָניש אַ ביסל אָבער ווייך; איז דאָך שוין געווען אַ סימן, אַז דער שטאָך האָט געטראָפן. דעם זעלביקן ווינטער האָט קאָוונער געשריבן אין המליץ אַ קול־קורא מען זאָל העלפן אַברהם מאַפּון אַרויסצוגעבן זיינע ווייטערדיקע שריפטן. מאַפּו האָט יעמאָלט אַ צייט אָפּ־געוווינט אין ווילנע, קאָוונער האָט זיך מיט אים געזען און האָט אָנגע־שריבן האַלב אַן אינטערוויו, האַלב אַ התפּעלותדיקן אַרטיקל וועגן מאַפּוס אָפּגעדרוקטע און צוגעגרייטע ווערק. אין פלוג וואָלט זיך געדוכט, אַז קאָוונער וואָלט מאַפּון געדאַרפט לחלוטין אָוועקמאַכן מיט דער האַנט: ווער נאָך האָט זיך אַזוי ווי דער זינגער פון אהבת ציון געטראָגן „אויף די פליגלען פון פאַלשער פאַנטאַזיע“, און דערצו האָט ער נאָך געשריבן היסטאָרישע ראָמאַנען, וואָס קאָוונער, פּונקט ווי אַלע „רעאַליסטן“ פון דער עפּאָכע, האָט ניט אָנגעהויבן פון זיי צו האַלטן. אין דער אמתן איז

קאָונער געווען פֿאַרליבט אין מאַפּוס טאַלענט און האָט ניט דורכגעלאָזן קיין געלעגנהייט אים צו דערמאָנען לשבח. אַ סימן, אַז זיין כלומרשטער ביטול צו עסטעטישע ווערטן איז ניט געווען אַזאַ אַבסאָלוטער ווי ער אַליין האָט געמיינט; די קונסט־טעאָריעס פֿון דער עפּאָכע פּאָדערן, מען זאָל זיך אין זיי אַריינטיפֿן.

מער ווי עטלעכע חדשים האָט אָבער קאָוונער אין ווילנע ניט אויסגעהאַלטן. פּינקטלעך די דאַטעס האָט ער קיין מאָל ניט אָנגעגעבן, די דאָקומענטן ריידן אויך ניט גענוג קלאָר, אָבער עס זעט אויס, אַז ווען זיין ווייב איז פֿאַרגאַנגען אין טראָגן, האָט עס קאָוונערן ווידער אַ הייב געטאָן; ער איז אַוועק צוריק קיין קיִעוו, און פֿון דאָרטן אין גיכן אַריבער קיין אַדעס. פֿאַר וואָס קיין אַדעס? קאָוונער אַליין האָט מיט יאָרן שפּעטער געשריבן, אַז ער איז אַהין געפֿאָרן „בויען אַ נעסט פֿאַר זיין דעמאָלטיקער הערלעכער ליבע". מסתמא האָט ער געוווּסט, וואָס ער רעדט; אונדז קיין פּרטים האָט ער ניט אויסגעזאָגט. אָבער חוץ פּערזענלעכע טעמים זיינען געוויס געווען געזעלשאַפֿטלעכע טעמים אויך. אין אַדעס זיינען אויך געווען אַ סך „אָבסקוראַנטן", ווי די משכּילים האָבן זיך יעמאָלט אויס־געדריקט, מסתמא אַפֿילו אַ מערהייט; אָבער אַדעס האָט אויך געהאַט „פֿרייע" מער ווי וועלכע עס איז יידישע שטאָט אין דעמאָלטיקן רוסלאַנד. ניט אומזיסט האָבן זיך ביים פֿאָלק געשאַפֿן די ווערטלעך: „ער לעבט ווי גאָט אין אַדעס", דאָס הייסט קיינער טשעפּעט אים ניט, און „פֿופֿציק מייל אַרום אַדעס ברענט דער גיהנום".

קיין אַדעס האָט קאָוונער מסתמא אַליין מיטגעבראַכט די ערשטע עקזעמפּלאַרן פֿון זיין ערשטן ווערק, וואָס ער האָט עס אָקערשט געהאַט אָפּגעדרוקט אין וואַרשע.

דאָס מאָל האָט קאָוונערס ווייב געהאַט אַ זון, אָבער עס קען גריילעך זיין, אַז קאָוונער האָט זיך אויף אים ניט דערוואַרט. מען דאַרף רעכענען, אַז פֿאַרן אַוועקפֿאָרן פֿון ווילנע האָט ער זיך געגעט, זיין ווייב זאָל קענען נאָך אַ מאָל חתונה האָבן. זי האָט דאָס טאַקע אויסגענוצט, חתונה געהאַט אַ צווייט מאָל און שפּעטער אַ דריט מאָל. אין זיינע קינדער האָט קאָוונער אָבער ניט פֿאַרגעסן; די טאָכטער איז, שוין אַ דערוואַקסענע, געווען מיט

אים צוזאַמען, און אויך מיטן זון איז ער געווען נאָענט, ווי מיר וועלן נאָך זען, ביים סוף פון זיין לעבן.

ביי זיינע פיר און צוואַנציק יאָר איז ער איצט ווידער געווען אַ פרייער פויגל.

דאָס ערשטע ביכל. — דער שטורעם

אין גיכן איז אַרויס זיין ביכל. סך־הכל האָט עס געהאַלטן הונדערט מיט צוויי און צוואַנציק זייטלעך אין קליינעם פאָרמאַט. אָבער אויפגעריסן האָט עס ווי אַ באָמבע.

דער נאָמען חקר דבר לאָזט זיך אויף יידיש ניט איבערזעצן פּינקט־לעך. אויף העברעיש איז ער געווען ווי אָנגעמאָסטן, ווייל „דבר" מיינט דאָך אי זאַך, אי וואָרט, און קאָוונערס קריטיק איז געווען אָנגעצילט אי אויף די נעגאַטיווע פאַקטן אין יידישן לעבן, אי אויף די נעגאַטיווע פאַקטן אין דער העברעישער ליטעראַטור.

אַ העלפט פון ביכל איז פאַרנומען מיט אַן איבערזעצונג פון אַ נאַ־טור־וויסנשאַפטלעכן אַרטיקל „וואַרעמקייט און לעבן". קאָוונער האָט עס גענומען פון דייטש, אויף אַריינצוברענגען צווישן יידן אַ ביסל פון די נייע מאַטעריאַליסטישע טעאָריעס וואָס זיינען דעמאָלט געווען אין דער מאָדע ביי די ראַדיקאַלן. ווייטער איז געגאַנגען קאָוונערס אַן אייגענע אַרבעט: „ווי אַלט איז די ערד". עס רעדט זיך אַזוי אַן אייגענע אַרבעט: קאָוונער האָט זיך אין די זאַכן קיינמאָל ניט ספּעציאַליזירט, נאָר ער האָט געהאַט אַ ביסל געלייענט אויף רוסיש און אויף דייטש און ער האָט גע־האַט אַ פעיקייט איבערצודערציילן אויף אַ גאַנץ פּאָפּולערן שטייגער דאָס וואָס יענער האָט געהאַט דערציילט. אין דעם אַרטיקל האָט ער געוואָלט אויפווייזן, אַז ס'איז ניט ריכטיק די יידישע גלייבונג, אַז פון בראשית זיינען אַוועק ניט מער ווי זעקסטהאַלבן טויזנט יאָר.

ווי אַזוי האָבן יידן דעמאָלט געקוקט אויף אַזעלכע חקירות?

שאַרפע שונאים פון דער טראַדיציע, אויף קאָוונערס שניט, זיינען געווען ווייניק. דער דורכשניטלעכער מער קאָנסערוואַטיווער משכיל האָט געהאַלטן, אַז וועגן די ענינים איז ניט כדאַי צו ריידן. פריער זאָל מען בעסער אַריינברענגען אין פאָלק קענטעניש וועגן אַזעלכע זאַכן, וואָס

וועגן זיי זאָגן די ספרים גאָרניט, און דערנאָך וועט מען זען. אַפילו ש. י. אַבראַמאָוויטש איז ניט געווען צופרידן פון קאָונערס אַטאַקירן די יסודות פון פרומער ייִדישקייט. ביי די אמתע פרומע איז געוויס אויסגעקומען, אַז דאָס איז אַפּיקורסות.

אין דער הקדמה צום ביכל האָט קאָונער געשריבן: „איך זע פאָרויס, וואָס פאַר אַ שרעקלעכער שטורעם עס וועט זיך צעבושעווען איבער מיין קאָפּ בשעת דאָס דאָזיקע ביכעלע וועט אַרויס: פון איין זייט וועט מיך רודפן דער גרימצאָרן פון די אָבסקוראַנטן, פון דער צווייטער זייט וועט ברענען אויף מיר דער כעס פון די משכילים. אָבער דער אייבערשטער האָט מיר געשאָנקען אַ ריין האַרץ וואָס חנפעט זיך ניט צו קיינעם, און אויב אַפילו גאָר אַ קליינע צאָל אָרנטלעכע מענטשן (און אַזוינע זיינען, דאַנקען גאָט, פאַראַן ביי אונדז) וועלן זיין מיט מיר, האָב איך ניט פאַר וועמען זיך צו שרעקן״.

דער שטורעם וואָס דער מחבר האָט פאָרויסגעזען מיט אַ ביסל אַ וויל־יונגערישן ווונק איז געקומען, אָבער ניט פון די אָרטאָדאָקסן — זיי האָבן געהאַט בילכערע זאַכן צו טראַכטן און דער חילוק פון אַ בייזן משכיל ביז אַ גוטן משכיל האָט זיך ביי זיי ניט אָנגעזען. נאָר די משכילים האָט ער אָנגערירט ביזן ביין. די צוויי נאַטור־וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען וואָלטן זיי אַראָפּגעשלונגען, וואָרעם נאָך אַלעמען איז עס דאָך געווען מער אַ פראַגע פון טאַקט, צי מען זאָל אַרויסקומען מיט די ענינים. נאָר קאָונערס קריטישע אַרטיקלען האָבן געפּליקט און געריסן שטיקער.

פון דעם ווילנער העברעיִשן שירים־שרייבער דוד־משה מיצקון האָט ער געמאַכט טורעס: זיין פּאָעזיע האָט ניט קיין טעם און קיין ריח. דעם באַוווסטן לערער פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול לערנערן האָט ער באַשולדיקט, אַז זיין אַרמישע גראַמאַטיק מורה הלשון איז אַ פּלאַגיאַט פון ש. פינסקערן, און נאָך דערצו, קאַליע געמאַכט אויך. דעם המגיד האָט ער אַריינגעזאָגט, אַז ער איז געגליכן צו אַ בית־מדרש, וווּ בטלנים רייסן זיך אויפן גאָרגל און פּילפּולען זיך. די דאָזיקע אַרויסטרעטונגען זיינען שוין פאַר זיך געווען אַ שטיק העזה, ווייל מען איז יעמאָלט ניט געווען איינגעוווינט, אַז אַ צוציק זאָל זיך שטעלן קעגן בכבודיקע באַ־יאָרנטע שרייבערס. אָבער אַ סך אַ גרעסערער חילול־הכבוד איז געווען

דאָס וואָס קאָוונער האָט זיך פאַרמאָסטן אויף דער העברעיִשער ליטעראַ־טור אין גאַנצן. און דאָס ערגסטע: דער בעל־העזה האָט אַליין אויסגעזאָגט, אַז דאָס וואָס ער שרייבט דאָ וועגן דער העברעיִשער ליטעראַטור איז בלויז אַן איבערזעצונג פון אַ טייל פון דער תשובה וואָס ער האָט געהאַט געגעבן (אויף רוסיש, פאַרשטייט מען דאָך) אויף דעם אָנפרעג פונעם קיִעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר אין קיעווליאַנין פון 1864. אַראָפּרייסן די העברעיִשע ליטעראַטור פאַר לייטן — גוואַלד געשריגן!

אָט זיינען עטלעכע שפּליטערס פון קאָוונערס באַמבע:

וועגן דער העברעיִשער ליטעראַטור: „די העברעיִשע ליטעראַטור האָט ניט קיין לייענערס; די לייענערס זיינען די שרייבערס און די שריי־בערס זיינען די לייענערס“.

וועגן די פּערספּעקטיוון פון דער העברעיִשער ליטעראַטור: „זאָלן זיך אונדזערע שרייבערס ניט טראַכטן אַז זיי וועלן שאַפן אַ לעבעדיקע ליטעראַטור אויף דער העברעיִשער שפּראַך אויף אייביקע צייטן. דאָס וועט ניט זיין. נאָר זאָלן זיי זען דורך דער העברעיִשער שפּראַך אָדער דורך דער געררעדטער שפּראַך [יידיש] אויפצוּוועקן דעם דאָרשט פונעם ייִד צו חכמה און וויסנשאַפטן, וואָס געפינען וועט ער דאָס אין די לעבע־דיקע שפּראַכן...

די העברעיִשע שפּראַך אָדער די גערעדטע שפּראַך וועלן זיין ווי איבערגאַנג־שטאַפּלען, וואָס איבער זיי וועלן ייִדן אַריינקומען אין די טעמפּלען פון די לעבעדיקע שפּראַכן, וואָס נאָר דאָרטן וועלן זיי אָנזען דאָס העלע ליכט, ווי דאָס איז באמת אין אויסלאַנד. די ייִדישע ליטע־ראַטור וועט געשריבן ווערן אין דער שפּראַך פון לאַנד, און אין איר וועט זי דערגייען צו אַ מדרגה.“

אַ גוט וואָרט האָט קאָוונער בעצם געפונען נאָר צו זאָגן אויפן המליץ („מען קען ניט באַהאַלטן, אַז אָט די צייטונג האָט אויפגעטאָן מער ווי אַנדערע צום נוצן פון ייִדן“) און וועגן קול מבשר: „די דאָזיקע צייטונג איז אונדז זייער טייער, ווייל זי האָט שוין געבראַכט פירות און דערגרייכט די נייטיקע צילן; אָן שום חניפה קענען מיר זאָגן, אַז עס קומט אַ דאַנק דעם ה׳ צעדערבוים פאַר דער דאָזיקער צייטונג“. ווידער אַמאָל שטרייכט ער אונטער אין דער פאַרבינדונג, אַז די שרייבערס וואָס האָבן פּראָדו־

צירט דאָס ביסל העברעיִשע ווערק וועגן נאַטור־וויסנשאַפטן זײַנען ניט קאָמפּעטענט אין דעם פֿאַך און קענען געבן נאָר איבערזעצונגען (אַ נײַער שטאָך אַבראַמאָוויטשן, ווען ער האָט נאָך פֿריִער געהאַט אויפֿגעוואָרפֿן גרייזן אין זײַן תולדות הטבע), און דערצו ניצן נאָך די דאָזיקע שרײַבערס אַ שווער מליצהדיק לשון אַנשטאָט צו שרײַבן אויף אַ גרינגן העברעיִש אָדער „אויף דער גערעדטער שפּראַך וואָס אַלע פֿאַרשטייען“.

אין ליכטיקע קאָלירן האָט קאָוונער געמאָלט מענדעלסאָנען, לעווינ־זאָנען און מאַפּון, אָבער דורך דעם איז דער גרויסער רוב העברעיִשע שרײַבערס אַרויסגעקומען נאָך שוואַרצער.

מיט דער גאַנצער שאַרפֿקייט ווערט אַוועקגעשטעלט דער אונטערשייד צווישן צוויי מינים שרײַבערס. ביי איינע „...שוועבט דער גייסט אין די הימלען און דאָרטן זוכן זיי זיך אויס טעמעס... זיי באַזינגען די שיינע רויזן, די טראָפּנס טוי, די שיין פֿון דער לבֿנה, שאָטנדיקע וועלדער, ליבע, האָפֿענונגען, טויט...“ פֿאַרשטייט זיך, אַז ניט פֿון אַזוינע שרײַבערס וואָס ער רופֿט „אידעאַליסט“ האַלט קאָוונער. זייערע פּאָסטעכער וואָס ליבן זיך מיט ליבלעכע פּאַסטושקעס אויפֿן שויס פֿון דער נאַטור זײַנען אויסגע־טראַכטע. די פּאָעטן וואָס ווילן ווערט זײַן דעם נאָמען קוקן אויף דער וועלט גאָר אַנדערש: „די פּאָעטן פֿון דער דאָזיקער גרופּע קוקן בלויז אויף דער ערד, זיי טרעטן ניט אָפּ קיין האָר פֿון נאַטירלעכקייט, זיי באַשאַפֿן ניט קיין וועלטן, וואָס קיין מענטשלעך אויג האָט ניט געזען... דער גייסט פֿון זייער פּאָעזיע פֿאַרקלייבט זיך אונטער פֿאַרפֿוילטע שמאַטעס אין וועל־כע עס וויקלען זיך אָרעמע־לייט... בשעת דער גייסט פֿון זייער פּאָעזיע ברענגט די דאָזיקע פּאָעטן צו אַ פֿויער, זעען זיי דאָרטן אָט וואָס: די זון סמאַליעט, דער פֿויער, פֿאַרברענט פֿון דער זון, פֿירט מיט איין האַנט דעם אַקער־אײַזן, און מיט דער צווייטער ווישט ער אָפּ פֿון צײַט צו צײַט די ריטשקעלעך שוויס וואָס גיסן זיך פֿון זײַן פּנים... דערנאָך קומט דער פֿויער צו זיך אין שטוב — מען רופֿט עס נאָר שטוב... אָט דאָרטן לעבט עס אַ גאַנצע משפּחה. אויף דער בלאָטיקער פּאָדלאָגע קריכן אַרום פֿאַר־שיידענע שרצים און בעלי־חיים און ס׳וואַלגערן זיך אַ דריי־פֿיר קינדער...“

און ער ענדיקט מיט אַ רעטאָרישער פֿראַגע:

„זאָג זשע מיר, טײַערער לייענער, ווי פֿיל פֿויערים דו האָסט געזען

אויף די הייכן פון גליק, ווי די פּאָעטן־אידעאַליסטן מאָלן אונדז אויס, און ווי פיל פון דעם מין ווי עס מאָלן אונדז די רעאַליסטן?״

עס איז דעריבער נאַטירלעך אַז דעם ווידעראַנאַנד פאָרעם קעגן אינ־האַלט האָט קאָונער אויסגעדריקט אַזוי:

„די אידעע פון אַ פּאָעטיש ווערק איז אַ בריליאַנט, און די מליצה איז מערניט אַ גילדענע איינפאַסונג״; אויב קיין אידעע איז ניטאָ, וועלן אַפילו דעם נביאס מליצות אויך ניט העלפן.

כאַראַקטעריסטיש איז אַז ווען קאָונער האָט געוואָלט אויסמאָלן אַ לעבנסבילד וואָס זאָל ווערט זיין די פּען פון אַ „רעאַליסט״, האָט ער געזען פאַר די אויגן ניט קיין אביון פון די ווילנער זאַוואָלקעס, נאָר אַ דאָרפישן פּויער. דאָס האָט ער זיך פאַרקוקט אויף זיינע רביים טשערני־שעווסקין און פּיסאַרעוון. אָבער מיטן שכל האָט ער געוווּסט, אַז טעמעס־בריליאַנטן און איינפאַסונגען צו זיי, דאַרף אַ ייִדישער שרייבער זוכן אין דער ייִדישער סביבה.

„אונדזערע שרייבערס אינטערעסירן זיך ניט מיטן ייִדישן לעבן וואָס קען געבן גוטן שטאָף פאַר טויזנטער ראָמאַנען, סצענעס, טראַגעדיעס, קאָמעדיעס און דראַמעס, און דערמיט וואָלטן זיי דאָך פאַרבעסערט דעם מאָראַלישן גייסט ביי ייִדן״.

אָט דאָס בערך איז דער אינהאַלט פון דער בראַשור וואָס איז מיט איין קלאַפּ געוואָרן דער צענטער פון ליטעראַרישן אינטערעס. ווידער אַ מאָל בעט זיך די פראַגע: וואָסערע מאָטיוון האָבן געטריבן קאָוונערן אַרויסצוגיין אין קאַמף קעגן אַלעמען און צו פאַרגעסן דעם עלעמענטאַרן כלל פון טאַקטיק, אַז אויב מען קריגט זיך מיטן רב, דאַרף מען האַלטן מיטן בעדער? איין זאַך איז קלאָר: עס איז געווען אַ גאַנצע נעץ מאָטיוון. מיט אַ צען יאָר שפּעטער האָט דאָסטאָיעווסקי אים געשריבן: „איך וויל גלייבן פון גאַנצן האַרצן, אַז איר זייט אויפריכטיק. נאָר אויב איר זייט אַפילו ניט אויפריכטיק, איז אַלץ איינס; וואָרעם אויפריכטיקייט איז אין דעם פאַל גאָר אַ קאָמפּליצירטער און גאָר אַ טיפער ענין פון אַ געוויסן מין״.

מ. ווײַנרײַך

די קאָוונער־יאָרן אין דער העברעישער ליטעראַטור

די יאָרן 1866 — 1867 זײַנען געווען קאָוונער־יאָרן אין דער העברעישער ליטעראַטור, מען האָט זיך אויף אים געוואָרפן מיט שטיינדלעך, מיט שטיינער און מיט ברוקשטיינער. אַנדערע האָבן זיך פאַר אים אָנגענומען אויך, אָבער זייער צאָל איז געווען אַ סך קלענער. געווען זײַנען דאָס יונגע־לייט, פון אוניווערסיטעט אָדער מיט אַ בענקשאַפט צום אוניווערסיטעט, וואָס האָבן אויף קאָוונערן גענומען קוקן ווי אויף זייער וואָרטזאָגער. מנשה מרגליות, שפּעטער אַ חשובער אַדוואָקאַט און כלל־טוער אין אַדעס, איז געווען איינער פון זיי; ער האָט געדרוקט אין המליץ עטלעכע אַרטיקלען וואָס האָבן זיך אָנגענומען פאַר קאָוונערן. יוסף־יהודה לערנער, שפּעטער אַ שרייבער מיט אַ קאַריערע אַ ביסל געגליכן צו קאָוונערס, איז געווען אַ צווייטער; אויף גאָטלאָבערס פּאַשקעוויל קעגן קאָוונערן האָט ער געענטפערט מיט אַ גאַנצער בראָשור. אָבער אַפילו ניט אויף אַלע יונגע־לייט וואָס האָבן אים געמאַכט קאָמפּלימענטן האָט קאָוונער זיך געקענט אויף אַן אמת אָנשפּאַרן; אַזאַ לערנער אַ שטייגער האָט אין צייט געשפּילט אַ טאָפּעלע שפּיל. ניט איין מאָל דערמאָנט קאָוונער אין זײַנע שריפטן פון יענעם קעמפערישן פּעריאָד, אַז עס איז שוין פאַראַן אַ פּראָגרעסיווע יִדישע יוגנט; אָבער אויף אירע קאָנקרעטע פאָרשטייערס האָט ער זיך ניט איבעריקס פאַרלאָזן. קעגן די שטיינער־וואַרפערס האָט ער זיך געשטעלט איינער אַליין.

איין מאָל האָט ער אַפילו זיך אַ ביסל פאַרענטפערט. דער המגיד האָט אויך פירגעהאַלטן, אַז ער האָט אין חקר דבר אָנגערופן דעם תלמוד „אַ באַרג נישטיקייט“, האָט ער געהאַלטן פאַר נייטיק אויפצוקלערן אין המליץ, אַז מען האָט אים פאַלש פאַרשטאַנען; ניט פון זיך האָט ער דאָס געזאָגט, נאָר ער האָט געהאַט געשריבן, אַז די משכּילים זאָגן דאָס וועגן תלמוד. שוין נאָך דער אויפקלערונג איז געבליבן ניט קלאָר, פאַר וואָס קאָוונער האָט געהאַט געזאָגט וועגן דער געזעלשאַפט „מקיצי נרדמים“ („די אויפוועקערס פון אַנטשלאָפענע“), וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אַרויסצוגעבן ניט־פּובליקירטע טעקסטן פון דער מיטל־עלטערישער ליטעראַטור, אַז זיי גייען נאָך פאַרגרעסערן דעם באַרג נישטיקייט. אָבער עס געשיקט זיך, אַז די גאַנצע התנצלות האָט קאָוונער אין אַ שוואַכן מאָ־

מענט אָנגעשריבן אויף צעדערבוימס פֿאַרלאַנג. ווייטער איז ער געבליבן פעסט, און וואָס מער מען האָט אים אַטאַקירט, אַלץ אומבייגעוודיקער איז ער געוואָרן.

געווען דריי מינים אָפּאָנענטן קעגן קאָוונערן, רוזקע, פיל־ווינציק היציקע און עקסטרעמע. יעדערער פון די דאָזיקע קאַלאַנעס וועלן מיר כאַראַקטעריזירן דורך איין פֿאַרשטייער. איבערדרוקן אַלע ליטעראַרישע אַרויסזאָגונגען פון יענע עטלעכע יאָר וואָלט געהייסן צונויפשטעלן אַ גאַנץ בוך. כדאַי וואָלט דאָס געווען בפירוש, אָבער ניט דאָ איז דאָס אָרט.

צבי־דן הבבלי איז געווען אַ ווילנער משכיל מיט אַ יאָר זעקס עלטער פאַר קאָוונערן; אפשר האָבן זיי זיך געקענט פערזענלעך אויך. די אַנדערע שריפטן זיינע זיינען געווען פונעם קאָנסערוואַטיוו־משכילישן שניט, אַ שטייגער נייע פּירושים אויף מגילת אסתר און מגילת איכה. נאָר טראַכטן האָט ער אַ פּנים געטראַכט וועגן מאָדערנע פּראָבלעמען אויך, און ווען קאָוונער איז אַרויס מיט זיין „פּאַרשונג פון זאַכן און ווערטער״, האָט ער אָפּגעענטפערט מיט אַ מיושבדיקער בראָשור פון העכער הונדערט זייטלעך שורש דבר („דער שורש פון זאַכן און ווערטער״). די אונטערשטע שורה פון זיינע רייד איז געווען: אין אַ סך פּרטים איז קאָוונער גערעכט, אָבער קריטיק דאַרף זיין מתוך ליבשאַפט, זי דאַרף פאַרלאַנגען פון פאָלק עס זאָל אויסבעסערן זיינע דרכים צו ביסלעך און פאַמעלעך; מען דאַרף ניט אָנפאַלן מיט שטורעם און מיט בייזקייט. ביי דעם אַלעם האָט הבבלי אויך אַריינגעזאָגט קאָוונערן אַ ביסל שאַרפע ווערטער, אָבער אין אַלגעמיין האָט ער זיך געהאַלטן אין דער מעלה.

צו אַ ליטעראַטור פון אַזאַ אַלט פאָלק ווי ייִדן, האָט הבבלי געשריבן (געחתמעט איז דאָס ביכל געווען ניט מיטן פולן נאָמען, נאָר מיט די ראָשי־תיבות צד״ה), טאָר מען ניט שטעלן די זעלביקע פאָדערונגען ווי צו די אייראָפּעישע ליטעראַטורן. לעווינזאָן האָט געטאָן גאָר אַנדערש ווי קאָוונער וואָס לויבט אים אַזוי שטאַרק: ער האָט ניט אונטערגעטראָגן די נייע געאָלאָגיע ניט רעכענענדיק זיך מיט דער ייִדישער טראַדיציע וועגן מעשה־בראשית. ער האָט געזוכט אויסצושטימען די וויסנשאַפט מיט דער ייִדישער טראַדיציע. אויב קאָוונער טשעפּעט זיך אַזוי צו אַבראַמאָוויטשן, וואָס ער מאַכט גרייזן אין זיין איבערזעצן, טאָ פאַר וואָס האָט ער איבער־

געגומען פֿאַרן באַגריף „ליטעראַטור“ דאָס וואָרט ספֿרות, וואָס אַבראַמאָ־וויטש האָט עס געשאַפֿן, און ניט אָנגעוויזן, פֿון וועמען ער נעמט עס?

הבבלי האָט אויך באַריכות אָפּגעשאַצט די העברעיִשע ליטעראַטור ענטפֿערנדיק אויף די שאַרפֿע רייד פֿון חקר דבר. ווי קומט עס קאָוונער צו שרייבן אין זײַן תשובה פּיאַדראָוון, אַז ייִדן האָבן ניט קיין ליטעראַ־טור, גלײַך זיי וואָלטן געווען ווי ציגײַנער, נאָר דערפֿאַר וואָס זיי האָבן ניט קיין ראָמאַנען און דערציילונגען? מסכים, ראָמאַנען קענען זײַן נוציק, אָבער דער תנך, די גמרא און אַלע מיטל־עלטערישע ווערק, אָנהייבנדיק פֿון סעדיה גאון, צי טוען זיי דען ניט מער צו פֿאַרשפּרייטן גוטע מידות ביים פֿאָלק איידער ליבע־געשיכטעס? אין אַן אַנדער טייל פֿון הבבליס ביכל איז נאָך פֿאַראַן אַ גאַנצער פּרק וועגן דער חשיבות פֿון דער גמרא, און וועגן אַגדה און הלכה זײַנען אַרויסגעזאָגט אַ סך שכלדיקע געדאַנקען. וועגן הלכה איז נאָך אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס מקיים זײַן די מיצוות ברענגט דעם מענטשן דערצו, ער זאָל זיך קאָנצענטרירן אויף מאָראַלישע פּראָבלעמען און ממילא טאָן גוטס.

קאָוונער איז אומגערעכט, ווען ער זאָגט, אַז אין דער העברעיִשער ליטעראַטור שפּיגלט זיך ניט אָפּ דאָס ייִדישע לעבן, שרייבט הבבלי ווײַ־טער. עס שײַנט אַרויס אי פֿון די קינות און סליחות, אי פֿון די רעליגיעז־פֿילאָסאָפֿישע וויכוחים פֿון מיטל־עלטער, אי פֿון די מאָדערנע ווערק. אויך איז פֿאַלש, אַז קיינער איז ניט פֿאַראינטערעסירט אין די העברעיִשע צײַ־טונגען, ווײַל פֿון וואָס דען האַלטן זיך אויף דער הכרמל, דער המגיד און דער המליץ, אויב ניט פֿון אַבאָנעמענטן? וואָס מאַכט עס אויס, אויב די העברעיִשע שרײַבערס זאָגן זיך איינער דעם אַנדערן שבחים, ווי באַלד קאָוונער אַליין איז מודה, אַז קיין שום מאַטעריעלן שכר פֿאַר זייער אַרבעט באַקומען זיי ניט? די העברעיִשע ליטעראַטור העלפֿט אויפֿהאַלטן אין פֿאָלק דעם גייסט פֿון תנך און ממילא די שטרעבונג צו גוטס. מענדלסאָן און זײַנע תלמידים, וואָס קאָוונער לויבט זיי אַזוי פֿאַר שאַפֿן די ייִדישע ליטע־ראַטור אויף דער לאַנדשפּראַך, האָבן צוזאַמען מיט דער שפּראַך פֿון דער רעליגיע אָנגעווירן די רעליגיע גופֿא.

עס איז גרינג צו דערקענען, אַז צבי־דן הבבלי איז מיט אַ סך גע־דאַנקען זײַנע פֿאַרלאָפֿן דעם וועג דער שפּעטערדיקער ייִדישער פּובלי־

ציסטיק. אַ שאָד, וואָס ער האָט ניט גענומען קיין אָנטייל אין דער זשור־נאַליסטיק פון זיין צייט, — ער וואָלט זיך זיכער אין איר אַרויסגעזען.

פון די מער היציקע אָפּאָנענטן קעגן חקר דבר לאָמיר אַרויסהייבן ש. י. אַבראַמאָוויטשן. אויב קאָוונערס באַציִונג צו אים לאָזט זיך גרינג אַריינשטופּן אין דעם שופלעדל קינאה, פאָדערט אַבראַמאָוויטשעס האַל־טונג מער ראַפינירטע באַשטימונגען. אַבראַמאָוויטשעס שם האָט שוין גע־קלונגען, ווען קאָוונער האָט זיך באַוויזן מיט זיין ערשטן היפּש פלאַטשיקן שיר. אַראָפּרייסן פונעם עלטערן די קרוין האָט קאָוונער ניט געקענט, און אַבראַמאָוויטש איז געווען אַזוי קלוג, אַז ער האָט דאָס אויך געמוזט פאַרשטיין. אין רעטראָספּעקט זעען מיר היינט — יעמאָלט איז דאָס נאָך ניט געווען אַזוי בולט, ווייל ערשט אין 1864 האָט זיך אין קול מבשר באַוויזן דער ערשטער אומבאַהאָלפענער נוסח פון קליין מענטשעלע — אַז אַבראַמאָוויטשעס אויפטו איז געווען אָן אַ שיעור ברייטער, טיפער און דויערדיקער איידער קאָוונערס, כאָטש מיר האָבן שוין געהאַט גענוג פאַקטן און ראַיות, אַז קאָוונערן טאָר מען אויך ווייט ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. און פאָרט איז אין אַבראַמאָוויטשן געזעסן עפּעס וואָס האָט אים געמאַכט אומרויִק, ווען ער האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט קאָוונערן. זיכער איז דאָס געווען מער ווי די פּאָר גרייזן אין איבערזעצן אָדער די פּאָר אויסגליטשן אין מענטשלעכע באַציִונגען, וואָס קאָוונער האָט אים אויפגעוואָרפן, הגם דאָס האָט אים אויך געמוזט עדערן. פון אַלע השערות לייגט זיך צום מערסטן אויפן געדאַנק, אַז אין איין פונקט האָט זיך אַב־ראַמאָוויטש טאַקע געפילט הינטערשטעליק לגבי קאָוונערן, און דאָס האָט אים ניט געגעבן קיין רו. ביידע האָבן געהאַלטן, אַז סאָציאַלע באַדינגונגען זיינען וויכטיק און אַז קונסט מוז זיין מער ווי אַ צאַצקע. אָבער קאָוונער איז געווען אין דעם פרט מער באַהאַוונט און פלינקער אין פאָרמולירן, אפשר אַפילו אין טראַכטן. עס זעט אויס, אַז אַ ביסל שפּעטער, מיט זיין קריטיק אויף האבות והבנים פון 1868, איז עס קאָוונער געווען דער וואָס האָט אַבראַמאָוויטשן געגעבן אַ שטופּ־אונטער צו פאַרקערעווען זיך אויף זיין נייעם אידעאָלאָגישן וועג וואָס איז באַצייכנט דורך דער קליאַטשע.

אַבראַמאָוויטש האָט נאָכן אַרויסגיין פון חקר דבר געדרוקט אין המליץ אַ רעצענזיע וואָס האָט זיך געצויגן איבער עטלעכע נומערן. ער

איז געווען אַ סך שאַרפער אײדער צד־ה. קאָוונער גלייבט ניט אין דער צײַלונג וואָס איז אָנגענומען בײַ ייִדן וועגן דעם, ווען די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, און דורך דעם פאַרשפּרייט ער אַפּיקורסות. „דער תלמוד איז די נשמה פון דער ייִדישער אמונה", און דעריבער טאָר מען אים ניט טשעפּען אַפילו ווען דער תלמוד זאָל זיך אַזוי שלעכט ווי די אָפּשפּעטערס ריידן אויף אים. קאָוונערס גאַנצע תורה איז אָנגעכאַפּט פונעם סאָוורעמענניק, און פאַרשטאַנען האָט ער פון דאָרטן אײן געדאַנק פון טויזנט. קאָוונער איז אומצופרידן, וואָס די העברעיִשע שרײַבערס שרײַבן שבחים איינער אויפן אַנדערן, נאָר זיין אייגענע הקדמה איז פול מיט גאווה. איצטער קומט אַ וואָפן פון אַן אַרסענאַל, וואָס צד"ה האָט זיך צו דעם צוגערירט: „און אויך ביכנערן האָט ער [קאָוונער] דערמאָנט". דאָס איז ניט געווען קיין אומשולדיקע באַמערקונג: דער דײַטשער מאַטעריאַליסט ביכנער, דער מחבר פון „קראַפט און מאַטעריע", איז בײַ די רוסישע רעאַקציאָנערן געווען פאַרנאַנט ווי דער אַבי־אָבות פון אַטעיִזם. און נאָך אַ גרעסערן חטא האָט אַבראַמאָוויטש געפונען: אין חקר דבר איז פאַראַן אַ דעדיקאַציע צו אַ מיידל, און דאָס איז — הערט און שטוינט — „פולקומער ניהיליזם".

ווער דאָס דאָזיקע מיידל איז געווען ווייסן מיר ניט, ווײַל אין די אַלע עקזעמפּלאַרן פון חקר דבר וואָס עס איז אויסגעקומען צו זען איז די דעדיקאַציע ניטאָ; ווײַזט אויס, אַז עס זײַנען געווען צוויי מינים ביכלעך. אָבער דאָס מאַכט ניט אויס. וויכטיק איז אַז דאָ איז דאָס וואָרט „ניהיליזם" אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן שוואַרץ אויף ווייס אין דער אינעווייניקסטער ייִדישער דעבאַטע.

אַן אַנדערער, אַן עלטערער, האָט דאָס צעלייגט אויף טעלערלעך.

מיט דער שווערסטער אַרטילעריע איז אַרויס קעגן דעם יונגן שטורעמער דער אָנערקענטער ראָש פון דער משכילישער וועלט אַברהם־בער גאָטלאָבער. ער האָט שוין יעמאָלט געהאַט אַ סך געשריבן, ער האָט געהאַט די פּאָזיציע פון אַ לערער אין דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול, ער איז געווען מיט גוטע דרייסיק יאָר עלטער פאַר קאָוונערן. אין אַ פּריִערדיקן אַרטיקל האָט קאָוונער אַליין געהאַט אַרויסגעשטעלט גאָטלאָבערן ווי איינעם פון יענע „אויטאָדידאַקטן", וואָס די יונגע האָבן יאָ פאַר

זיי דרך־ארץ. אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפֿן. גאָטלאָבער איז געווען אויפֿגערודערט ביזן גרונט הארצן, און ער האָט זיך צעשריבן אויף אַ גאַנצער בראָשור וואָס האָט זיך פֿאַרמאָסטן ניט איבערצולאָזן פון קאָוונערן און זיין שיטה קיין שטיין אויף אַ שטיין.

אגרת צער בעלי חיים האָט די בראָשור געהייסן. סיסטעמאַטיש איבערדערציילן דעם אינהאַלט איז ניט שייך, וואָרעם זי איז פול ניט נאָר מיט איבערחזורונגען און געפלאָנטערטער חקירות, נאָר אויך מיט פֿערזענלעכע זידלערייען. „הונט״, „נאַר״, „שוטה״, „אַן אַ האָרץ״ זיינען אַ פּאָר דוגמאות. גאָטלאָבער האָט אויך אויסגענוצט, כדי די קלעפּ זאָלן מער וויי טאָן, די משכּילישע טעכניק פון איבערטייטשן ניט־העברעיִשע ווערטער און נעמען אַזוי, אַז זיי זאָלן אויסקומען ווי העברעיִשע. פון ק אָ וו נ ע ר ן האָט ער געמאַכט ק ב נ ו ע ר („כלי פון יינגל־שאַפט״) און כ ב ה נ ר („ליכטלעשער״).

אָבער דער וויכטיקסטער עלעמענט וואָס גאָטלאָבער האָט אריינגעבראַכט אין דער דיסקוסיע איז געווען דאָס וואָס מיר רופן היינט פֿאַרמסרן. פון דעם וואָרט „ניהיליזם״, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט עס געגעבן אַ וואָרף נאָר אַגב־אורחא, ווי אַ ווייטע אָנצוהערעניש, אין בעסטן פֿאַל ווי אַן אַנאַלאָגיע, האָט גאָטלאָבער געמאַכט אַ צענטראַלן ענין.

די צאַרישע אַדמיניסטראַציע און די רעאַקציאָנערע רוסישע פּאָליטיקערס האָבן יעמאָלט געהאַט אויסגעקלערט דאָס שלאָגוואָרט „ניהיליזם״, מיט וועלכן די ראַדיקאַלן גופא האָבן זיך ניט באַנוצט. האָט גאָטלאָבער געפונען פֿאַר פּאַסיק אַריבערצוטראָגן די באַצייכענונג אין דער יידישער סביבה אַריין און צו טייטלען מיטן פינגער אויף קאָוונערן, אַז ער איז דאָס דער רעפּרעזענטאַנט פון דער געפֿערלעכער כנופיא, וואָס פּיסאַרעוו האָט שוין געהאַט קעגן איר געוואָרנט. צום טיטל פון זיין בראָשור האָט גאָטלאָבער צוגעשריבן, אויף העברעיִש און אויף רוסיש אַן אונטערטיטל וואָס האָט זיך געלייענט אַזוי: „אַ בריוו צו די וואָס קלאָגן אויף דער אומלעבעדיקייט פון דער העברעיִשער ליטעראַטור און אַ באַטראַכטונג וועגן דער שעדלעכער השפּעה פון ניהיליזם און זיינע אויפגעבלאָזענע ווירקונגען״.

די עטימאָלאָגיזירנדיקע שפּיל האָט דאָ אויך געדינט; גאָטלאָבער האָט געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז דער נאָמען שטאַמט פֿונעם לאַטייִנישן וואָרט ניהיל, וואָס דאָס מיינט „גאָרנישט", נאָר ווייל די רוסן האָבן ניט אין זייער שפּראַך קיין „ה", ריידן זיי דאָס אַרויס מיט אַ „ג". ממילא איז שוין געווען אַ געלעגנהייט איבערצוזעצן דאָס אויף נגעי ליסטין („די פֿלאַגן פֿון גזלנים"). אויף צו פֿאַרשטאַרקן נאָך דעם רושם האָט געטלאָבער אויפֿן שער־בלאַט געבראַכט פֿאַר אַ מאָטאָ אַן אַפּשפּאָט־סטראָפֿע וואָס איז מיט אַ קורצער צייט פֿריִער געווען געדרוקט אין רוסקי וועסטניק, דעם אָרגאַן פֿון די אָפּנסטע רוסישע רעאַקציאָנערן:

„וועגן די ניהיליסטן.

ס'איז אַ זינד צו רודפֿן זיי מיט אַ טענה אָדער מיט פּײַפֿן;

אין לי איז דער בעסטער תּירוץ;

צי וועט אַן אומפּרוכט טראָגן אַ פּרי?

קיין שכל האָבן זיי ניט, קיין נשמה האָבן זיי ניט —

וואָס דען זאָלן זיי זײַן אויב ניט ניהיליסטן?"

אַלעמען איז באַוווּסט, האָט געשריבן גאָטלאָבער, אַז די זין פֿון אונדזער פֿאָלק האָבן ליב נאָכצומאַכן די פֿעלקער צווישן וועלכע זיי וווינען — און זיי האָבן זיך אָנגעגומען מיט דער גייסטער קרענק, ניהיליזם. ער האָט געהאַט טענות צו פֿינען, וואָס ער האָט געדרוקט קאָוונערס אַרטיקל „רוח חיים" („אַ לעבעדיקער גייסט"); דעם דאָזיקן אויסדרוק, „אַ לעבעדיקער גייסט", האָט קאָוונער אַגב געניצט זייער אָפּט, כּדי צו באַשרייבן דאָס וואָס עס פֿעלט, לויט זײַן מיינונג, צום מערסטן אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. גאָטלאָבער האָט חוזק געמאַכט פֿון קאָוונערס ליטעראַטור־טעאָריעס און דערבײַ געגעבן אַ פֿינטל מיטן אויג, אַז מאָדאַלישקייט איז ניט קיין מידה וואָס מען קען געפֿינען בײַ די יונגע: ווער עס ווערט נתפּעל פֿון דער נאַטור, איז על־פּי ניהיליזם אַ שוטה, וואָרעם אַ בלימל איז דאָך נאָר קוילנשטאָף, זויערשטאָף אאַז"וו. „פֿון דעסט וועגן קען איך אַ סך ניהיליסטן וואָס האָבן ניט מבֿזה געווען אַן אַנדער מין שיינקייט, וואָס איז פֿאַראַן אויף דער וועלט, און זיי האָבן ניט דערשמעקט

אין אים קיין פּאַספּאָר, ווי עס לערנט, זייער פּראַקטיק סיי די בייטאָגיקע סיי די ביינאַכטיקע.

טאָמער איז דאָס נאָך אַלץ ווינציק, האָט גאָטלאָבער אַריינגעבראַכט דעם ריין פּאָליטישן אַרגומענט אויך. ער האָט געגעבן אָנצוהערעניש אויף דעם רוסישן ראַדיקאַלן טשערנישעווסקין, דעם שרייבער „וואָס האָט מיט זיין פּען אומגליקלעך געמאַכט אַ סך מענטשן און זיי אַראָפּגעפירט פון גלייכן וועג". „ניהיליזם, האָט ער געשריבן אין אַ צווייטן אָרט, איז אַ קלעפּיקע קרענק וואָס גייט קעגן טראַדיציע און רייסט אַראָפּ הייליקייטן. זיינע הענט צעשטערן אַפילו די געזעצן פונעם מלך... פון אָט דעם דאָזיקן גיהנום־פייער איז אַרויס דאָס שרעקלעכע פּ אַ ל ש ע ק אָ ל ב (כר כזב) וואָס האָט אויסגעצויגן די האַנט אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן".

קיין קלאָרערע דיבורים האָט מען ניט געקענט ריידן. דאָ איז שוין געגאַנגען ניט וועגן טעאָרעטישן ניהיליזם וואָס פאַרבייט שיינקייט אויף זויערשטאָף און פּאַספּאָר, נאָר וועגן דעם טעראָריסט קאַראַקאָזאָוו וואָס האָט אָקערשט, אין אַפּריל 1866, געמאַכט דעם אַטענטאַט אויפן קיסר. ניט נאָר מיר ווערן פאַרציטערט פון אַזאַ מסרן, נאָר אַפילו די מיטצייט־לערס האָבן דערזען, וואָס דאָ טוט זיך, און קאָוונער אַליין האָט דאָס אָנ־גערופן מיט דעם נאָמען מסירה אין אַ פּריוואַטן בריוו צו י. ל. גאָרדאָנען. מיר וועלן באַלד זען, אַז מסירה איז אין יענער צייט געווען אַן אָנגענו־מענער מכשיר אין יידישן געזעלשאַפטלעכן קאַמף, ווי משונהדיק דאָס זאָל ניט אויסקומען ביי אונדז היינט. אָבער בכדי צו פאַרשטיין די פולע סיטואַציע מוזן מיר אָפּשאַצן נאָך איין זאַך. ווען די פּאָלעמיק זאָל זיך געווען צעשפּילט אין די באַדינגונגען פון אַ טאָטאַליסטישן רעזשים, איז אַבסאָלוט זיכער, אַז די באַשולדיקונג אין שותפות מיט טעראָריזם וואָלט צום באַשולדיקטן באַלד געמאַכט אַ סוף, אָבער דער רעזשים פון די צאַרן איז געווען אַן אויטאָקראַטישער ניט קיין טאָטאַליסטישער. און ווי ענג די גרענעצן, נאָר אונטערשיידן אין מיינונגען האָבן פאַרט געקענט זיין. קאַראַקאָזאָוון האָט מען פאַרמישפּט צום טויט, טשערנישעווסקין האָט מען אַוועקגעשיקט אויף לאַנגע יאָרן פאַרשיקונג; אָבער קאָוונערן האָט מען ניט געטשעפּעט, און ער האָט אַפילו זיך גענומען די געלעגנהייט אויסצו־נוצן דאָס זעלביקע געווער קעגן זיינע אָפּאָנענטן.

מ. ווײַנרײַך

קאָוונער שרײַבט אַ דאַנאָס

דעם 23טן דעצעמבער 1867 האָט קאָוונער אָװעקגעטראָגן אין דער קאַנצעלאַריע פֿון אַדעסער גענעראַל־גובערנאַטאָר אַ לאַנגן פּאַפּיר מיט באַשולדיקונגען קעגן צעדערבוימען.

מסרן, האָבן מיר געזען, איז פֿון לאַנג אָן געווען אַ מיטל פֿון געזעלשאַפֿטלעכן קאַמף ביי ייִדן.

אין באַדינגונגען פֿון אויטאָקראַטישע רעזשימען מוז אַ פּנים אויסוואַקסן אַ חשק אַרײַנצוציִען וואָס מען רופֿט דעם דריטן צד. מתנגדים האָבן געמסרט די חסידים און פֿאַרקערט. אויב אַ משכיל האָט אין זײַנער אַ „פּראָשעניע״ אָנגערעדט וואָס אין דער קאַרט שטייט אויף די פֿרומע, זײַנען אַלע פֿרײַנד זײַנע געווען גאַנץ צופֿרידן דערפֿון. נו, איז קאָוונער געגאַנגען נאָך אַ טריט ווײַטער און האָט אויסגענוצט דעם זעלביקן מיטל קעגן אַ צווייטן צד צווישן די משכילים גופֿא. דערביי לאָמיר נעמען אין אַכט: געשריבן האָט דאָס קאָוונער דער ראַדיקאַל ניט, אַזוי ווי מענדעלע אָדער גאָטלאָבער, אין אַ ליטעראַריש ווערק, ווו דער לייענער קען דאָס קוואַליפֿיצירן ווי מסירה; ער האָט אָנגעשריבן אַ מסירה צו דער מאַכט דירעקט — דאָס וואָס ייִדן האָבן גערופֿן מיטן אָפֿיציעלן רוסישן וואָרט דאַנאָס.

אָט ווי קאָוונערס געשריפֿטס האָט זיך אָנגעהויבן:

„איך האַלט פֿאַר מײַן הייליקן חוב צו ציִען דעם אויפֿמערק פֿון אײַער עקסצעלענץ אויף אַן אומשטאַנד וואָס איז אַן ערנצטער שטער ביי דער בילדונג פֿון ייִדן און ביי זייער דערנענטערונג מיט דער רוסישער באַפֿעלקערונג... אין אַדעס גייט אַרויס אַ העברעיִשע צייטונג אונטערן נאָמען המליץ. וואָלט זי געגאַנגען אויף רוסיש, וואָלט זי אַפֿילו קיין האַלב יאָר ניט געקענט עקסיסטירן, אָבער אויף דער העברעיִשער שפּראַך, וואָס זי איז ניט צוטריטלעך פֿאַר דער רעגירונג און פֿאַר דער רוסישער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג, עקסיסטירט זי שוין באַלד זיבן יאָר, און אין משך פֿון דער צייט האָט זי טאַקע באַוויזן צו פֿאַרשפּרייטן אַ היפּשן סכום פֿינצטערניש און פֿאַנאַטיזם. חוץ דעם צייכנט זיך די צייטונג אויס מיט דעם וואָס עס פֿעלט איר וועלכע עס איז ריכטונג, לאָגיק, געוויסנדיקייט און וועלכער עס איז זינען״.

קאָונער האָט אַרויסגעשטעלט קעגן צעדערבוימען צוויי הויפּט־באַשולדיקונגען:

(1) אַז דער המליץ שטיצט די חסידישע רביים, „די שרעקלעכע פאַנאַטיקער, די געשווירן פון יידישן פאָלק, די סיבות פון אַזוי פיל צרות און אומגליקן".

(2) אַז צעדערבוים איז אַרויס מיט אַ פאַרשלאַג, יידן זאָלן אָפּקויפן פאַלעסטינע און אויסקלייבן פאַר אַ מלך אַ מיטגליד פון דער ראָטשילד־פאַמיליע.

כדי צו באַקרעפטיקן זיינע רייד, האָט קאָונער בייגעלייגט דריי נומערן המליץ און איינגערינגלט מיט אַ רויטן בלייער יענע ערטער, אויף וועלכע ער האָט זיך פאַררופן.

צום סוף פון זיין געשריפטס האָט קאָונער געבעטן, אַז זיין נאָמען זאָל בלייבן בסוד. אָבער צעדערבוים איז געווען געניטער פאַר קאָונערן און אַן אָפּטער איינגייער אין די רעגירונג־אינסטיטוציעס. לייגט זיך אויפן שכל, אַז דורך עמעצן פון די באַאַמטע איז ער יאָ געוווּר געוואָרן פון קאָונערס אַקט, און מסתמא האָט ער געוווּסט וואָס צו טאָן די מעשה צו פאַררייבן. ווי די זאַך זאָל ניט זיין, קאָונער איז געבליבן אויסגעשטעלט און צעדערבוים איז ווייטער געבליבן דער תקיף.

קאָונער און פּאַפּירנאָ

אין גאָטלאָבערס פּאַשקעוויל איז געווען אַ זאַץ געווענדט צו קאָונערן: „גיי צו פּאַפּירנאָן און לערן זיך פון אים". קאָונער האָט ניט געפאָלגט, אָבער מיר קענען פון דעם זאַץ אָפּלערנען אַ סך.

אַברהם־יעקב פּאַפּירנאָ איז געווען מיט קאָונערן פּיל־ווינציק אין איינע יאָרן, און אין איין צייט בערך זיינען זיי אַריין אין דער העברעישער ליטעראַטור. דער גאַנג פון זייער דערציִונג איז אויך געווען אין גרונט דער זעלביקער: פון דער טראַדיציאָנעלער חדר־ און ישיבה־וועלט צו דער וועלט פון השכלה. זייערע ליטעראַרישע בליקן זיינען אויך צייטנווייז צוגעקומען נאָענט צו אַנאַנד. אָבער ווי פאַרשיידן זיינען געווען די מענטשן. פּאַפּירנאָ האָט אַ ביסל אַ ברויז געטאָן אין די יאָרן ווען די געבליטן ברויזן, אָבער אין 1868, נאָכן ענדיקן די זשיטאָמירער ראַבינער־שול איז

ער געוואָרן אַ לערער אין אַן עלעמענטאַרער רוסישער שול פאַר יידישע קינדער, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט געגרינדעט אין פויליש־יידישן שטעטל זאַקראָטשין, און אין דעם פאַך האָט ער שוין אויסגעדינט זיינע יאָרן, מערניט וואָס שפעטער האָט ער געאַרבעט אין אַנדערע שטעט און צום סוף איז ער געוואָרן אַ לערער פון יידישער רעליגיע אין דער רוסישער רעגירונג־גימנאַזיע אין פלאָצק. זיין אינטערעס איז געווען פאַר־שפרייטן אַזאַ וועלטלעכע בילדונג ווי זיין טיפ שול האָט געגעבן, באַקעמפן די חדרים, מאַכן פון פוילישע יידן לאָיאַלע רוסישע בירגערס. זיינע זכרונות „פון ניקאָלייס עפאָכע", וואָס ער האָט געדרוקט אויף רוסיש ביים סוף פון זיין לעבן, זיינען אינטערעסאַנט, אָבער אַפילו קיין אָפקלאַנג פון דער אַמאָליקער הייסבלוטיקייט, שפירט זיך ניט מער אין זיי.

אין די קאָוונער־יאָרן, ווי מיר האָבן אָנגערופן די צייט פון דער ביטערער פאָלעמיק אין און נאָך חקר דבר, איז פאַפירנאָ, יונג ווי ער איז געווען, געשטאַנען פאַרן עולם מיט אַ סך גרעסערע צוזאָגן. ער האָט אָנגעשריבן, אַ חוץ אַרטיקלען אין די צייטונגען, אַ ביכל קריטישע אַר־טיקלען און אַ צווייט ביכל ספעציעל וועגן דראַמע. קאָוונער האָט אים יענע יאָרן באַמערקט אין אַ בריוו: „אייך רופט מען דער יידישער בע־לינסקי — מיך, האָב איך מורא, וועט מען רופן דער יידישער המן".

וואָס טייטש יידישער בעלינסקי? זיכער איז פאַפירנאָ ניט געווען געגליכן מיט זיין טעמפעראַמענט צום „צעשטורעמטן וויסאַריאָן", ווי מען האָט אין דער רוסישער ליטעראַטור גערופן דעם קריטיקער בעלינסקין, פיסאַרעווס מיטצייטלער און שטאַרקערן ריוואַל. פאַפירנאָ איז געגאַנגען בנעימותדיק: „איך האָב חלילה ניט בדעה פוגע־בכבוד צו זיין אַפילו דעם קלענסטן צווישן די יידישע געלערנטע; — זאָל זיין שלום ביי יידן".

אָבער אין פאַפירנאָס ליטעראַריש־קריטישער שיטה איז יאָ געווען עפעס פון בעלינסקין, טייל מאָל אַפילו פשוט איבערגעזעצט פון רוסיש אויף העברעיש. ביי קאָוונערן איז דער העכסטער פרינציפ פון ליטעראַ־טור געווען נוציקייט, און ער האָט געשריבן צו פאַפירנאָן: „איך, פונקט ווי פיסאַרעוו, בין גרייט אָפצוגעבן טויזנטער פערזן פון פושקינען, לער־מאָנטאָוון און אייער מיכ"לן [מיכה־יוסף לעבענזאָן, דער יונג פאַרשטאָר־בענער העכסט טאַלענטירטער העברעישער פאָעט, אַ זון פון אד"ם הכהן]

פאַר איין פשוטן, נאָר גוטן אַרטיקל וועגן באַגיטיקן פעלדער". פאַרקערט, ביי פּאַפּירנאָן שטייט אויבן אָן שיינקייט. ער (און זיין רבי בעלינסקי) האָט אַזוי געפּסקנט, ווייל ליטעראַטור האָט, לויט דעם דאָזיקן באַנעם, אַ ס פּ ע צ י פ י ש ע פונקציע אין לעבן. זי איז ניט סתם נאָך אַ געווער אין געזעלשאַפטלעכן קאַמף. דער עיקרדיקער שטריך פון קונסט איז שיינקייט. נוצלעכקייט שפּילט דאָ ניט קיין ראָלע; נוצלעכקייט איז דער באַזיס פון מלאָכה, ניט פון קונסט. פאַר דעם שלעכטס אין לעבן טראָגט ניט דער פּאָעט קיין אַחריות, ער דאַרף עס נאָר שילדערן אַזוי ווי דאָס איז. דאָס מיינט ניט, פאַרשטייט זיך, אַז בעלינסקי (און פּאַפּירנאָ זיין נאָכזאָגער), האָט ניט געזען די גרויסע וויכטיקייט פון פּאָליטישע און סאָציאַלע איבערבייטן; ער האָט זיכער פאַרן פּאָעט ניט געהאַט אין זינען קיין פּריווילעגירטע פּאָזיציע פון אַ זייטיקן, מערניט וואָס קעמפן האָט געדאַרפט ניט דער פּאָעט בתורת פּאָעט, נאָר דער פּאָעט בתורת מענטש.

איצט זעט מען שוין, פאַר וואָס פּאַפּירנאָ איז געווען באַליבט ביי די משכילים. אים האָט קיינער ניט געזידלט. אַדרבא מען פלעגט אים נאָך אַ קניפּ טאָן אין בעקל, ווי מען טוט עס אַ מאָל מיט אַ געראָטן קינד, נאָר אַ ביסל אַ באַדיונג, ווי איינער רעדט: נישקשה, וועסט עלטער ווערן, וועסטו אַליין קומען צום שכל... אין איינעם אַ בריוו האָט קאָוונער אים געשריבן: „ניט אַנדערש, איר זייט געבוירן געוואָרן אין אַ הייבל". פּאַ־פּירנאָ האָט אים געענטפערט, אַז ער נעמט אַ מעסיקן טאָן, און דער טאָן מאַכט דאָך די מוזיק. האָט קאָוונער אָפּגעענטפערט צוריק: „יאָ, איר האָט האָלט לעבלעך וואַסער, און איך גיב אַ ברי אָפּ מיט אָקרעפּ".

קאָוונערס אָנמעסטן אויף זיך דעם נאָמען „יידישער המן" איז געווען אַן אויסדרוק פון דעם וואָס אויף דער שפּראַך פון ווילע יונגען רופט זיך עס: איך האָב אייך אין דער ערד. אין דער אמתן האָט ער זיך גע־האַט אַריינגעלעבט גאָר אין אַן אַנדער ראָלע. ער האָט געוואָלט זיין, פאַרשטייט מען, דער יידישער פּיסאַרעוו. אָט איז אַ טשיקאַווער פּרט וואָס וואַרפט אַ שיין אויף זיינע איבערלעבונגען. פּאַפּירנאָ האָט אים צוגע־שיקט במתנה זיין אָקערשט אַרויסגעגאַנגען ביכל קנקן חדש מלא ישן („נייער קרוג פול מיט אַלטס"), און אַזוי ווי ער האָט זיך שוין מיט קאָוונערן געהאַט ניט איין מאָל דורכגעשריבן, האָט ער אים צוגעשריבן

אַ דעדיקאַציע: „מיין פריינד, דעם טייערן און באַוווסטן קריטיקער״. קאָוונער האָט זיך אָבער צוגעטשעפּעט צו דעם, וואָס פּערזענלעך האָט ער זיך נאָך ניט געהאַט באַקענט מיט פּאַפּירנאָן און האָט זיך צעלאָזט אין זיין ענטפער: „צי איז דאָס ניט קיין אַנאַכראָניזם? מאָלט זיך אויס, אַז אַנטאָנאָוויטש, פּיסאַרעוו אָדער דאָבראָליובאָוו באַקומט צום אָנדענק אַ בוך פון אַ מחבר וואָס ער קען ניט מיט אַן אויפשריפט: דעם טייערן און גערימטן קריטיקער. צי וואָלט זיך דאָס יענעם ניט אויסגעוויזן קאָמיש?״

אָבער ביים גאַנצן „רוק זיך ניט״ און ביים אָנווייזן אויף די אונטערשיידן האָט קאָוונער פון דעסט וועגן זייער געוואָלט אַרבעטן מיט פּאַפּירנאָן צוזאַמען. נאָך אין חקר דבר האָט ער אויפגעוויזן, ווי נייטיק עס איז פאַר די יונגע אַרויסצוגעבן אַן אייגענעם אָרגאַן. וואָס מער עס האָט זיך צעפלאַקערט די ליטעראַרישע מלחמה, אַלץ וויכטיקער איז פאַר אים געוואָרן אַן אייגענער זשורנאַל, ווייל עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז די עקסיסטירנדיקע העברעיִשע בלעטער זאָלן זיך פאַר אים פאַרמאַכן אין גאַנצן. צעדערבוימס „„פּאָדקעוועס״ זיינען געוואָרן אַלץ שאַרפער, זיין רעדאַקטאָרשער רויטער בלייער האָט געמעקט אַלץ מער; ער אַליין האָט דאָך אויך געהאַט זיינע איבערצייגונגען, און חוץ אַלעמען איז ער ניט געווען מחויב זיך איינצורייסן מיט אַ וועלט צוליב קאָוונערס שקאָצערייען. דער הכרמל איז געווען גאַסטפריינדלעכער, אָבער ווי לאַנג נאָך וועט פין זיך שטעלן קעגן גאָטלאָבערן? האָט קאָוונער ווייטער זיך געטראָגן מיט דעם פּלאַן פון אַ זשורנאַל אין זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט פּאַפּירנאָן, געפּרוּווט אַפילו אָנמערקן פּרטים וועגן דעם אינהאַלט פון דער אויסגאַבע. מיט אַ יאָר שפּעטער, אין אַ בריוו צו גאָרדאָנען, קערט ער זיך ווידער אום צום געדאַנק פון זשורנאַל נאָך מיט מער פּרטים. געוואָרן איז פון דעם גאָרניט, גיכער ווי אַלץ צוליב דעם, וואָס קאָוונער אַליין איז צו ביסלעך אָפּגעקילט געוואָרן. גאָרדאָנען, ווי מיר וועלן באַלד הערן, האָט ער נאָר געשריבן, אַז אויב יענער וועט אַרויסגעבן אַזאַ זשורנאַל, וועט ער, קאָוונער, אים מיטהעלפן. אַליין האָט ער שוין יעמאָלט געזען אַנדערע פּערספּעקטיוון; זיין אויסקוק איז שוין געווען אויף אַ ייִדישער ליטעראַטור אויף דער ר ו ס י ש ע ר שפּראַך.

דער לעצטער בוקעט

צווישן יאָ און ניין האָט קאָוונער נאָך איין מאָל צונויפגענומען אַלע זיינע געדאַנקען וועגן ליטעראַטור און לעבן ביי ייִדן. אין דער צעוואָרפנ־קייט און מאַטעריעלער אומזיכערקייט וואָס האָט כאַראַקטעריזירט זיין לעבן יעמאָלט אין אַדעס האָט ער ניט פאַרטראַכט קיין כוללדיק ווערק וואָס זאָל איבערגעבן זיין גאַנצן קוק אויף דער וועלט אין אַ פאַרקיילעכ־טער, אָפּגעניגלטער פאָרעם. ער האָט אויפגעקליבן עטלעכע אַרטיקלען וואָס ער האָט געדרוקט זינט עס איז אַרויס דער חקר דבר און צוגעגעבן צו דעם אַן ערשטן אַרטיקל וואָס האָט באַרעכטיקט דעם טיטל פון דעם גאַנצן ביכל צרור פרחים („אַ בינטל בלומען”). דאָ האָט ער צונויפגע־נומען עטלעכע און פופציק גרייזן און קוריאָזן פונעם יאָרגאַנג 1866 המליץ און זיי אויסגעלאַכט. אויף דעם מאַטעריאַל טאַקע האָט ער זיך באַזירט ווען ער האָט געשריבן צום אַדעסער גענעראַל־גובערנאַטאָר וועגן דער נידעריקער מדרגה פון צעדערבוימס צייטונג.

יעדער שטיקל וואָס ער האָט אויסגעשריבן פון דער צייטונג האָט ער אַרומגעפּוצט מיט זיינע אייגענע באַמערקונגען און חוזק געמאַכט פון צעדערבוימען אויף וואָס די וועלט שטייט. עס זעט זיך דערביי בפירוש, אַז ער האָט זיך דורך דער צייט צוגעלערנט ביי לודוויג בערנען דעם שניידיקן פּאָלעמיקער, און אין דעם אַריינפיר צום גאַנצן ביכל איז אַפילו פאַראַן אַ מאָטאָ פון בערנען. פון אים האָט ער אויך איבערגענומען די המצאה אויפצושטעלן נאָכן אַלף־בית אַלע זידל־ווערטער, מיט וועלכע זיינע אָפּאָנענטן האָבן אים מכבד געווען. ער נעמט זיך דאָס ניט חס־ושלום צום האַרצן, ער שווימט אַרום ווי אַ פיש אין וואַסער.

קאָוונער האָט זיך דאָ געשמאַק אָפּגערעכנט מיט אַלע קריטיקערס וואָס זיינען אים באַפאַלן פאַרן חקר דבר. דעם האָט ער געזאָגט, אַז פון זיינע טענות הערט זיך דער ריח פון בית־מדרש; יענעם וועט ער קיין וואָרט ניט ענטפערן, וויל עס איז דאָך קלאָר, אַז יענעמס גאַנצער ציל איז נאָר געווען, אַז קאָוונער זאָל אים זאָגן אַ צוויי־דריי ווערטער. היינט מיט די פּאָעטן, מישטיינס געזאָגט, וואָס ער האָט אַרונטערגעריסן האָט ער דאָך געוויס ניט וואָס צו פּאָלעמיזירן. זיי שרייען דאָך נאָר וויל עס טוט זיין וויי פון זיינע שמיץ. אָבער אַזוי ניט וועלנדיק קיינעם ענטפערן

און פּאַטשנדיק אויף רעכטס און אויף לינקס, האָט ער פּאָרט אָנגעשריבן אַ היפּשן אַרטיקל. איצט, ווען מען לייענט דאָס, מאַכט עס אַ ביסל אַ קליינשטעטלדיקן איינדרוק.

אַ סך אינטערעסאַנטער נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג איז אַן אַנדער אַרטיקל אין דעם „בינטל בלומען״, וואָס רופט זיך: „אַ קליינער איבער־בליק איבערן צושטאַנד פון ייִדן אין פּוילן און ליטע״. קאָוונער האָט דאָ געגעבן איינדרוקן פון זײַן רייזע קיין וואַרשע מיט אַ פּאָר יאָר פריִער, ווען ער איז געפאָרן דרוקן דעם חקר דבר. „ייִדן שלאָפן נאָך אַלץ״, באַ־מערקט ער, „אין די שטעטלעך און אַפילו אין ווילנע און וואַרשע. אמת אַ סך ייִדישע קינדער גייען שוין אין די רוסישע פאָלקסשולן, אָבער אַנטקעגן די וואָס גייען ניט איז דאָס איינער פון הונדערט. צווישן די מלמדים זײַנען פאַראַן אַזוינע, וואָס פאַר זיך זײַנען זיי גאַנץ אָרנטלעכע מענטשן, אָבער צרות מאַכן זיי אַן ניט ווייניקער ווי די יעזויִטן. די גרעס־טע זאַך וואָס די רעגירונג וואָלט געקענט אויפטאָן פאַר אונדז וואָלט געווען צו מאַכן אַ סוף צו די מלמדים״.

„די ישיבות האָבן זיך זייער שטאַרק אויסגעברייטערט אין דער ליטע די לעצטע יאָרן, איבער הויפּט אין ווילנע. יעדער גאַרנישט, וואָס מען טרײַבט אים אַרויס פון אַ שטעטל, יעדער פּויליאַק און לײַדיק־גייער קומט קיין ווילנע ווערן אַ ישיבה־מאַן, און דאָ נעמט מען אים אויף מיט אָפענע אָרעמס. בײַ צוויי טויזנט ישיבה־לײַט דרייען זיך אַרום אין ווילנע. פון וואָס לעבן זיי? פון תהילים זאָגן, פון זײַן אַ צענטער צו אַ מנין, און סתם פון בעטלען. ניט זיי אַליין זײַנען שולדיק, נאָר די וואָס האָבן דער־פירט דערצו. אַנשטאָט צו פלאַדיען פּוסט־און־פּאַסניקעס אין די ישיבות דאַרף מען בעסער עפענען שולן און וואַרשטאַטן אויסצובילדן בעלי־מלאָכות״.

אין וואַרשע, דערציילט קאָוונער, זײַנען פאַראַן גרויסע גבירים וואָס וואָלטן געקענט אַ סך אויפטאָן פאַר ייִדן. איז מען אָבער צעריסן אויף צדדים. פאַראַן באַנקירן וואָס זײַנען ווײַט פון ייִדנטום, און פון דער צווייטער זײַט זײַנען פאַראַן חסידים, וואָס עס גיסט זיך פון זיי (אַזוי דריקט ער זיך אויס) שטינקענדיק מיקווה־וואַסער.

אַזוינע ווערטער וואָלט געקענט שרײַבן אַ ליאַדע יונגער משכיל,

הגם ער וואָלט מסתמא ניט געהאַט די העזה צו ריידן קריטיש וועגן די באַנקירן, אָבער פון אַ צווייטן ציטאַט קענען מיר נאָך אַ מאָל אָפּלערנען, אַז אויף דער השכלה גופא האָט קאָוונער אויך געקוקט אָן שום אילוזיעס.

„ייִדן שטייען לויט זייער גייסטיקן האַריזאָנט אומעטום העכער איי־דער די אַרומיקע פעלקער. און אויב די רוסישע ייִדן זיינען עם־הארצישער איידער די פראַנצייזישע אָדער דייטשע, דאַרף מען דערביי ניט פאַרגעסן די אַרומיקע סביבה. אָבער אַפילו אויב מען זאָל מודה זיין, אַז די ייִדישע מאַסע רוקט זיך פאָרויס צו פּאַמעלעך אויפן וועג פון פּראָגרעס, איז דאָס בשום אופן ניט דערפאַר ווייל זי האָט פיינט השכלה, נאָר ווייל זי זעט ניט אין איר קיין תכלית, זי האַלט ניט, אַז דאָס איז אַ מיטל וואָס פירט צו אַ געוווּנטשענעם ציל״.

פאַרבייגייענדיק רירט קאָוונער אָן טעאָרעטישע פּראָבלעמען פון לי־טעראַטור אויך, אַ שטייגער וועגן דער שוואַכקייט פון עסטעטישע מאָסן. אַ מאָס פון אַ קריטיקער דאַרף זיין אַן אַבסאָלוטע. אָבער „ניט יעדער מענטש האָט הנאה פון דעם, פון וואָס עס האָט הנאה דער צווייטער... דאָס וואָס געפעלט מיר איז ביי אַ צווייטן מיאוס, דערפאַר קען מען קיין מאָל ניט אַרויסטראָגן קיין אַבסאָלוטן פּסק אין אַ זאַך וואָס איז געווענדט אין גוסט...״ קומט אויס, אַז דער קריטיקער־רעאַליסט דאַרף זוכן אַן אַנדער מאָס: נוצלעכקייט. איי נוצלעכקייט איז אויך רעלאַטיוו? דאָס האָט קאָוונער ניט געזען, און זיינע רבים אויך ניט.

אַ סך מער גיט זיך אָפּ דער צרור פּרחים מיט אַקטועלע פּראָבלעמען פון ליטעראַטור (וואָס דאָס האָט פאַר די רעאַליסטן געמיינט אויך גע־זעלשאַפטלעכע אַרבעט) ביי ייִדן. דאָ האָט ער גערעדט אַזוי באַקציינערדיק, אַז אַפילו אַ העברעיִשער ליטעראַטור־היסטאָריקער מיט אַכציק יאָר שפּע־טער קען אים נאָך ניט מוחל זיין פאַרגעסנדיק דעם היסטאָרישן קאָנ־טעקסט. מען האָט טענות, שרייבט ער, צו די ייִדישע סטודענטן און צו די יונגע משכילים בכלל, אַז „זיי דערווייטערן זיך פון דער העברעיִשער שפּראַך; לויט מיין מיינונג טוען זיי גוט, ווייל וואָס איז דער גורל פון די שרייבערס אויף העברעיִש און וואָס האָבן זיי? ניט מער ווי אָרעמקייט און נויט, פאַרדראָס און ווייטאָג, אומכבוד און שונאים אויף יעדער טריט״. אויב די העברעיִשע ליטעראַטור גיט ניט קיין פּרנסה, טאָ וואָס איז דער

וואונדער, אַז די יונגע־לייט זוכן אַ בעסערן תכלית? און חוץ דעם: די העברעיִשע ליטעראַטור האָט אַ סך געהאָלפן די קאָנסערוואַטיווע אָבער זי האָט ניט ווינציק געשאַדט די פּראָגרעסיווע. וויפל גוטע פעיִקייטן זייַנען געגאַנגען אין ניוועץ! וויפל טעג און יאָרן האָבן אַ סך [מענטשן] געפּטרט אויף לידער אין העברעיִש וואָס זייער טעם איז ווי די פּייכט־קייט פון שלאָם, אויף דיקדוק־ספרים וואָס האָבן ניט קיין ווערט אין סדר, חקירות, פּירושים און אויסטייטשן, וואָס אַלע צוזאַמען זייַנען זיי ווי גאָרנישט, און דאָס האָט נאָר די העברעיִשע שפּראַך פאַרבלענדט זיי די אויגן און דערפירט זיי צו דעם. אמת גרויסע מענטשן וואָס האָבן געקענט אויפטאָן גרויסע זאַכן צום נוץ פון יידן האָבן געפּטרט צייט, וואָס זי איז טייערער פון אַלץ, אויף מליצות און שירים אָן אַ געדאַנק. זיי האָבן געבויט אויף דער העברעיִשער שפּראַך פּוסטע און נישטיקע רייד, און מיט דעם דאָזיקן פאַרפירערישן חלום, אַז זיי טוען אויף גרויסע זאַכן צום נוץ פון פאָלק האָבן זיי געבלאָנקעט אַלע זייערע טעג״.

פאַר די וואָס זאָגן, אַז העברעיִש (קאָוונער רעדט כסדר וועגן „לשון עבר״) איז לשון־קודש, האָט קאָוונער אַ בריִענדיקן ענטפער: „וואָס איז די העברעיִשע שפּראַך אין זיך אַליין? זי איז דאָך, פּונקט ווי יעדער אַנדערע שפּראַך, צונויפגעשטעלט פון טויטע אותיות, וואָס אין זיי איז קיין שום הייליקייט ניטאָ. הייליק קענען ווערן נאָר יענע געדאַנקען און אידעעס וואָס מיר ברענגען אַרויס מיט איר הילף. אָבער אונדזערע שרייַ־בערס האָבן די שפּראַך גופא, די טויטע אותיות פאַרוואַנדלט אין אַ היי־ליקייט וואָס פאַר איר ברענען זיי כסדר ווייַרעך און זינגען איר לויב־לידער״.

אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר איז אים ביים שרייבן דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז מען דאַרף זיך אַ ביסל איינצוימען, אָבער ער ענטפערט זיך באַלד אַליין: „עס איז שוין געקומען די צייט, ווען מען דאַרף אויסוואָרצ־לען די גוט־ברודערשאַפט און גוט־פריינדשאַפט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור״. און ער פאַרענדיקט דעם פּאַראַגראַף מיט אַ זאַץ וואָס קען דינען ווי אַ מאָטאָ פאַר זיין גאַנצער קריטישער טעטיקייט:

„נישטאָ קיין גוטער־ברודער און קיין גוטער־פריינד אין ליטעראַ־רישע ענינים״.

צעדערבוים רעכנט זיך אָפּ. — קאָרעספּאָנדענץ מיט י. ל. גאָרדאָנען

אָט דאָס איז געווען דער לעצטער בוקעט וואָס קאָוונער האָט דער־לאַנגט זיינע קעגנערס און שונאים. עס איז געווען אַן איינזייטיקער זשעסט, אויף קיין ענטפער האָט ער מער ניט געוואַרט, ווייל ער האָט זיך שוין פריִער געהאַלטן ביי דער קליאַמקע. דערפון נעמט זיך די טאָפּל־קייט אין זיין שטייגער שרייבן. ערטערווייז גיט ער זיך אַ ריס אויף די הויכע טענער, ווייל דער טעמפּעראַמענט טראָגט אים אַוועק; אין דער דרוקעריי האָבן פאַרפעלט אויסרוף־צייכנס, אַזוי פיל אויסרופן האָט ער געהאַט אין מאַנוסקריפּט אויפן אַדרעס פון זיינע אָפּאָנענטן. דערנאָך רעדט ער ווידער רעזיגנירטערהייט וועגן זאַכן וואָס האָבן אים פריִער אויפגערודערט צום טיפסטן, ס׳איז שוין ביי אים לאַחר יִיאוש. די רעאַק־ציע אויפן צרור פּרחים איז אויך געווען אַ שוואַכערע איידער אויף קאָוו־נערס ערשטן ביכל און אויף זיינע אַרטיקלען אין די צייטונגען — ניט ווייל ער איז דאָ געווען ווייכער, נאָר ווייל די שווערסטע האַרמאַטן האָט מען שוין געהאַט אויסגעשאָסן פריִער. מערניט צעדערבוים האָט רעאַגירט מיט אַ סעריע אין המליץ, וווּ ער האָט נאָך אַ מאָל אויפגעמישט די גאַנצע סדרה.

געווען איז דאָס גראָד אין דער צייט ווען ער האָט זיך אין דער קאַנצעלאַריע פונעם אַדעסער גענעראַל־גובערנאַטאָר געקענט דערוויסן וועגן דעם בענקל וואָס קאָוונער האָט אים צוגעשטעלט.

„און טאַקע ווער זיינען זיי עס, די הפקר־יונגען, וואָס קומען איצטער לערנען קלוגע און מאָראַלישע מענטשן אויף וואָס פאַר אַ וועג זיי זאָלן גיין? זיי זיינען דאָך קאַליע געוואָרענע יִינגלעך, וואָס... פאַרקויפן זייער נשמה און זייער פּען פאַר אַ גלאָז טיי...״

און ווייטער האָט צעדערבוים געדונערט:

„זיי זיינען ליגנערס, ווען זיי רופן זיך ניהיליסטן. עס איז צו פיל כבוד פאַר זיי, מען זאָל זיי זידלען מיט דעם דאָזיקן וואָרט. אין דער אמתן זיינען זיי גראָבע־יונגען, בעלי־תאווהניקעס, רכילות־טרייבערס און ליגן־זאָגערס״.

צעדערבוימס חנעוודיקע באַמערקונג דאַרף אונדז ניט פאַרפירן; די „הפקר־יונגען״ האָבן זיך בפירוש גוט געהיט צו רופן זיך מיטן נאָמען

ניהיליסטן. דאָס איז געווען אַ גנאַי־נאָמען, וואָס זייערע אָפּאָנענטן האָבן זיי דערמיט באַקליידט.

אַזוי ווי די אַדעסער אַדמיניסטראַציע איז געווען און געבליבן אויף צעדערבוימס צד, קען מען פאַרשטיין, פאַר וואָס קאָוונער האָט ניט גע־קענט דורכפירן דעם צרור פּרחים דורך דעם אַדעסער צענזור־קאָמיטעט, אָבער אויך אין דעם פּרט איז דאָס צאַרישע רוסלאַנד ניט געווען טאָטאַ־ליסטיש און עס זיינען געווען שפּעלטעלעך וואָס דורך זיי האָט מען אַ מאָל געקענט דורכקריכן. צענזור־קאָמיטעטן זיינען געווען אין פּעטערבורג, אין מאָסקווע, אין ריגע, אין ווילנע, אין וואַרשע און אַזוי ווייטער, און אַ מחבר האָט געקענט פּרוּוון זיין מזל. אויב פאַר קאָוונערן איז געווען פאַרשלאָסן דער וועג אין אַדעס, האָט ער מצליח געווען אין קיִעוו. צרור פּרחים האָט באַקומען דעם הסכם פון דער צענזור אין קיִעוו אין דעצעמ־בער 1867, מיט געציילטע עטלעכע טעג פריִער איידער קאָוונער האָט אָוועקגעטראָגן זיין געשריפטס אין דער קאַנצעלאַריע פונעם אַדעסער גענעראַל־גובערנאַטאָר, און ער האָט דערנאָך בשלום אָפּגעדרוקט איין ביכל אין דער באַוווסטער אַדעסער דרוקעריי פון די ברידער בלעטניצקי. עס בלייבט אַלץ די קשיא, פאַר וואָס פיאַדאָראָוו אין קיִעוו האָט געגעבן זיין ברכה אויף קאָוונערס ביכל, וואָס זיין אינהאַלט האָט אים געמוזט זיין אַזוי דערווידער. דער ענטפער וועט שוין געוויס בלייבן אויף אייביק פאַרהוילן.

פון יענער צייט זיינען איבערגעבליבן צוויי לאַנגע בריוו קאָוונערס צום באַוווסטן פּאָעט יהודה־לייב גאָרדאָן, וואָס איז יעמאָלט געווען אַ לערער אין אַ רוסישער עלעמענטאַר־שול פאַר ייִדישע קינדער ערגעץ אין אַ ליטוויש קליין שטעטל; די בריוו זיינען אָפּגעדרוקט אין גאַנצן אין דער הוספה צום איצטיקן בוך. גאָרדאָן איז געווען מיט דרייצן יאָר עלטער, און בשעת קאָוונער האָט נאָך ביטער געקעמפט פאַר אַ ליטעראַרישן מעמד האָט דער נאָמען יל״ג — דאָס איז געווען גאָרדאָנס ליטעראַרישער פּסעוודאָנים — שוין געקלונגען צווישן רוסישע ייִדן. פון זיינע לידער האָט קאָוונער גראָד געהאַלטן אַ וועלט. ער האָט אין גאָרדאָנען געזען אַ פאָרשטייער פון יענער פּאָעזיע, וואָס אַנשטאָט צו פליִען אויף די פליג־לען פון פאַנטאַזיע נעמט זי אויף זיך דורך גזעלשאַפטלעכע קריטיק אַ

געהויבענע געזעלשאַפטלעכע פונקציע. אין צרור פּרחים האָט ער געשריבן וועגן גאָרדנס שירים אין הכרמל:

„ווען ה׳ גאָרדאָן זאָל אונדז מזכּה זיין מיט נאָך אַזוינע לידער, וואָס בלי ספק האָט ער זיי, וואָלטן מיר געבענטשט זיין נאָמען און מיר וואָלטן געזאָגט פאַר אים אַ נייע לויב: אָט דאָס איז דער ייִדישער נעקראַסאָוו״. קיין גרעסערער קאָמפּלימענט מצד קאָוונערן האָט ניט געקענט זיין, מחמת נעקראַסאָוו האָט מיט די מיטלען פון פּאָעזיע געטאָן, קען מען זאָגן, אין דער רוסישער ליטעראַטור די זעלביקע אַרבעט ווי טשערנישעווסקי און פּיסאַרעוו אויף זייער פעלד. אַפילו שפּעטער מיט עטלעכע יאָר, ווען קאָוונער האָט אָן רחמנות אַראָפּגעריסן גאָרדאָנס אַ דערציילונג, האָט ער נאָך אַלץ געפונען פריינדלעכע ווערטער פאַר זיינע שירים. עס איז דעריבער ניטאָ קיין שום גרונד צו מיינען, אַז קאָוונער האָט צוגעפּאַרבן זיין באַגייסטערונג בשעת ער האָט אָנגעהויבן די קאָרעספּאָנדענץ.

די ביידע העברעיִשע שרייבערס האָבן קאָרעספּאָנדירט דווקא אויף רוסיש — אַ גאַנץ אָנגענומענער גאַנג ביי די „מאָדערנע״ פון יענער תּקופה.

דער ערשטער בריוו איז מער אַ געשעפטלעכער, צוויי זייטלעך סך־הכּל: קאָוונער האָט גאָרדאָנען צוגעשיקט אָן עקזעמפּלאַר פון זיין אָקערשט אַרויסגעגאַנגענעם צרור פּרחים, געבעטן מבינות אויף דעם ביכל און אַגב פאַרגעלייגט אַ חילוף: זאָל גאָרדאָן אים צושיקן פופציק עקזעמפּלאַרן פון זיין נייער לידער־זאַמלונג שירי יהודה, וועט ער אים אַנשטאָט דעם שיקן פופציק עקזעמפּלאַרן פון צרור פּרחים. ער, קאָוונער, ביי זיין ענערגיע, נעמט זיך אונטער צו פאַרקויפן די ביכער, און ער רעכנט, אַז גאָרדאָן וועט אויף זיין ביכל אויך געפינען קונים, ווייל פון צרור פּרחים איז נאָך ניטאָ קיין איין עקזעמפּלאַר אין גאַנץ ליטע.

אַגבֿ־אורחא וויל אָבער קאָוונער בכלל אָנקניפּן קאַנטשאַפט; ער האָפט, אַז דערפון וועט אַרויסקומען אַ טובה פאַר ביידע צדדים. דערביי גיט ער צו אַז צרור פּרחים איז ביי אים „דער לעצטער צינדז דער העברעיִשער שפּראַך״, און ער טייטשט עס אויס:

„איך זאָג: דער לעצטער צינדז, ווייל עס לוינט בפירוש ניט פאַר אַ היינטצייטיקן מענטשן צו שרייבן אויף דער העברעיִשער שפּראַך, און

ווער רעדט נאָך מיט אַזאַ ריכטונג וואָס רופט אַרויס אַ סך שונאים און ניט־אָנגענעמקייטן. ווען עס זאָל כאָטש זיין באַלוינונג פאַר אָט דער אַרבעט! נאָר איר ווייסט דאָך, מיין איך, וואָס עס איז די באַלוינונג פון העברעיִשע שרייבערס בכלל און פון די אַזוי גערופענע קריטישע שרייבערס ספּעציעל!...״

אויף דעם קורצן בריוו האָט גאָרדאָן געענטפערט באריכות — צום באַדויערן איז צו אונדז דערגאַנגען נאָר אַ טייל פון זיין תשובה — און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז קאָוונער זאָל אים ענטפערן מיט אַ גאַנצער מגילה: זעכצן זייטן פאַרנעמט זיין צווייטער בריוו. מער ווי אַ העלפט גיט קאָוונער אָפּ אויף אָפּפרעגן גאָרדאָנס טענות און באַרעכטיקן זיין אייגענעם קוק אויף דער העברעיִשער ליטעראַטור און פּרעסע פון זיין צייט. דערנאָך קומט ער צו צום ענין וואָס אינטערעסירט אונדז דאָ ספּעציעל: וועגן זיין געמיט אין יענעם פּעריאָד, ווען ער האָט געדאַרפט באַשליסן אַהער אָדער אַהין.

„וואָס שייך דער עיקר־פראַגע: צי איך וועל שרייבן וויטער אָדער ניט? בין איך דערווייל נוטה צום לעצטן, און אָט פאַר וואָס: איבער פאַרשיידענע אומשטאַנדן און אַ סך איבערטראַכטענישן האָט זיך ביי מיר אויסגעאַרבעט אין דער לעצטער צייט אַ באַזונדער קוק אויפן לעבן, אויף דער מענטשהייט, אויף וויסנשאַפט, אויף אַלע גרויסע צילן און שטרעבונגען אין לעבן, אויף געניאַליטעט, אויף הייליקע וועלט־אידעעס; איך פרעג דאָס אַלץ אָפּ, פאַר מיר עקסיסטירט ניט קיין שום גרויסע זאַך, אַפילו דער אַלוועלטלעכער פּראָגרעס און דער גן־עדן אויף דער ערד (אין הימלשן גן־עדן גלייב איך ניט), וואָס צו אים שטרעבן אַלע בעסטע מענטשן פון אייראָפּע, איז ניט מער ווי אַ נישטיקער טראָפּן אין דער אייביקייט. — און אויב איך גלייב ניט אין דער אייביקייט פונעם מענטשן, בלייבט שוין ניט קיין זאַך וואָס איז גרויס און הייליק, וואָרעם יעמאָלט איז שוין ניטאָ קיין שום ציל אינעם לעבן פון איין מענטשן, פון אַ פולן דור און פון דער גאַנצער אַלוועלט... טאָ צו וואָס זיך רייסן דעם פּעלץ? ווידער אויף דער העברעיִשער ליטעראַטור, מיט אירע נישטיקע אינטערעסן און פּראַגעס, מיט איר ענגן, קליינלעכן קרייז פונקציעס, מיט איר קלאָגעדיקן, באַגרעניצטן קוק אויף אַלצדינג, קוק איך ווי אויף אַ מוראַשניק, וואָס אין אים


[illegible]

Ваш А. Ковнер

Одесса 14 Янв 1868

P.S. [illegible]

דאָס לעצטע זייטל פון קאָווגערס לעצטן בריוו צו גאָרדאָנען.

ווידמען זיך טויזנטער מורעשקעס, האָוּוען צו ליב עפּעס, שלאָגן זיך מיט אַלע כּוחות, און אָט וועט אַ צופעליקער שטיוול פון אַ מענטשן צעטרעטן זיי מיט אַלע זייערע געבייען, און פון זיי וועט אַפילו קיין סימן ניט בלייבן... דערצו, וואָס פאַר אַ באַלוינונג האָט מען פאַר דער אַרבעט, פאַר די בעסטע איבערצייגונגען, וואָס מען שרייבט אויף פּאַפּיר מיטן בלוט פון האַרצן?״

דער „„נײַן״ איז דוכט זיך קלאָר, וואָס קלערער קען ניט זיין. איין מאָל דער ניי געשאַפענער וועלטבאַנעם, וואָס בקיצור לאָזט ער זיך פאַר־מולירן: אַלץ איז גאָרנישט. ס׳איז ניט קיין וואַריאַנט פון דער סאָציאַליס־טישער טעאָריע, כאָטש קאָוונער האָט יאָ געהאַט אַ גרויסן אינטערעס פאַר דער פּראָבלעם רייך און אָרעם. די שטרעבונגען פון די בעסטע פּראָ־גרעסיווע מענטשן אין מערב־איראָפּע זיינען אויך גאָרנישט. צווייטנס איז דאָך די העברעיִשע ליטעראַטור, ווי מיר הערן פון קאָוונערן, גאָרנישט שבגאָרנישט. אָבער מיט אַ זייטל ווייטער ציט ער שוין צוריק. אפשר וועט ער בקרוב פּאָרט ווידער עפּעס שרייבן אויף העברעיִש; ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט ער שרייבן אַ רעצענזיע אויף גאָרדאָנס באַנד לידער; און ער לייגט אויס ביים סוף פון בריוו, גלייך ווי גאָרניט, אַ פּרטימדיקן פּלאַן פון אַ העברעיִשן זשורנאַל וואָס קען אַפילו ווערן אַ געשעפט.

ער וועט געוויס מיטאַרבעטן, אויב גאָרדאָן וועט אַזאַ זשורנאַל שאַפן. מיר לאַכן פונעם זעלבסטמערדער וואָס איז אַוועק זיך טרינקען און האָט חרטה ווען ער געפינט אויס, אַז דאָס וואַסער איז צו קאַלט. ס׳איז ניטאָ וואָס צו לאַכן; מיר זיינען פּשוט עדות, ווי אין אַ מענטשן קעמפן צוויי סתירותדיקע כּוחות און ער קען זיך קיין עצה ניט געבן.

צי גאָרדאָן האָט נאָך געענטפערט קאָוונערן, ווייסן מיר ניט, נאָר מיר ווייסן יאָ אַז פון די פּלענער וועגן אַ העברעיִשער ליטעראַרישער טריבונע פאַר די יונגע איז גאָרניט געוואָרן. קאָוונער האָט טאַקע ניט געשריבן מער קיין העברעיִש. ער האָט גאָר גענומען שרייבן רעצענזיעס אויף טעאַ־טער און קאָנצערטן אין די לאָקאַלע רוסישע צייטונגען, אָבער קיין תּכלית איז דאָס אויך ניט געווען.

מיטאַרבעט אין אָרשאַנסקיס וואָכנבלאַט

אַ ווײַלע האָט זיך געקענט דוכטן, אַז קאָוונער וועט געפינען אַ פּלאַץ אין דעם רוסיש־ייִדישן וואָכנבלאַט דיען („דער טאָג" — געמיינט האָט מען דעם טאָג וואָס קומט נאָך דער נאַכט). דאָס איז ניט געווען דער ערשטער אָרגאַן פאַר ייִדישע אינטערעסן אויף רוסיש; אָבער ער האָט געהאַט גאָר אַ ניי פּנים. די פריִערדיקע רוסיש־ייִדישע בלעטער האָבן אָדער געבראַכט פאַרעווע אַרטיקלען און נאָטיצן (ווי אַ שטייגער די רוסי־שע ביילאַגע צום הכרמל) אָדער זיי האָבן געקעמפט קעגן די „אָבסקו־ראַנטן" וואָס דערלאָזן ניט צו ייִדן קיין בילדונג. דער דיען איז אַרויס אין מיי 1869 מיט גאָר אַ נייעם טראָפּ אויף בירגערלעכער רעכט פאַר ייִדן. איינער פון די וויכטיקע מיטאַרבעטערס איז געווען מנשה מרגליות, וואָס מיר האָבן זיך שוין מיט אים באַגעגנט ווי מיט קאָוונערס אַ פאַר־טיידיקער אין המליץ. אָבער די נשמה פון דער אויסגאַבע איז געווען איליאַ אָרשאַנסקי, יעמאָלט אַ דריי־און־צוואַנציקיאָריקער יונגער־מאַן מיט אויסערגעוויינטלעכע פעיִקייטן, וואָס האָט מער ווי ביז ניין און צוואַנציק ניט דערצויגן און האָט באַוויזן אָנצושרייבן בריליאַנטענע אַרבעטן אי אויף ייִדישע טעמעס אי וועגן רוסישער יוריספּרודענץ.

די פירערס פון דיען האָבן געהאַלטן, אַז אַלע ייִדן דאַרפן איבערנע־מען די רוסישע קולטור. אָבער דאָס האָט ניט געהייסן ביי זיי אַוועקוואַרפן ייִדישקייט, און עס וואָלט געווען אַ קינדעריי וואָס זאָגט גאָרניט צו שטעמפּלען זיי מיטן שפּעטער פּאָפּולער געוואָרענעם נאָמען „אַסימילאַ־טאָרן". לויט זייער קוק האָט גיכער די טראַדיציאָנעלע ייִדישקייט געפירט צו אונטערגאַנג, ווייל זי איז אָפּגעשטאַנען און קען ניט האָבן קיין קיום אין דער נייער וועלט. דער אידעאַל איז געווען דאָס ייִדנטום אין מערב־אייראָפּע: גלייכע רעכט, אָנטייל פון ייִדן אין קולטור־לעבן פון זייערע פאָטערלענדער, אַ ייִדישע וויסנשאַפט אויף דער לאַנדשפּראַך. דערביי איז די פאָדערונג פון גלייכע רעכט געווען אַזאַ שאַרפע, אַז נאָכן אָדעסער פּאָגראָם פון 1871 האָט אָרשאַנסקי גערופן ייִדן, זיי זאָלן די שולדיקע אין פּאָגראָם צוציִען צום געריכט; אין אַ קאָנפליקט מיט דער צענזור האָט דאָס וואָכנבלאַט זיך געמוזט אָפּשטעלן.

מיר ווייסן ניט, פאַר וואָס קאָוונערס אַנטייל אין דיען איז ניט גע־ווען קיין רעגולערער. אָבער ער האָט באַוויזן אָפּצודרוקן דאָרטן צוויי אַרבעטן וואָס האָבן אַ ווערדע נאָך ביים היינטיקן טאָג. איינע איז אַ סעריע פון דריי פּרטימדיקע אַרטיקלען וועגן די ישיבות פון ווילנע, דער מיר און וואָלאָזשין מיט אַ ים אינטערעסאַנטע פאַקטן. די צווייטע איז אַ רע־צענזיע אויף ש. י. אַבראַמאָוויטשעס ראָמאַן האבות והבנים — ריכטי־קער, אויף אַ רוסישער באַאַרבעטונג פון דעם דאָזיקן ראָמאַן.

קאָוונערס אַרטיקלען וועגן די ישיבות זיינען אין גאַנצן פאַרזען גע־וואָרן. אַ שאָד; ס'איז פאַראַן אין זיי אַ סך שטייגערישער פּרט־מאַטעריאַל וואָס קען צו נוץ קומען דעם היסטאָריקער. אין ווילנע און אין דער מיר האָט ער אַליין געלערנט, רעדט ער אויפן סמך פון פּערזענלעכער אָבסער־וואַציע, און אַן אויג האָט ער געהאַט אַ שאַרפס; צי האָט ער ווען עס איז אַריינגעקוקט אין וואָלאָזשין אויך — איז ניט קלאָר. ער לאַכט אויס מיט בייסיקייט דעם אופן לערנען אין די ישיבות, ער ווייזט אויף, אַז אין גרונט וואָלט מען זיי אין דער מאָדערנער צייט מער ניט געדאַרפט, אָבער פון פּראַקטישע טעמים וועגן לייגט ער ניט פאָר זיי צו ליקווידירן. פאַרמאַכן זאָל מען בלויז די ווילנער ישיבות, ווייל זיי פּלאָדיען נאָר מלמדים, און קיין מלמדים פעלן ניט. אַנשטאָט דעם זאָל מען עפענען האַנטווערקער־שולן. די מירער ישיבה וואָלט געדאַרפט ווערן אַ מין צוגרייטשול פאַר וואָלאָזשין, און פון דער וואָלאָזשינער ישיבה דאַרף מען מאַכן „אַ רבנישע אַקאַדעמיע", ווו מען זאָל לערנען גמרא גאָר אויף אַ ברייטן פאַרנעם, פּוסקים און די רבנישע ליטעראַטור בכלל, אָבער אויך די יסודות פון דיקדוק, פון רוסישער גראַמאַטיק און פון אַריטמעטיק. אין דער שפּיץ פון דער דאָזיקער אַקאַדעמיע, דאָס שטרייכט קאָוונער אונטער עטלעכע מאָל, דאַרף מען אַוועקשטעלן גאָר גרויסע רבנים, וועלן ייִדן האָבן צוטרוי צו די וואָס וועלן באַקומען סמיכה פון דער ישיבה.

קאָוונער מענדעלעס אַ לערער?

נאָך וויכטיקער פאַר אונדזער גייסטיקער געשיכטע איידער די ישיבה־אַרטיקלען איז קאָוונערס רעצענזיע אויף מענדעלעס ראָמאַן; מיר דרוקן זי דערפאַר איבער אין אַ פולער איבערזעצונג אין דער הוספה צום

איצטיקן בוך. איין מאָמענט פון אָט דער רעצענזיע איז כדאַי דאָ אַרויס־צוהייבן.

אַבראַמאָוויטש, ווייסן מיר, איז שוין געווען אַ פעסט עטאַבלירטער שרייבער נאָך איידער דער דאָזיקער ראָמאַן איז אַרויס, און אויך דער ייִדישער מענדעלע האָט געהאַט געמאַכט זיין דעביוט נאָך מיט עטלעכע יאָר פריִער, אָבער ער האָט נאָך אין גאַנצן געשטעקט אין די טראַדיציאָנעלע פּענטעס פון די משכּילים: אויף צו באַפרייען ייִדן פון זייערע צרות דאַרף מען בילדונג; מען דאַרף בייקומען די אָבסקוראַנטן פונעם אַלטן דור וואָס ווילן ניט צולאָזן די יוגנט צו בילדונג. די דאָזיקע אידעאָלאָגיע געפינען מיר אין די ערשטע נוסחאות פון קליין מענטשעלע און פון ווינטשפינגערל, נאָך בולטער שטאַרצט זי אַרויס פון האבות והבנים. דער גרויסער קער אין מענדעלעס צוגאַנג צו ייִדישע פּראָבלעמען איז געקומען, ווי מיר ווייסן, ערשט אין דער קליאַטשע אין 1873. דאָ האָבן ייִדן צום ערשטן מאָל דערהערט, אַז „קיין טאַנץ גייט ניט פאַרן עסן", און געזאָגט געוואָרן איז דאָס אַזוי שטאַרק, אַז די פּעטערבורגער צענזור האָט פאַרווערט דעם זשורנאַל וואָס האָט געדרוקט די רוסישע איבערזעצונג פון דער קליאַטשע.

אָבער קאָוונער האָט זיך געהאַט דעראַרבעט צו דער זעלביקער אידעע פריִער, און ווען מיר לייענען זיין אָפּרוף אויף האבות והבנים, איז אַזוי ווי מיר וואָלטן געזען אָנגעצייכנט די קאָנטורן פון מענדעלעס שפּעטערדיקן גאַנג. אין זיינע פריִערדיקע אַרויסטרעטונגען האָט קאָוונער אויך געמאָנט בילדונג, איצטער פאַרשטייט ער, אַז כאָטש בילדונג איז גוט איז אָבער דער עיקר ברויט און רעכט. ער אַליין האָט אויך פריִער געשמידט די צדיקים, אַז „זיי פרעסן און זויפן ווי די עכטע אַפּיקורסים; זיי טוען אָפּ נידערטרעכטיקייטן און זאָגן, אַז דאָס מיינען זיי געטלעכקייט", און אויך אין זיין געשריפטס אויף צעדערבוימען האָט ער באַשולדיקט דעם המליץ, אַז ער שטיצט די צדיקים. איצטער, אין זיין רעצענזיע אויף אַבראַמאָוויטשעס ראָמאַן, רעדט שוין קאָוונער אַנדערע דיבורים. ער איז נאָך אַלץ, און דאָס איז ביי אים קיין חידוש ניט, קעגן די צדיקים, אָבער ער זעט אין זיי נאָר אַ סימפּטאָם, ניט די קרענק גופא, און ער איז זיכער, אַז ביי אַ געביטענער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער סיטואַציע וועלן זיי ניט זיין מער קיין סכנה.

צי איז ניט באַרעכטיקט אַרויסצוקומען מיט דער השערה אַז קאָוור־נערס אָפּרוף אויף האבות והבנים האָט געהאָלפן אַ שטופּ טאָן מענדעלען אויף זיין נייעם אידעאָלאָגישן וועג? די באַדינגונגען אין רוסלאַנד זיינען געווען גענוג באַשטימטע און מענדעלעס קאָפּ איז געווען גענוג קלאָר, אַז ער וואָלט געקענט דערגיין צו זיין אידעאָלאָגישן איבערבראָך אָן פרעמדער הילף אויך. אָבער עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז קאָוונער האָט פאַרמולירט די דאָזיקע אידעאָלאָגיע פריִער, און פאַרמולירט זי ניט אין קינסטלעריש־אַלעגאָרישע נאָר אין פּובליציסטישע טערמינען, און געטאָן האָט ער דאָס פּונקט אין פאַרבינדונג מיט מענדעלעס אַ ווערק. מענדעלע איז געוויס געווען גוט צעטראָגן פון דעם קלאַפּ וואָס דער לאַנגאָניקער אָפּאָנענט האָט אים דאָ דערלאַנגט, אָבער ער איז אויך געווען גענוג קלוג צו לאָזן זיך לערנען פון איטלעכן לערער, ווי שטאַרק דאָס זאָל ניט וויי טאָן.

א רוסישער זשורנאַליסט אין פּעטערבורג

אין קאָוונערס ערשטן בריוו צו גאָרדאָנען איז פאַראַן נאָך אַן אינ־טערעסאַנטער פּרט. ווי אַ צוריקאַדרעס ווייזט קאָוונער אָן דעם ראַבינער ד״ר שוואַבאַכער. דאָס איז געווען אַ דייטשער ייִד, אַ שיינער רעדנער וואָס איז נאָך עטלעכע ראַבינער־שטעלעס אין דרום־דייטשלאַנד, געוואָרן אַ פּריידיקער אין לעמבערג, און פון דאָרטן האָבן אים די אַדעסער משכי־לים אויסקאָנקורירט פאַר זייער „בראָדער שול״. שוואַבאַכער האָט גע־האַלטן פון קאָוונערן און אים באַשעפטיקט ווי אַ לערער ביי זיך אין שטוב. נאָר צעדערבוים האָט געפאָדערט פונעם ראַבינער, ער זאָל דעם פּורץ־גדר ניט געבן קיין הילף. שוואַבאַכער האָט זיך אונטערגעגעבן.

אויף עטלעכע יאָר איז שטיל געוואָרן מיט קאָוונערן. ער האָט געטאָן דאָס וואָס ער האָט פאַרויסגעזאָגט אין זיין בריוו צו גאָרדאָנען: אַז ער וועט זיך בעסער אָפּרוען און אַ טראַכט טאָן וועגן זיך. דעריבער האָט ער פאַרמאַכט די טיר פון דרויסן, אָפּגעלאָזן די קליאַמקע און אַפילו קיין זיי געזונט ניט געזאָגט. עס האָט זיך אים געמאַכט אַ שטעלע פון אַ הויזלערער אין אַ משפחה וואָס האָט געדאַרפט אַריבערפאָרן פון אַדעס אין דעם שטעטל קונגור, פּערמער גובערניע, שוין האַרט ביים אוראַל.

ער האָט דעם פאַרשלאָג אָנגענומען. דאָרטן, אין דער טיף רוסישער סביבה, האָט ער זיך געווייס גוט צוגעלערנט רוסיש. צוריק אַרויסגעשווו־מען איז ער אין 1871, ווען ער איז פון קונגור געקומען קיין פעטערבורג.

קאָוונער איז געקומען פון דער פּראָווינץ אין דער קרוינשטאָט אַריין מיט גרויסע אַמביציעס אָבער מיט ווינציק געלט. ווי אַזוי ער האָט זיך איינגעאָרדנט מיט ווײנרעכט ווייסן מיר ניט; אַזוי ווי ער האָט ניט גע־האַט קיין אוניווערסיטעטישן דיפּלאָם האָט ער געמוזט געפינען עפּעס אַ המצאה. ער האָט געדונגען אַ צימער ביי אַ ייִדישער אַלמנה מיט פיר קינדער. זיי האָבן געשטאַמט פון מאָהילעוו און דער פאָטער איז מסתמא געווען אַ בעל־מלאָכה; ייִדן מיט אַ פאַך, האָבן זיך יאָ געמעגט באַזעצן מחוץ די גובערניעס פונעם ייִדישן תחום, און היפּש ייִדישע בעלי־מלאָכות האָבן זיך יעמאָלט באַזעצט אין פעטערבורג און מאָסקווע, קאַנגיסער איז געווען זייער נאָמען.

ווען קאָוונער האָט זיך דערוווּסט, אַז זיי זיינען ייִדן, איז זיין ערשטער אימפּולס געווען זיך אַרויסצוקלייבן צוריק: ער האָט ניט געוואָלט, אַז עפּעס זאָל אים דערמאָנען אין זיין ייִדישקייט, דערציילט ער אַליין. נאָר עס איז אים געווען אַ רחמנות אויף די מענטשן, ווייל זיין קוואַרטירגעלט איז געווען אַ צושטייער צו זייער חיונה.

דער מאַן איז שוין לאַנג געווען טויט, די מאַמע האָט עפּעס פאַרקויפט און געהאַט דערפון גראָשנס. אַן עלטערע טאָכטער און צוויי ייִנגערע האָבן גאָרניט געטאָן, אַ זון האָט פאַרדינט ביי הענטשקעמאַכעריי אַ נישטיקע סומע. איז קאָוונער געבליבן ביי זיי און האָט זיך פאַרחברט מיט דער משפחה.

מיט זיין גאַנצער ברייטקייט און גדלות איז ער געווען אַן עלנטער מענטש, און די וואַרעמקייט ביי די קאַנגיסערס אין שטוב איז אים געווען צום האַרצן. זיי זיינען געווען גאָרניט פון די קרייזן, צו וועלכע ער האָט זיך געריסן. סאָפיע, די עלטסטע טאָכטער, האָט ניט געקענט ניט לייענען און ניט שרייבן, ביז ער האָט מיט איר גענומען לערנען. אָבער זי איז געווען צניעותדיק און סימפּאַטיש, האָט ער זיך צוגעבונדן צו איר. זי איז צו אים אויך צוגעבאַקן געוואָרן. ער איז געווען אפשר דער ערשטער מאַנצביל, וואָס איז אַרויף אויף איר וועג און זי האָט האָלט געהאַט צו

הערן ווי ער מאָלט זײַנע צוקונפטפלענער. זיי זײַנען געוואָרן אינטים נאָענט.

קאָוונער איז געווען זיכער, אַז פּעטערבורג איז דער ריכטיקער אָרט פאַר אים און אַז אין גיכן וועט מען זען ווער ער איז.

עס האָט אויסגעוויזן, אַז ער האָט זיך ניט איבערגעשאַצט. צום אָנהייב האָט ער געהאַט אַ ביסל מאַטערניש מיט לויפן פון איין רעדאַק־ציע אין דער אַנדערער און מיט אָנקוקן די קאַלטע פּנימער פון די רע־דאַקטאָרן. אָבער דערנאָך האָט אים אָפּגעגאָלטן. ער האָט אַרײַנגערוקט דאָ אַ בעלעטריסטישע סקיצע, דאָרטן אַן אַרטיקעלע, איין מאָל אַפילו אַ ראָמאַן. און דער ליטעראַרישער האָנאָראַר האָט געהאַט ביי אים הונדערט מאָל מער די ווערט וויפל ער האָט באַטראָפן אין דער אמתן. עס איז ניט געווען די פראַגע פון די פּאָר רובל — דאָס זײַנען נאָך אַלץ געווען טרעפּלעך אויפן וועג צו זײַן גרויסקייט אין דער רוסישער ליטעראַטור.

ער האָט מיטגעאַרבעט אין אַזעלכע זשורנאַלן ווי דיעלאָ און ווסע־מירני טרוד און אויך אין דער טעגלעכער צײַטונג: סאַנקט־פּעטערבורג־סקיע וויעדאָמאָסטי. ענדלעך האָט ער געפונען אַ שטענדיקע אַרבעט, און ניט אָבי ווו, נאָר אין דער גרעסטער ליבעראַלער צײַטונג, מיטן נאָמען גאָלאָס.

אַלע וואָך אָדער צוויי, פלעגט קאָוונער ברענגען אין רעדאַקציע גאָלאָס אַ היפּשן אַרטיקל פון אַ פיר־פינף שפּאַלטן אונטערן נאָמען „לי־טעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע קוריאָזן”. ער פלעגט צונויפקלייבן פון פאַרשיידענע רוסישע צײַטונגען און זשורנאַלן ווו אַ נאַרישקייט, ווו אַ ניט־געראָטענעם אויסדרוק, ווו אַ רעאַקציאָנערן געדאַנק, און דערפון פלעגט ער מאַכן אַ צימעס. באַזאַלצן פלעגט ער דאָס מיט אַ שאַרפן אָנ־פאַל, באַפּעפערן מיט אַ ווערטערשפּיל, צונויפקלעפּן מיט אַן אומגעריכטן דריי אויס — פלעגט ווערן פון דעם אַן אַרטיקל וואָס לייענערס פון יענער צײַט האָבן ליב געהאַט.

טייל מאָל פלעגט קאָוונער דערמאָנען אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, אַ קרימינעלן פּראָצעס, אָפּט פלעגט ער זיך אויך אָפּרופן אויף געזעלשאַפט־לעך־פּאָליטישע געשעענישן. ער פלעגט דערלאַנגען אַ גאָב די אײַזנבאַן־פּאָדריאַדטשיקעס און די ספּעקולאַנטן אין די בענק און אין די אַקציע־

געזעלשאַפטן, וואָס „פירן דורך די אָפּעראַציע פון אויסלאָדענען די קעי־שענעס אַזוי ריין און איידל, אַז פאַר קיין שום געריכט קען מען זיי ניט ברענגען".

אַזאַ לשון האָט מען געהערט אין דער רעאַקציאָנערער רוסישער פּרעסע פון די שונאים פון אינדוסטריאַליזאַציע, טייל מאָל צוגעפּראָוועט מיט אַן אַנטיסעמיטישן ווונק, ווייל אי צווישן די אייזנבאַן־פּאָדריאַדטשי־קעס אי צווישן די נייע אויפגעקומענע באַנקלייט זיינען געווען ייִדן. אָט די רעפּרעזענטאַנטן פון דער נייער ייִדישער גרויס־בורזשואַזיע האָבן אין קאָוונערס פעליעטאָנען אין גאָלאָס אויך געזען ייִדנפיינדלעכע שפּיצלעך. איין מאָל האָט זיך קאָוונער טאַקע אַרויסגעכאַפּט אויפן אַדרעס פון אַ געוויסער צייטונג, אַז זי „שניידט זיך אויף אַ ייִדישן דרך".

דאָס איז געווען אַן אויסדרוק ניט מוחל צו זיין (עלעהיי איין ייִד זאָגט צום צווייטן: הער אויף מיט דיינע ייִדישע שטיק!). אָבער אין גאַנצן אַ בילבול זיינען געווען די קלאַנגען וואָס האָבן זיך געטראָגן אין יענער צייט און אַ סך שפּעטער צווישן ייִדן אַז קאָוונער האָט געשריבן אין גאָלאָס אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען. זיין קוק אויף ייִדישע פּראָבלעמען אין יענע יאָרן וועלן מיר באַלד זען. די אַלגעמיינע פּאָליטישע מיינונגען וואָס ער פלעגט אַרויסזאָגן זיינען געווען געגנוג ראַדיקאַל. ער איז גאַנץ שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער סלאַוויאַנאָפילישער טעאָריע, אַז רוסלאַנד שטייט אויבן אָן אין דער וועלט. רוסלאַנד האָט יעמאָלט געפירט מלחמה אין מיטל־אַזיע. די רוסישע אַרמיי האָט איינגענומען כיווע. די „פּאַטריאָטן" זיינען געווען אויפן זיבעטן הימל; נאָר קאָוונער האָט זיך דערלויבט אַרויס־צוזאָגן גאַנץ קריטישע באַמערקונגען וועגן דעם דראַנג פון דער רוסישער רעגירונג צו פאַרכאַפּן פרעמדע ווייטע לענדער.

מער ווי אַלץ האָט ער חוזק געמאַכט פון רעאַקציאָנערן וואָכנבלאַט גראַזשדאַנין און פון זיין רעדאַקטאָר, פירשט מעשטשערסקי. מעשטשער־סקי איז אַרויס קעגן אים מיט אַ באַמערקונג, אַז דער נייער פעליעטאָ־ניסט פון גאָלאָס גייט אויף טשערנישעווסקיס דרכים. אַזאַ מין קאָפּוליער אָנצוהערעניש האָט געקענט ברענגען צו גאָרניט קיין געשמאַקע רעזול־טאַטן, ווייל טשערנישעווסקי איז שוין זיבן יאָר געווען פאַרשיקט קיין סיביר און האָט לויטן האַרבן פּסק־דין דאָרט געדאַרפט בלייבן נאָך זיבעצן

יאָר. נאָר קאָוונער האָט זיך ניט אָפּגעוואָרפֿן פֿון טשערנישעווסקין, ער האָט זיך נאָר אַרויסגעמאַכט פֿון דער באַשולדיקונג מיט אַ גלײַכוואָרט און איז ניט אָפּגעטראָטן פֿון זײַן וועג.

ווען מיר קוקן אַרײַן הײַנט אין קאָוונערס אַרטיקלען פֿון יענע יאָרן, וועט קײנער בשום אופֿן ניט זאָגן, אַז אים האָט געפֿעלט מוט. ער האָט אַטאַקירט מענטשן און אינסטיטוציעס און זיך ניט אָפּגעשראָקן, אַז דאָס קען אים ברענגען אין געריכט אַרײַן — אויב ניט נאָך ווײַטער. אַז ער איז ניט קײן שרעקעוודיקער, האָט ער אויך געוויזן גלײַכצײַטיק מיט אַן אַרטיקל וועגן דער העברעיִשער ליטעראַטור אין דעם רוסיש־ייִדישן זשורנאַל יעווריסקאַיאַ ביבליאָטעקאַ.

„די הײנטצײטיקע העברעישע בעלעטריסטיק"

מיט דעם דאָזיקן זשורנאַל איז קאָוונער בכלל געווען פֿאַרבונדן און האָט, ווי עס ווײַזט אויס פֿון דאָרטן געצויגן אַ טייל פֿון זײַן חיונה. פֿון אַ צופֿעליקער באַמערקונג אין סמאָלענסקינס השחר, פֿערטער יאָרגאַנג, ווערן מיר למשל געוווויר, אַז קאָוונער האָט איבערגעזעצט פֿון העברעיִש פֿאַר דעם דאָזיקן זשורנאַל מ. ד. בראַנדשטעטערס אַ דערצײלונג; אין דער יעווריסקאַיאַ ביבליאָטעקאַ גופֿא איז ניט געווען אָנגעוויזן, ווער עס האָט געמאַכט די איבערזעצונג.

קאָוונערס אַרטיקל „די הײנטצײטיקע העברעיִשע בעלעטריסטיק" איז ווערט, מיר זאָלן זיך אויף אים אָפּשטעלן באַריכות אײדער מיר קומען צוריק צום גאָלאָס. מיר מעגן דאָס יאָ וועלן אָדער ניט וועלן, נאָר פּונקט ווי אין דעם פֿאַל מיט מענדעלעס ראָמאַן מוזן מיר דאָ אויך מודה זײַן, אַז קאָוונער איז עס געווען דער, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אי דעם ברײטערן געזעלשאַפֿטלעכן האָריזאָנט אי די שאַרפֿערע קינסטלערישע מאָס. קאָוונערס אַרטיקל אַנאַליזירט צוויי פּראָזעווערק וואָס זײַנען יעמאָלט אַרויס פֿון דרוק: סמאָלענסקינס התועה בדרכי החיים און י. ל. גאָרדאָנס עולם כמנהגו.

אין זײַן ראָמאַן פֿירט סמאָלענסקין אַרויס אַ ראָש־ישיבֿה, וואָס לכתחילה וויל ער ניט אַרײַננעמען אַ בחור אין ישיבֿה אַרײַן, נאָר יענער

קויפט אים אָפּ מיט אַ פּאָר רענדלעך. פאַלט קאָוונער אַריין אין אַ ביטערן כעס.

„נאָר דאָס איז בפירוש ניט אמת. ווער עס איז נאָר באַקאַנט מיטן לעבן פון די ישיבות ווייסט, אַז די מענטשן וואָס שטייען בראָש פון זיי זיינען טאַקע אין דער העכסטער מאָס איינזייטיק, פאַנאַטיש, איינגלייבע־ריש און אומטאָלעראַנט, אָבער אין דער זעלביקער צייט זיינען זיי אַבסאָ־לוט ערלעך און זיי זוכן ניט זייער אייגענע טובה. די זאַך וואָס זיי פאַר־טיידיקן האָט ניט קיין פּראַקטישע אָנווענדונג, די אידעע וואָס זיי פאַר־שפּרייטן צייכנט זיך אויס דורך עקסטער אומזיניקייט, — נאָר פון דעסט וועגן פירן זיי זיך אויף אַזוי אינגאַנצן אויפריכטיק אָן שום צילן וואָס זאָלן דינען זייער אייגענער טובה״.

קאָוונער ווייזט אויף לאַנג — שוין אַ ביסל צו לאַנג פאַר אונדזערע היינטיקע השגות — ווי אומגעלומפּערט עס איז אויפגעבויט סמאָלענסקינס גאַנצער ראָמאַן, ווי עס קלעפּט זיך ניט אַ סצענע צו אַ סצענע, און ווי די ווייטערדיקע מעשים פונעם העלד דרינגען ניט אַרויס פון די פריערדיקע. אָבער נאָך מער פאַרדריסט אים, וואָס דער העלד האָט ניט קיין וועלט־באַנעם. דאָ זעען מיר ווידער קאָוונערס באַציִונג צו ליטעראַטור און צו די אויפגאַבעס פון ליטעראַטור בכלל: איבער הויפּט ווייסן מיר ניט דעם העלדס אַני־מאַמין, מיר ווייסן ניט זיין אידעאַל, מיר ווייסן ניט, צו וואָס ער שטרעבט, וואָס ער איז אויסן, וואָס עס זיינען זיינע פאַרלאַנגען און שטרעבונגען, אויף וואָס ער וואָלט זיך אָפּגעשטעלט מיט ליבשאַפט, און וואָס ער האָט בעצם געהאַט אין זינען דערציילנדיק זיין לאַנגע נודנע ביאָגראַפיע.

דער הויפּט־חסרון פון דעם ראָמאַן איז דאָס, וואָס דער מחבר האָט ניט אַרויסגעשטעלט קיין זאַך וואָס איז טיפּיש און שטייגעריש, אַז אין דעם גאַנצן לאַנגן ראָמאַן האָט ער ניט אַרויסגעזאָגט קיין זאַך וואָס זאָל זיין נייס און זיין אייגנס און אַז אַלע פאַרשוינען וואָס ער האָט אַרויס־געפירט זיינען בידנע, קליינלעך און זיינען ניט אין קיין שום פּרט כאַ־ראַקטעריסטיש און פאַרזיכדיק. אויב ווער עס איז פון זיי איז אַן אויס־וואָרף, איז אין אים מער ניטאָ קיין שום מענטשלעכס, אויב ווער עס איז אַן אידעאַל, איז ער בכלל ניט מער קיין באַוווינער פון אונדזער וועלט,

נאָר אַ זון פון די הימלען — מיט איין וואָרט, דאָס זיינען פּערזאָניפיצירטע בייזע און גוטע מידות, ניט קיין לעבעדיקע מענטשן״.

צוויי גרויסע מעלות געפינט אָבער קאָוונער אין סמאָלענסקינס ראָמאַן נאָך דעם ווי ער האָט אויף לאַנגע זייטן אויסגערעכנט חסרונות פון אינהאַלט און קאָנסטרוקציע:

„... דער סטיל פונעם מחבר איז אין דער העכסטער מאָס עלעגאַנט און פּאַר איינס זייער גרינג. פאַרבינדן די דאָזיקע צוויי אייגנשאַפטן איז זייער אַ שווערע אויפגאַבע ווען מען נעמט אין אַכט די אָרעמקייט און די געפּרעסטקייט פון דער העברעיִשער שפּראַך. ה׳ סמאָלענסקין באַהערשט בשלמות די העברעיִשע שפּראַך, און פאַר אים עקסיסטירן ניט קיין שום שוועריקייטן. די העברעיִשע שפּראַך האָט זיך אין זיין ראָמאַן אַזוי ווי פאַרוואַנדלט אין איינער פון די סאַמע קולטורעלע אייראָפּעיִשע שפּראַכן...

די צווייטע מעלה פון ה׳ סמאָלענסקינס ווערק איז דאָס, וואָס ער איז דורכגעדרונגען מיט טיפער ליבשאַפט צום אומגליקלעכן ייִדישן פאָלק.

... מאָלנדיק די רוסישע ייִדן ווייטאָגט דער מחבר וועגן דער באַגרענעצטקייט פון זייערע רעכט, וואָס זי איז די איינציקע סיבה פון זייער קלאָגעדיקן גייסטיקן און מאַטעריעלן מעמד, און מען מוז ניט אַנדערש איינשטימען מיט ה׳ סמאָלענסקינען, אַז דאָס אויסגלייכן ייִדן בנוגע אַלע בירגערלעכע רעכט יועט זיי אויפהייבן פיזיש און מאָראַליש און אַז אַ סך באמת טונקעלע זייטן פונעם ייִדישן שטייגער לעבן וועלן דעמאָלט ניט קענען געמאָלט זיין״.

קאָוונערס אָנערקענונג פאַר שיינקייט פון פאַרעם איז אַ זאַך וואָס מיר דאַרפן דאָ נאָך אַ מאָל אונטערשטרייכן. מיר זעען דאָ ווידער, אַז זיין ליטעראַרישע טעאָריע איז אַ היפּש ביסל קאָמפּליצירטער איידער זיינע אָפּאָנענטן האָבן געטענהט און אַז עס וואָלט כדאַי געווען אויסצופאָרשן אין די פּרטים די ליטעראַריש־עסטעטישע בליקן פון די ניהיליסטן און זייערע שכנים.

די זעלביקע ליטעראַרישע מעלות געפינט קאָוונער ביים צווייטן שרייבער, וואָס זיינס אַ ווערק אַנאַליזירט ער אין דעם אַרטיקל. דאָס איז יהודה־לייב גאָרדאָן, און אָט וואָס קאָוונער האָט וועגן אים צו זאָגן: „ווי

אַ פּאָעט האָט ה׳ גאָרדאָן ווינציק קאָנקורענטן אין דער מאָדערנער העב־רעיִשער ליטעראַטור. לויט דער טרעפיקייט פון אויסדרוק, לויט דעם פּאָעטישן סטיל, לויט דעם בייסיקן הומאָר וואָס באַגעגנט זיך ניט זעלטן אין זיינע שירים און לסוף לויט דער טיפקייט פונעם געדאַנק און לויט דער רייכער פּאָעטישער פאַנטאַזיע קען ה׳ גאָרדאָן זיך פריי פאַרמעסטן מיט אַ סך באַרימטע אייראָפּעיִשע פּאָעטן״.

מיר האָבן דאָ די זעלביקע התפעלות פאַר גאָרדאָנס פּאָעטישן טאַ־לענט וואָס קאָוונער האָט אַרויסגעוויזן מיט פינף יאָר פריִער אין זיין פּריוואַטן בריוו צו גאָרדאָנען; ער האָט זיין מיינונג ניט געביטן און זי אַרויסגעזאָגט פריי. דעריבער איז אויך נישטאָ קיין שום גרונד צו צווייפ־לען אין דער אויפריכטיקייט פון דער נעגאַטיווער אָפּשאַצונג וואָס קאָוונער גיט וועגן גאָרדאָנס דערציילונג עולם כמנהגו: „דער טאַלענטירטער פּאָעט האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ שלעכטן בעלעטריסט, דער פיינער סאַטי־ריקער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גראָבן קאַטאָוועס־טרייבער און דער דענקער האָט אָפּגעטראָטן זיין אָרט דעם בדחן...״

קאָוונער שטעלט אַרויס קעגן גאָרדאָנען — און דער לייענער מוז מסכים זיין מיטן קריטיקער — אַז סתם אָפּלאַכן פון די „צדיקים״ און חסידים איז אַן אָפּגעדראָשענע טעמע און אַז אַ שרייבער ווי גאָרדאָן האָט געמעגט אַריינברענגען עפּעס אַ נייע אידעע. אָבער ספּעציעל איבער־ציינגנדיק קומען אַרויס קאָוונערס באַשולדיקונגען קעגן דעם השכלה־שאַבלאָן, ווען ער וויזט צווײ שטריכן אין גאָרדאָנס שרייבן: אַלע יונגע זיינען פיינע מענטשן און אַלע ניט־יידן זיינען פיינע מענטשן. קאָוונערס אַרויסזאָגונגען וועגן זיין אייגענעם דור זיינען אַזוי וויכטיק, אַז עס וואָלט געווען אַ שאָד אים ניט אויסצוהערן:

„ה׳ גאָרדאָן... אַזוי ווי די מערהייט העברעיִשע אַזוי גערופענע פּראָגרעסיווע שרייבערס, פאַלט אַריין אין זייער אַלעמענס טעות: זיי שטעלן אַרויס דעם גאַנצן אַלטן דור יידן ווי עפּעס אויסוואָרפן, אידיאָטן, שרעקלעכע פאַנאַטיקערס וואָס האָבן ניט קיין שום גוטע זייטן — און דער יונגער דור קומט אַרויס שיין, אידעאַל, פלייסיק, פיין, אָן שום פלעקן און חסרונות. אַלץ וואָס קער זיך אָן מיטן אַלטן דור יידן איז נאַריש, לעכערלעך, געמיין און מיאוס — און אַלץ וואָס איז ניי — איז ליב,

טייער און שכלדיק. אָבער אין לעבן זעען מיר ווייט ניט דאָס וואָס עס מאָלן פֿאַר אונדז אויס די כמו־ליבעראַלע העברעיִשע שרייבערס. ווייט ניט דער גאַנצער אַלטער דור ייִדן איז פֿאַרדאָרבן ביזן מאַרך פֿון די ביינער, און ווייט ניט דער גאַנצער יונגער פּראָגרעסיווער דור איז אַזוי שלמותדיק און ריין פֿון זינד ווי מען שטעלט זיי אַרויס.

„אין דעם אַלטן דור ייִדן טרעפֿן מיר ניט זעלטן ליכטיקע פּער־זענלעכקייטן, וואָס זיי האָבן אמת ניט באַקומען קיין שום אייראָפּעיִשע בילדונג, נאָר, אויפֿגעצויגענע אויף דער רייכער העברעיִשער ליטעראַטור, פּערזאָניפֿיצירן זיי מיט זיך דעם אידעאַל פֿון מענטשן־ליבע, אָרנטלעכ־קייט, מסירת־נפֿש, און קומען צו אַ סך נעענטער צום טיפֿ בעסטע מענטשן איידער אַ סך פֿון אונדזערע יונגע פּראָגרעסיסטן. אין אַ סך אַלטע ייִדישע טוערס איז די אידעע פֿון טובֿת־הכּלל אַנטוויקלט אין אַזאַ שטאַרקער מאָס, אַז דאָרטן ווו עס גייט באמת וועגן אַ גרויסן געזעלשאַפֿטלעכן ענין זיינען זיי גרייט צו ברענגען אַ קרבן זייער גאַנץ פֿאַרמעגן און אַלע זייערע כּוחות. זיי האָבן טאַקע זייער אָפֿט אַ טעות וועגן דעם, צי די אָדער יענע געזעלשאַפֿטלעכע איניציאַטיוו איז פּרוכפּערדיק און אמת נוציק, אָבער אין זיי זיינען פֿאַראַן געזונטע געזעלשאַפֿטלעכע עלעמענטן וואָס, ווען מען זאָל זיי נאָר שכלדיק קערעווען, קענען זיי ברענגען אַ גוואַלדיקן נוצן". און ווייטער שרייבט קאָוונער:

„פֿאַרקערט, דער יונגער און פּראָגרעסיווער נייער ייִדישער דור האָט אַלע חסרונות פֿון אונדזער פּראַקטישן יאָרהונדערט: עקסטער עגאָיִזם, [שטרעבונג צו] מאַטעריעלער פֿאַרזיכערטקייט, הנאה פֿון היינט, גלייכגילטיק צום מאָרגן, אויספֿעל פֿון געזעלשאַפֿטלעכן אינסטינקט, באַ־רימעכץ און גרויסהאַלטעריי — אָט זיינען די עיקרדיקע טרייבקרעפֿטן אין דעם לעבן פֿון דעם יונגן ייִדישן דור, וואָס האָט שוין באַוויזן עפּעס אַריינצוכאַפּן פֿון אייראָפּעיִשער בילדונג. מיר ריידן שוין ניט וועגן דעם, אַז ער האַלט זיך פֿרעמד פֿון דער ייִדישער נאַציאָנאַליטעט און וויל ניט האָבן קיין זאַך בשותפֿות מיט זיין פֿאָלק וואָס ליידט אַזוי פֿיל הונדערטער יאָרן צוליב זיין נאַציאָנאַלע אידעע, — אָבער, אָפּגעריסן פֿון ייִדישן באָדן, האָט ער [דער נייער דור] נאָך ניט באַוויזן צוצושטיין צו די אַלגע־

מיין מענטשלעכע אידעאַלן אויך. לעבט ער דעריבער נאָר מיט זיין אינ־דיווידועלן לעבן.

מיר ריידן ניט, פאַרשטייט זיך, וועגן גליקלעכע אויסנאַמען, וואָס זיי פעלן ניט צווישן דער ייִדישער יוגנט — נאָר דער אַלגעמיינער טיפּ אַזוי געזונטער ייִדישע פּראָגרעסיסטן צייכנט זיך אויס גראָד מיט יענע שטריכן וואָס זיינען ווייט ניט אַזוי צוציִענדיק. אָבער די העברעיִשע בע־לעטריסטן, ווען זיי צייכענען זייערע העלדן פונעם יונגן דור גיבן זיי אידעאַלע אייגנשאַפטן, שפּיגלען זיך אין זיי און ווילן אונדז איינריידן, אַז זיי זיינען מושלמים, און אויף אַזאַ אופן שטעלן זיי אונדז פאָר, אַנ־שטאָט לעבעדיקע מענטשן, זייער אייגענע פאַנטאַזיע.

חוץ דעם ווייסן ניט אונדזערע בעלעטריסטן, וואָס עס זיינען די אידעעס און שטרעבונגען פון דעם בעסטן טייל פון יונגן ייִדישן דור. אונדזערע בעלעטריסטן געהערן צום גרעסטן טייל צו די מענטשן פון אַלטן דור וואָס האָבן זיך צוליב עפּעס אַ גליקלעכן טראַף באַפרייט פונעם יאָך פון תלמוד און די פירושים אויף אים; מיינען זיי אַז דאָס אַרויפגע־קלעפּטע קוויטל רעקאָמענדירט אַ מענטשן. אויב אַ יונגער־מאַן האָט עפּעס אַ קוויטל אין דער פאָרם פון אַ דיפּלאָם, מוז ער שוין ניט אַנדערש זיין אַ פּראָגרעסיוועֶר. ווי באַלד נאַטשאַלסטווע האָט אים אַטעסטירט און אַרויפ־געלייגט אויפן דיפּלאָם דעם אָפיציעלן שטעמפּל, מוז שוין דער בעל־אַטעסטאַט זיין אַן א ו י ס ג ע צ יי כ נ ט ע ר מענטש, — אויב ניט, טראַכטן זיי נאַיִווערהייט, וואָלט נאַטשאַלסטווע אים ניט געגעבן דאָס קוויטל. דעריבער איז דער רוב „ליכטיקע" העלדן פון אונדזערע בעלעט־ריסטן ניט אַנדערש דאָקטוירים. אונדזערע שרייבערס אַרט ניט אויף וואָסער אופן ווער ס'האָט באַקומען דאָס קוויטל און ווי אַזוי ער באַנוצט זיך מיטן דיפּלאָם, — אָבער דאָס קוויטל איז דאָ, איז דאַרף מען זיך ניט אַריינטיפן אין דער אינעווייניקסטער וועלט פון דעם העלד, ס'איז ניטאָ קיין נויט צו אַנאַליזירן זיינע מעשים, און אין דעם דאָזיקן קוויטל האָט דער מחבר די בעסטע גאַראַנטיע פאַר דער ערלעכקייט פון זיין העלד".

וואָס מער מיר לייענען דעם דאָזיקן אויסצוג, אַלץ מער מוזן מיר נתפּעל ווערן. עס קלינגט דאָ איליאַ אָרשאַנסקיס טאָן, באמת אין דער

גאַנצער ליטעראַטור־קריטיק ביז די אַכציקער יאָרן װעט זײַן שװער צו געפֿינען עפּעס װאָס זאָל זײַן געגליכן צו דעם.

אין זײַן אומצופֿרידנקײט מיט מאַכן אַלע ניט־ייִדן פֿאַר מלאָכים איז קאָװנער ניט װינציקער באַשטימט. אין גאָרדאָנס דערצײלונג גיט דער הױפּט פֿון דער לאָקאַלער מאַכט — דער גאָראָדניטשי — אַ באַפֿעל אָפּצושמײסן עפּנטלעך אַ גרופּע חסידים װאָס האָבן זיך צעשלאָגן. און אַפֿילו אָט דער רשע קומט אַרױס בײַ גאָרדאָנען װי אַ סימפּאַטישע פֿיגור! קאָװנער קען דאָס אים ניט מוחל זײַן. „אַזאַ הסכּמה אױפֿן װילדװילן פֿון עפּעס אַ גאָראָדניטשי... און אַזאַ חוזק מאַכן פֿון די אומגליקלעכע קרבנות פֿון דער פֿרי־ערדיקער טרױעריקער אָרדענונג איז אונטערן כּבֿוד פֿון אַ שרײַבער װאָס פֿרעטענדירט אױף אױפֿקלערערישער פּראָפּאַגאַנדע".

אין דעם ענין פּאָליטישע רעכט האָט סמאָלענסקין מיט זײַן „ראָמאַן אָדער בעסער געזאָגט מאַסע פּאַפּיר" געפֿונען אַ סך מער חן בײַ קאָװנערן אין די אױגן. אין דעם פּונקט איז סמאָלענסקין געװען פֿעסט און קלאָר, און קאָװנער האָט דאָס אַרױסגעהױבן מיט צופֿרידנקײט. פֿאַר אים אַלײן איז דער דאָזיקער געדאַנק, אַז גלײַכע רעכט זײַנען די גרונטפּראָבלעם פֿון ייִדישן לעבן, געװאָרן אַלץ מער כאַראַקטעריסטיש. די גאַנצע צװײטע העלפֿט פֿון זײַן שרײַבעריש־געזעלשאַפֿטלעכער אַקטיװקײט, װי מיר װעלן זען, איז געװען אָפּגעגעבן צו דעם געדאַנק.

רוסישקײט פֿון דרױסן

נאָך דעם װי מיר האָבן געזען די מדרגה װאָס קאָװנער האָט יעמאָלט געהאַט דערגרײכט אין פֿאַרשטײן דאָס ייִדישע לעבן קענען מיר זיך אומקערן צו זײַן „אַלגעמײן רוסישער" ליטעראַרישער טעטיקײט. דאָ קומט דער סך־הכּל אַרױס װײַט ניט אַזױ געהױבן. געװיס האָבן אים דאָ אױך ניט געפֿעלט מוט און פֿעיִקײט, מיר האָבן דאָס געזען; אָבער זײַנע אַרטיקלען אין גאָלאָס האָבן בפֿירוש געװיזן אַז עס פֿעלט אים מאָס און פּערספּעקטיװ.

ערשטנס, האָט ער ניט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס װאָס ער שרײַבט איז סוף־כּל־סוף נאָר שטיקלעך און ברעקלעך און אַז מען טאָר דעם דאָזיקן טיפּ פֿעליעטאָן ניט נעמען צו ערנסט: ניט מיט דעם מין שטעכװערטלעך

און אַריינזאָגענישן בייט מען עפּעס איבער אין דער וועלט. געווען אָבער נאָך עפּעס ערגערס. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, ווי ווייט עס גייען זיינע מעגלעכקייטן. ער האָט ניט געשפּירט, אַז אין גרונט איז, ער נאָך אַלץ דער זעלביקער יידישער יונגער־מאַן און ס׳איז מערניט אָנגעוואַקסן אויף אים אַ דינער רוסישער לאַקיר. זיינע אַרטיקלען אין דיען זיינען געשריבן אין אַן אומזיכערן רוסיש וואָס ערטערוויז ווירקט עס אַ ביסל קאָמיש, ווייל ער כאַפּט ניט די ניואַנסן אין דעם באַטייט פון ווערטער, כאַטש דעם פּשט ווייסט ער. פון די צוויי בריוו צו יהודה־לייב גאָרדאָנען שטאַרצט אַרויס נאָך אַ מער פלעפנדיקער פאַקט: קאָוונער האָט גאַנץ פליסיק געשריבן רוסיש, אָבער ער האָט נאָך געמאַכט גראַמאַטישע גרייזן. (דאָס אייגענע קען מען זאָגן וועגן דעם רוסיש פון גאָרדאָנס תשובה. אָבער פון גאָרדאָנען האָבן מיר מער ניט אַ שוואַרצשריפט, ביים איבערשרייבן, קען מיר מלמד־זכות זיין, האָט ער זיך נאָך געקענט כאַפּן; קאָוונערס בריוו זיינען אויף ריין, ער האָט מדקדק געווען אויף זיין לשון). פון יענע בריוו זיינען אַוועק פינף יאָר, און קאָוונער האָט די צייט פאַרבראַכט אין אַ רוסישער סביבה, האָט ער געוויס אויסגעגלעט די שפּראַכיקע שאָרסטיקייטן, און זיך אויך אַ סך בעסער באַקענט מיטן טאָג־טעגלעכן רוסישן לעבן. נאָר אין שטודירן אַ נייע שפּראַך און אַ נייע קולטור איז קיין שיער ניטאָ, און נאָך מיט אַ פערטל יאָרהונדערט שפּעטער, זייענדיק שוין אין גאַנצן פאַררוסט״, האָט ער זיך אין אַ מאָמענט פון אָפנהאַרציקייט מודה געווען, אַז ער דאַרף נאָך אַלץ איבערקלערן וועגן זיין רוסיש. אָבער איצט, אין דער התפעלות פון יונגשאַפט, האָט זיך אים געדוכט — ביי ראַציאָנאַליסטן פעלט אָפט פּסיכאָלאָגישע סובטילקייט — אַז ער איז שוין דער „פאָלנער רוס״, און ער האָט געזאָגט מבינות אויף רוסישע ענינים מיט דער זעלביקער שאַרפקייט און מיט דער זעלביקער זיכערקייט אין זיך, ווי ער פלעגט אַראָפּרייסן די העברעישע מליצה־ציקלערס און רעדאַקטאָרן.

עס איז אים ניט גענוג געווען צו פּאָלעמיזירן מיט דעם גראַזשדאַנינס פּאָליטישע אַרטיקלען. ער האָט נאָך געכאַפּט דעם פירשט מעשטשערסקי ביי גרייזן אין רוסיש, באַשולדיקט אים אין „גראָבער עם־הארצות״. און אַנדערש מאָל האָט ער אַטאַקירט איינעם עדואַרד האַפּע, וואָס האָט

געשריבן וועגן דער רוסישער פּרעסע: „אונדזער פּרעסע״. עס האָט אַ בייטעם, האָט קאָוונער געגעבן צו פֿאַרשטיין, ווען אַ דייטש צעלייגט זיך אַזוי ברייט מעשׂה בעל־הבית. דאָס האָט אים ניט געשטערט אַליין צו ריידן וועגן דער רוסישער געשיכטע ווי וועגן „אונדזער טויזנטיאָריקער געשיכטע״, און דאָ האָט ער ניט געשפּירט דעם בייטעם.

בכדי צו מאַכן זײַנע אַרטיקלען נאָך רוסישער, פּלעגט זיך קאָוונער קליגן אַרײַנצופּאַקן אַהין וואָס מער עכט־רוסישע פֿאָלקסווערטלעך. גע־ווינטלעך אַ מענטש מיט אויגן האָט אַלץ געזען, אַז דאָס שרײַבט אַ דרוי־סנדיקער, און מען האָט אים טאַקע אויפֿגעוואָרפֿן אין אַ קעגנערישער צײַטונג זײַן „באַרדיטשעווער״ אָפּשטאַם; אין צאַרישן רוסלאַנד איז באַר־דיטשעוו געווען דער סימבאָל פֿון אַ ייִדישער שטאָט, און קיין פּירוש אויף דער אָנצוהערעניש האָט זיך ניט געפֿאָדערט. פֿאַר אַן ענטפֿער האָט קאָוונער אַרײַנגעזאָגט יענעם שרײַבער, אַז ער אַליין איז פֿון באַר־דיטשעוו.

קאָוונער קעגן דאָסטאָיעווסקין

באַלד נאָך דעם ווי קאָוונער האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין גאָלאָס האָט פּירשט מעשטשערסקי אַרײַנגענומען פֿאַר אַ צווייטן רעדאַקטאָר אין זײַן וואָכנבלאַט גראַזשדאַנין דעם אויסגעקלונגענעם פּיאָדאָר דאָסטאָיעוו־סקי. דאָסטאָיעווסקי האָט דאָרטן אָנגעהויבן דרוקן אַלע וואָך זײַן „טאָג־בוך פֿון אַ שרײַבער״.

דאָסטאָיעווסקי, דער אַמאָליקער רעוואָלוציאָנער און קאַטאָרזשאַן, איז יעמאָלט שוין געווען אין גאַנצן אין רעאַקציאָנערן לאַגער. ער האָט געשריבן וועגן דעם, אַז קאַטאָרגע לײַטערט אויס דעם מענטשנס כאַראַק־טער; אַז דעם רוסישן פֿאָלק איז באַשערט צו לײַדן; אַז די געריכטן פֿון געשוווירענע, וועלכע מען האָט יעמאָלט ניט לאַנג געהאַט אײַנגעפֿירט, זײַנען צו ליבעראַל, און אַזוי ווײַטער.

פֿאַרשטייט זיך, אַז אין לאַגער פֿון די לינקע זײַנען דאָסטאָיעווסקיס אַרויסטריטן ניט געווען אָנגעלייגט. ער איז געווען אַ געפֿערלעכער קעג־נער. פּאָלעמיזירן מיט אים איז געווען נייטיק און באַרעכטיקט. אָבער דאָסטאָיעווסקי איז געשטאַנען צו הויך, אַז מען זאָל אים קענען מאַכן צו

קליינגעלט. די ווערדע זיינע איז געווען צו גרויס, זאָל זיין אין נעגאַטיוון זינען, אַז מען זאָל זיין שרייבן אַריינרעכענען צווישן די „ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע קוריאָזן".

קאָוונער האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז מען קען זיך ניט מיט אַ שטיינדל פאַרמעסטן אויף דער לבנה. ער האָט ניט געפילט, אַז דאָס וואָס ער האָט זיך געקענט דערלויבן קעגן די יידישע מחברים — אי ווייל ער איז געווען אַן אייגענער אי ווייל ער איז געווען פעיִקער פון זיי — דאָס קען ניט אָנגיין קעגן אַזאַ ריז ווי דאָסטאָיעווסקי. די רעדאַקציע גאָלאָס האָט אים געגעבן פרייהייט, משמעות ווייל דאָסטאָיעווסקיס קלעפּ האָבן ווײי געטאָן; האָט קאָוונער פאַרקאַשערט די אַרבל:

„מען האָט זיך געקענט ריכטן", האָט ער געשריבן, „אַז ווען אין רעדאַקציע פון גראַזשדאַנין וועט אַריינטרעטן ה' דאָסטאָיעווסקי, אַ פעיִ־קער און טאַלענטירטער מענטש, וועט דער גראַזשדאַנין שוין וויסן אַ מאָס אין זיינע שקרים; נאָר מיר האָבן אַ ביטערן טעות געהאַט. ה' דאָסטאָיעוו־סקי אַליין האָט זיך אָנגענומען מיט דער אַטמאָספער פון גראַזשדאַנין און זיך פריִער פאַר אַלץ אַ גלעט געטאָן אַליין איבערן קעפּעלע; דערנאָך האָט ער אָפּגעזידלט ניט נאָר זיינע קומעדיקע קעגנערס נאָר אויך די קעגנערס פון זיין מיטרעדאַקטאָר, דעם פירשט מעשטשערסקי".

עס איז אַוועק איין אָנפאַל נאָכן אַנדערן. דאָסטאָיעווסקיס ראָמאַן „שדים" האָט קיין טעם ניט, ווייל די העלדן זיינען דאָרטן אידיאָטן. „מיר דוכט, אַז ה' דאָסטאָיעווסקי האָט געאַרבעט אויסשליסלעך פאַר מיר, כדי איך זאָל קענען אין מיינע ליטעראַרישע קוריאָזן אַריינטראָגן נאָך מיט איין קוריאָז מער".

און ווידער פון דעם מין:

„ה' דאָסטאָיעווסקי ...רעדט פון וועג"; „ה' דאָסטאָיעווסקי אין זיין קרענקלעכן טאָגבוך... יעדן פאַלס ווערט אַזאַ טאָגבוך ניט געשריבן בשום־אופן מיטן מוח".

דערנאָך ווידער צוויי שפּאַלטן אָנפאַלן: „איך ווער רויט פון בושה פאַר אייער עבר, טוט תשובה, ה' דאָסטאָיעווסקי!"

אַנדערע שרייבערס, אויף וועלכע קאָוונער איז אָנגעפאַלן, האָבן אים געענטפערט מיט זידלערייען. קאָוונער פלעגט זיי אָפּענטפערן צוריק און

פלעגט זיך שפּירן דערבײַ העכסט צופֿרידן. דאָסטאָיעווסקי איז געווען דער אײנציקער וואָס האָט אים ניט געענטפֿערט. נאָר אײן מאָל האָט דאָסטאָיעווסקי זיך אָפּגערופֿן אין זײַן טאָגבוך כּלאַחר־יד:

„פֿאַראַן אַזעלכע קריטיקערס, וואָס עס איז אוממיגלעך זיי צו ענט־פֿערן... גיב נאָר אַ ריר דעם מוראַשניק, ביסטו אַ פֿאַרפֿאַלענער! איך זאָג אַגב, אַז זיי חלשן זיך אַנצוהייבן מיט מיר, איך האָב דאָס דערקענט לויט אַ סך סימנים".

דאָסטאָיעווסקי איז טאַקע געווען דער גרויסער פּסיכאָלאָג. ער האָט פֿאַרשטאַנען קאָוונערס צושטאַנד. ער האָט געוווּסט, אַז פֿאַר דעם ייִדישן יונגן־מאַן וואָס רײַסט זיך אין דער רוסישער ליטעראַטור אַרײַן איז אַ סך בעסער, אַז דאָסטאָיעווסקי זאָל אים זידלען (געזידלט ווערן פֿון דאָס־טאָיעווסקין איז אויך אַ מדרגה), איידער ער זאָל אים פֿאַרשווײַגן. דווקא דערפֿאַר האָט אים דאָסטאָיעווסקי ניט געוואָלט צו ליב טאָן. צי האָט קאָוונער זיך יעמאָלט דערמאָנט, אַז מיט פֿינף יאָר פֿריִער האָט ער אַליין כּמעט דאָס זעלבע געשריבן וועגן אײנעם האַלפּערינען וואָס האָט אים אַטאַקירט אין המליץ?

סוף־כּל־סוף האָט זיך קאָוונער יאָ דערשלאָגן צו אַ פּערזענלעכער פֿאַרבינדונג מיטן גרויסן שרײַבער — אָבער דאָס איז געווען שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען ניט קיין זשורנאַליסט, נאָר אַן אָרעמער אַרעס־טאַנט.

דערווײַל איז קאָוונער געווען צופֿרידן פֿון זיך, נאָר זײַן קאַסע איז ניט געווען אין אָרדענונג. ער איז געוואָרן אַלץ נעענטער צו דער פֿאַ־מיליע קאַנגיסער, און די גאַנצע פֿאַמיליע איז באַלד געווען אויף זײַן קאָפּ. איבערהויפּט האָט ער געמוזט זאָרגן פֿאַר סאָפֿיען; עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז געגריפֿן אויף די לונגען.

טאַטע־מאַמע אין ווילנע האָבן אויך אויסגעקוקט אויף הילף פֿון אים. ער האָט געדאַרפֿט אַ סך געלט, און די זשורנאַליסטישע אַרבעט האָט ניט געטראָגן אַזוי פֿיל ווי ער האָט געוואָלט. דערצו האָט ער געהאַט עפּעס קאָנפֿליקטן מיטן רעדאַקטאָר פֿון גאָלאָס. האָט ער באַשלאָסן צו געזעגענען זיך מיט דער צײַטונג. ער וועט דערווײַל זוכן עפּעס אַן אַנדער

פרנסה, און שפּעטער וועט ער זיך אומקערן צו דער ליטעראַטור נאָך מיט מער גלאַנץ.

ביי זאַקן אין באַנק

עס איז אים געראָטן צו קריגן אַ שטעלע פון אַ קאָרעספּאָנדענט אין אַ באַנק. אָקערשט האָט ער נאָך אין זיינע פעליעטאָנען געריסן שטיקער פון די פינאַנצלייט. איצט איז ער אַליין געגאַנגען ווערן אַ שרייפעלע אין דעם דאָזיקן מעכאַניזם וואָס האָט, לויט זיינע ווערטער, געצאַפּט דאָס בלוט פון פאָלק.

קאָן זיין, אַז אין באַנק, ווו מען האָט אים צוגענומען, האָט מען ניט געוווּסט וועגן זיין ליטעראַרישער פאַרגאַנגענהייט: ער פלעגט אונטער־שרייבן זיינע פעליעטאָנען אין גאָלאָס מיט איין אות, מיט אַ פּשוטן רוסישן „ר", און עס קאָן זיין פאַרקערט, אַז מען האָט יאָ געוווּסט, נאָר מען האָט אים דווקא געוואָלט „אָפּסמען". און עס קאָן זיין, אַז זאַק, דער דירעקטאָר פון באַנק, האָט געהאַט רחמנות אויף אַ ייִדישן יונגן־מאַן וואָס האָט זיך גענייטיקט אין פרנסה, האָט ער ניט שטאַרק איבערגעקלערט וועגן קאָוו־נערס „ליטעראַטור".

אַבראַם איסאַקאָוויטש זאַק איז געווען צווישן די אינטערעסאַנטסטע מענטשן אין דער פּעטערבורגער ייִדישער קהילה, איינער פון די חשוב־סטע פאָרשטייערס פון דער נייער ייִדישער גרויס־בורזשואַזיע בכלל.

ער האָט געשטאַמט פון באָברויסק פון אַ יִחוסדיקער משפּחה: זיינע יונגע יאָרן זיינען אַריבער אין בריסק, ווו ער האָט געלערנט. צו צוואַנציק יאָר איז ער אַוועק קיין אַדעס און געוואָרן דאָרט אַ בוכהאַלטער. אַרום 1860 איז ער געקומען קיין פּעטערבורג און געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער ביים באַראָן גינצבורג.

דאָ האָט ער זיך גענומען אַרויסרוקן ווי אַ גרויסער פינאַנציסט. צו פערציק יאָר איז ער געוואָרן דער דירעקטאָר פון דער „באַנק פאַר דיס־קאָנט און הלוואות": ער האָט געגרינדעט איינע פון די גרויסע אַסעקוראַ־ציע־געזעלשאַפטן, „ראָסיאַ"; ער איז געוואָרן איינער פון די גרעסטע באַן־פאָדריאַדטשיקעס אין רוסלאַנד.

אין די רעגירונגס־קרײַזן האָט מען שטאַרק געהאַלטן פֿון זײַנע פֿעי־קײטן, און די רוסישע פֿינאַנץ־מיניסטאָרן פֿלעגן זיך ווענדן צו אים נאָך עצות. מער ווי איין מאָל האָט ער אין פּאַריז דורכגעפֿירט גרויסע הלוואות פֿאַר רוסלאַנד. קײן שום אַנדער אויסבילדונג ווי פֿון דער ישיבה האָט ער ניט געהאַט, אָבער זײַן שכל און זײַן התמדה האָבן אים געמאַכט פֿאַר אַן ערשטקלאַסיקן ספּעציאַליסט אין באַנקעריי. אין אויסלאַנד האָט ער זיך באַוועגט פֿריי, וואָרעם ער האָט גאַנץ פֿליסיק גערעדט דײַטש, פֿראַנ־ציייז און ענגליש. און נאָך אַ ספּעציעלן שבח האָבן אויף אים געזאָגט אַלע וואָס האָבן אים געקענט: אַז אויף זײַנס אַ וואָרט קען מען בויען ווי אויף מויער..

ער איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פֿון קונסט. זײַן הויז, (בעסער וואָלט געווען צו זאָגן: פּאַלאַץ) אויף סערגיעווסקע גאַס, אין אַן אַריס־טאָקראַטישן טייל שטאָט, איז געווען אַזוי ווי אַ מוזיי; אויף זײַן קאָלעקציע בילדער האָט מען געזאָגט, אַז זי איז פֿון די רײַכסטע פּריוואַטע קאָלעקציעס אין פּעטערבורג.

זאַק האָט געפֿירט אײנעם פֿון די באַרימטע סאַלאָנען אין דער קרוינשטאָט. די ראַוטן זײַנע — בײַ די פּעטערבורגער אַריסטאָקראַטן האָט מען מיט אָט דעם אַ ביסל פֿאַרעלטערטן ענגלישן וואָרט אָנגערופֿן אַ גרויסן אָוונט־אויפֿנעם — האָבן געהאַט אַ שם. זאַק איז געווען אַ הייסער פֿרײַנד פֿון מוזיק און פֿון געזאַנג, און אַלע דאָנערשטאָג פֿלעגן פֿאָרקומען בײַ אים אין הויז קאָנצערטן פֿאַר פֿאַרבעטענע געסט פֿון דער הויכער געזעלשאַפֿט. די אַמבאַסאַדאָרן פֿון ענגלאַנד, פֿראַנקרײַך און דײַטשלאַנד פֿלעגן זיך דאָ באַגעגענען מיטן גראַף איגנאַטיעוו, מיטן בערלינער באַנ־קיר בלײַכרעדער און מיטן באַראָן גינצבורג, און מוזיקערס מיט אַן אינ־טערנאַציאָנאַלן נאָמען פֿלעגן געבן קאָנצערטן אָדער אויפֿשפּילן צום טאַנץ.

אַבראַם איסאַקאָוויטש האָט זײַן גאַנץ לעבן נאָך גערעדט רוסיש מיט אַ היפּשן ייִדישן אַקצענט, אָבער די אַריסטאָקראַטן זײַנען געקומען צו אים, און ער האָט געקוואָלן פֿון זיי. אָבער ער האָט זיך ניט אָפּגעריסן פֿון ייִדישע ענינים אַזוי ווי אַ סך אַנדערע אויפֿגעקומענע ייִדן.

ער איז געווען זייער רײַך, און ער האָט געהאַט אַ ברייטע האַנט. סמאָלענסקין האָט אין זײַן השחר איין מאָל געשריבן וועגן אים, אַז ער

צעטיילט יאָר־אויס יאָר־איין איבער זעכציק טויזנט רובל צו ייִדישע נויטבאַדערפטיקע, אויף סטיפּענדיעס פאַר סטודענטן און אַזוי ווייטער. אָן אַ צאָל טאַלענטירטע יונגע־לייט האָבן שטודירט אויף זיין חשבון אין רוסלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע. ווו נאָר אַ ייִדישער ענין איז מען געגאַנגען צו אַבראַם איסאַקאָוויטשן. די בילדונגס־חברה מפיצי־השכלה האָט אים געקאָסט אַ סך געלט (ער האָט זיך דאָרטן גערעכנט פאַרן וויצע־פּאָרזיצער). דער ראַזסוויעט, אַ רוסיש־ייִדישע צייטונג, האָט אים אָפּגעקאָסט איבער פינף און צוואַנציק טויזנט רובל; צעדערבוימען האָט ער אויף דעם המליץ אויך געגעבן געלט; די גאַנצע פּאַרטיידיקונג אין דעם גרויסן בלוט־בילבול אין קוטאַיִס, קאַווקאַז, האָט ער גענומען אויף זיין הוצאה.

וועגן מענטשן מיט אַזעלכע מעלות, וואָס האָט זיך מיט די אייגענע כוחות דערשלאָגן צו אַזאַ פּאָזיציע, איז קיין חידוש ניט, אַז ער איז אויך געווען אַ בעל־גאווה מיט דעספּאָטישע שטריכן. איין מאָל איז געקומען צו אַ היפּשן סקאַנדאַל. צוויי סטודענטן, מיטגלידער פון אַ פאַראיין „אַחות־ציון", זיינען געקומען צו אים פאַרקויפן בילעטן אויף אַ אָוונט וואָס מען האָט איינגעאָרדנט לטובת די קאָלאָניסטן אין ארץ־ישראל. ווען זאַק האָט געהערט, אויף וואָס די הכנסה פון אָוונט וועט גיין, האָט ער איינעם פון די יונגע־לייט אָנגענומען פאַרן קאָלנער און אים אַרויסגעפירט הינטער דער טיר. דער באַליידיקטער סטודענט האָט זאַקן אויף מאָרגן געפּאַטשט ביים אַריינגאַנג אין זיין באַנק, און דער פּאַטש האָט אָפּגעהילכט איבער פּעטערבורג.

זאַק איז ניט געווען געגליכן צו יענע ייִדישע גבירים וואָס קומען אָפּ מיט נדבות, און צו זיך אין געשעפט לאָזן זיי קיין ייִדן ניט אַריין. ביי אים אין באַנק זיינען געווען ביי דרייסיק ייִדישע אָנגעשטעלטע. צווישן זיי איז אַגב אויך געווען דער באַוווסטער רוסיש־ייִדישער שרייבער גריגאַרי באָגראָוו, דער מחבר פון די „פאַרצייכענונגען פון אַ ייִדן", וואָס זיין אייניקל האָט מיט פערציק יאָר שפּעטער דערשאָסן אין קיִעוו סטאָליפּינעז, דעם פּאָרזיצער פון רוסישן מיניסטאָרן־ראַט.

באָגראָוו טאַקע האָט קאָונערן געבראַכט צו זאַקן. קאָונערן איז שווער געווען צו גיין בעטן עפּעס ביי דעם גרויסן נגיד וואָס האָט ביי אים

געמוזט אויסקומען ווי אַ ריזנדיק פֿאַרגרעסערטע קאָפּיע פֿון דעם פּעטער מרדכי־לייזער, דעם שיינעם יידן פֿאַר קהל און דעם ביטערן פּייניקער פֿאַר דער משפּחה. אָבער ער איז געגאַנגען. דער אויסקוק צו קריגן אַ שטעלע ביי זאַקן אין באַנק האָט פֿאַר קאָוונערן געמיינט מער איידער נאָר די שכירות. קיין געלט האָט מען אים דערוויילע גאָרניט פֿאָרגעלייגט, מען האָט אים געהייסן אַרבעטן אַ צייט אומזיסט, ווי אַ וואָלונטיר אויף איינצו־לערנען זיך. אָבער די פּערספּעקטיוון זיינען געווען געוואַלדיקע. ערשטנס וועט דאָך זאַק באַלד דערזען, אַז דער נייער אָנגעשטעלטער איז ניט אַבי ווער: וועט ער אים שוין באַשטימען שכירות ווי עס געהער צו זיין. וויי־טער וועט ער, קאָוונער, אין זאַקס סאַלאָן זיך צונויפטרעפן מיט די גרעסטע לייט. ער וועט זיך דאָרטן אויך באַלד אויסצייכענען, און ווער ווייסט, ווי וויט ער וועט אָנשפּאַרן אין דער ליטעראַרישער, קינסטלערישער און פּאָליטישער וועלט...

די אַלע אויסזיכטן האָט קאָוונער איבערגערעדט מיט זיין סאָפיען און איר מאַמען. זיי האָבן בלינד געגלייבט אין אים, אין דעם מלאָך וואָס האָט זיי אַרויסגעריסן פֿון נויט און יאוש. איז ער געוואָרן נאָך פֿעסטער ביי זיך. און דעריבער איז געווען נאָך גרעסער זיין אַנטוישונג בשעת פֿון אַלע הויך פֿליִענדיקע פּלענער האָט זיך אויסגעלאָזן אַ טייך.

זאַק איז טאַקע געווען דער גרויסער געבער, אָבער אויף קאָוונערן האָט ער זיך אַפילו ניט אומגעקוקט. קיין שום הנחות האָט מען פֿאַר דעם נייעם אָנגעשטעלטן ניט געמאַכט. ער האָט געדאַרפֿט קומען צו דער אַר־בעט אין דער פֿרי, מיט אַלעמען צו גלייך, און בלייבן שרייבן בריוו ביז דער לעצטער מינוט. קיינעם איז ניט געלעגן אין זינען, אַז די בריוו וועגן וועקסלען און טשעקן זיינען פֿאַר קאָוונערן נודנע, אַז ער טראַכט גאָר וועגן שרייבן קריטיק און בעלעטריסטיק.

נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעאַרבעט אַ צייט אָן געצאָלט, האָט מען אים באַשטימט אַ געהאַלט פֿון פֿופֿציק רובל אַ חודש. פֿאַר אַ יונגן־מאַן מיט באַשיידענע השגות וואָס זיין ציל איז צו בלייבן אין באַנקפֿאַך, וואָלט דאָס ניט געווען אַזוי ווינציק. אָבער קאָוונערן איז דאָס אויסגעקומען ווי אויף איין צאָן; ער האָט געדאַרפֿט פֿאַר זיך, ער האָט געדאַרפֿט פֿאַר סאָ־פֿיען, ער האָט געדאַרפֿט פֿאַרן טאַטן, ער האָט געדאַרפֿט פֿאַר זיינע קינדער

אין ווילנע, און וועגן פאַרבעטן קאָוונערן צו זיך אַהיים אויף אַ דאָ־נערשטאָג, האָט זאַק אַזוי געקלערט, ווי ער האָט געקלערט וועגן נעמען זיין קוטשער פאַר אַן אײדעם. קוים וואָס ער פלעגט ענטפערן אויף קאָוו־נערס באַגריסונג בשעת ער פלעגט דורכגיין דורכן צימער פון די קאָרעס־פּאָנדענטן. ער פלעגט אים אַפילו די האַנט ניט געבן, און לויט די אייראָ־פּעישע מינהגים איז דאָס ממש אַ באַליידיקונג. וואָס איז פאַר אים, דעם מיליאָנער, געווען קאָוונער? אַ פּראָווינציעלער ייִדישער יונגער־מאַן אַ קבצן, ווילסט אַ שטעלע, טאָ אַרבעט ווי אַ מענטש און האָב ניט קיין פליגן אין נאָז!

דער אויסטערלישער באַשלוס: פאַרברעך לשם מיצווה

סוף יאָר, בשעת מען פלעגט אַ סך אָנגעשטעלטע אין די בענק העכערן די שכירות, האָט קאָוונער פאַרבויגן זיין כבוד און אָנגעשריבן צו זאַקן אַ בריוו. ער האָט געשילדערט דעם דירעקטאָר פון באַנק זיין שווערע סיטואַציע און זיינע פאַרפליכטונגען און געבעטן צו באַשטימען אים טויזנט רובל אַ יאָר שכירות. דער עיקר האָט ער געבעטן, אַז די באַנק זאָל אָפּשליסן מיט אים אַ קאָנטראַקט אויף אַ לענגערער צייט, כדי דער חלף פון אַרבעטסלאָזיקייט זאָל אים ניט זיין כסדר אויפן האַלדז.

קאָוונערס ביטע איז ניט באַפרידיקט געוואָרן. מען האָט אים גע־העכערט, אָבער ניט קיין סך. די לאַגע ביי די קאָנגיסערס אין שטוב איז געוואָרן ערגער. סאָפיע האָט קוים געקענט כאַפּן דעם אָטעם. קאָוונער האָט געדונגען פאַר איר אַ דאַטשע און איר געגעבן נאָך געלט.

דאָרטן אויף דאַטשע האָט סאָפיע דאָס ערשטע מאָל געגומען ריידן וועגן חתונה האָבן פאָרמעל. דריי יאָר איז מען שוין געווען אַזוי חתן־כלה — מען האָט זיך געדאַרפט דעררריידן. קאָוונער האָט איר געענטפערט, אַז ער איז דאָך אין גאַנצן אָן אַן אָנשפּאַר. היינט האָט ער ברויט, און מאָרגן קען זאַק אים הייסן גיין. ער האָט דערציילט, אַז אין באַנק טשעפּעט מען זיך צו אים, אַז אָט־אָט קען מען אים אָפּזאָגן פון דער אַרבעט, און יעמאָלט קען אים נאָך אויסקומען צו פאַרלאָזן פּעטערבורג.

ווי נאָר ער האָט דאָס דערמאָנט, האָט ער שפּעטער איבער־געגעבן,

האָט דאָס מיידל אויסגערופן: „איך קאָן אָן דיר ניט לעבן!“ און איז געפאַלן אין חלשות.

קאָוונער האָט געזען, אַז דאָס איז ניט קיין אָנשטעל, אַז דאָס איז אַלץ פון גרויס צוגעבונדנקייט צו אים. ער האָט זי אויך ליב געהאַט. און הילפלאָז איז זי אויך געווען. עס איז ביי אים געבליבן, אַז ער וועט טאַקע שטעלן חופה, זאָל זיין וואָס עס וויל.

כל־זמן אַ מענטש לעבט, האָפט ער נאָך. און אַזוי האָט אויך קאָוונער געהאָפט, אַז צום נייעם יאָר 1875 וועט פאָרט ווערן בעסער: אין באַנק וועט מען אים העכערן ווי ס׳געהער צו זיין. אָבער אין דער זעלבער צייט האָבן אים שוין געעגבערט אַנדערע געדאַנקען. ווו איז דער יושר, אַז זאַק זאָל פאַרדינען טויזנט רובל אַ טאָג און אים אַפילו קיין טויזנט רובל אַ יאָר ניט וועלן צאָלן? ווער האָט אַזוי איינגעשטעלט, אַז זאַק קאָן אין טיפן פראָסטיקן ווינטער מכבד זיין זיינע געסט מיט קאַרשן וואָס קאָסטן דרייסיק קאָפּיקעס אַ שטיק, און זיין סאָפּיע זאָל זיך ניט קאָנען פאַרגינען אַן איבעריקן לויט פוטער?

און ער, וואָס ער האָט זיך פון רודניצקער גאַס דערשלאָגן צו דער פעטערבורגער רוסישער ליטעראַרישער וועלט, וואָלט דאָך געקענט דער־גרייכן די ליטעראַרישע שפּיצן, ווען די נעבעכדיקע פאָר צענדלינג רובל אַ חודש זאָלן אים ניט צווינגען אָפּצופינצטערן חדשים און יאָרן ביי זאַקן אין באַנק...

ער מיט זיין טאַלענט ווערט דאָ פאַרדאַרט, און זאַק שטאָפּט זיך דערווייל אָן מיט געלט און געניסט פון לעבן, אַז עס רינט איבער דער באָרד. דאָס איז דין און יושר? ניין, עס קען ניט זיין!! די דינים קענען גילטן נאָר פאַר מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר, אָבער ניט פאַר אויסערגע־וויינטלעכע פערזענלעכקייטן. ווי האָט געזאָגט ראַסקאָלניקאָוו אין דאָסטאָ־יעווסקיס „פאַרברעך און שטראָף“:

„אַן אומגעוויינטלעכער מענטש איז באַרעכטיקט אַריבערצוטרעטן איבער געוויסע שטערונגען, אויב נאָר דאָס איז נייטיק, כדי זיין אידעע זאָל מקוים ווערן!“

דאָסטאָיעווסקיס ראָמאַן „פאַרברעך און שטראָף“ האָט זיך געדרוקט בשעת קאָוונער איז נאָך געווען אין אַדעס, און צוזאַמען מיט אַלע באַוווסט־

זיניקע מענטשן אין רוסלאַנד האָט ער דעמאָלט געשלונגען דאָס נייע ווערק, ניט קענענדיק זיך דערוואַרטן פון איין המשך אויף דעם צווייטן אין די חודשדיקע העפטן פון רוסקי וויעסטניק.

אין דער צייט וועגן ער האָט נאָך געהאַלטן אין אַרבעטן אויף דעם ווערק און נאָך איבערפּלאַנירט איינציקע טיילן האָט דאָסטאָיעווסקי אין אַ בריוו צו אַ גוטן־פריינד אַזוי כאַראַקטעריזירט דעם אינהאַלט פון דעם ראָמאַן:

„...אַ יונגער־מאַן פון קליינבירגערלעכן אָפּשטאַם [ראַסקאָלניקאָוו], וואָס פון אוניווערסיטעט האָט מען אים געהייסן גיין, לעבט אין ביטערער דחקות. ער ווערט פאַרכאַפּט פון עפּעס מאָדנע „אומצייטיקע אידעעס וואָס טראָגן זיך אין דער לופטן, און מתוך זיין לייכטזיניקייט און דער וואַקל־דיקייט פון זיינע בליקן באַשליסט ער צו באַפרייען זיך מיט איין קלאַפּ פון זיין ביזאיצטיקן נעבעכדיקן מעמד. ער נעמט זיך פיר... צו טייטן אַן אַלטע פרוי וואָס לייט אויס געלט אויף פּראָצענט... „זי טויג צו גאָרניט״, „צו וואָס לעבט זי אויף דער וועלט?״, „צי ניצט זי בכלל עמעצן?״ — אַזוינע און ענלעכע פראַגעס צעטומלען דעם יונגן־מאַן; ער באַשליסט פעסט צו דערהרגענען און באַרויבן זי, כדי גליקלעך צו מאַכן זיין מוטער וואָס וווינט אויף דער פּראָווינץ, צו באַפרייען... זיין שוועסטער... פון שמוציקע פאָדערונגען וואָס שטעלן אין סכנה דאָס גאַנצע וויטערדיקע לעבן אירס, און ער אַליין וועט ענדיקן דעם אוניווערסיטעט און דערנאָך אַוועק אין אויסלאַנד, כדי דערנאָך צו בלייבן אויפן גאַנצן לעבן אַן אָרנטלעכער פעסטער מענטש, אויסגעהאַלטן אין טאָן זיינע הומאַניסטישע פליכטן; דורך דעם וועט געווינטלעך אויסגעקויפט ווערן די שולד, אויב וויפל מען קען בכלל רופן אָט דעם אַקט... אַ פאַרברעך״.

נאָך טיפער איז געוואָרן דער אינטערעס פון דער גאַנצער יוגנט צום ראָמאַן, בשעת דער גרויסער פּיסאַרעוו, דער אָפּגאָט פון די ראַדי־קאַלן, האָט אין זשורנאַל דיעלאָ געגעבן זיין פּירוש אויף ראַסקאָלניקאָווס כאַראַקטער.

פּיסאַרעוו איז געווען קעגן דעם, וואָס ראַסקאָלניקאָוו האָט דערהרגעט די אַלטע פּראָצענטניצע, כדי מיט איר געלט צו ראַטעווען די אומגליק־לעכע סאָניעטשקע מאַרמעלאַדאָוואַ. אָבער בשום אופן האָט פּיסאַרעוו

ניט איינגעשטימט, אַז דער מערדער ראַסקאָלניקאָוו איז סתם אַן אויס־וואָרף. ראַסקאָלניקאָוו, האָט ער אויפגעוויזן, האָט אַ שאַרפן שכל און אַ הויך מאָראַליש געפיל. דאָס וואָס ראַסקאָלניקאָוו איז געוואָרן אַ מערדער, איז ניט ער שולדיק, נאָר די אומשטענדן: די שרעקלעכע אָרעמקייט האָט אָנגעצונדן זיין פאַנטאַזיע און אים געמאַכט אויסשטרעקן די האַנט אויף דער אַלטער פראָצענטניצע.

ווען קאָוונער האָט דאָס געלייענט און דיסקוטירט מיט חברים, איז ער געווען פאַרקאָכט. אָבער סוף־כל־סוף איז עס געווען פאַר אים ניט מער ווי ליטעראַטור. שפעטער זיינען די איינדרוקן פאַרדעקט געוואָרן מיט נייע, און גאָר צו לעצט האָט ער זיך דאָך גאָר געריסן אין אַ קריג מיט דאָסטאָיעווסקין. אָבער איצטער, ווען זיין סיטואַציע איז געוואָרן ענלעכער צו ראַסקאָלניקאָווס, ווען לעבן אים איז אויך געווען אַן אומגליק־לעכע סאָניעטשקע, ווען פאַר זיינע אויגן האָט זיך געפאַשעט אַ גאָלדן קאַלב און ער אַליין איז אויסגעגאַנגען נאָך אַ גראָשן — צי איז אַ חידוש, אַז ער האָט אַליין גענומען אויף זיך אָנמעסטן ראַסקאָלניקאָווס ראָלע?

צום אָנהייב האָט ער זיך פשוט געשפילט מיט דעם געדאַנק. ער זיצט אַליין אין אַ גרויסן ים מיט גאָלד: זאָל פאַר אים ניט קלעקן קיין טרונק?

אָבער זאַק איז ניט געווען פון די מענטשן וואָס שענקען עפעס. דער עלטסטער קאָרעספאָנדענט אין באַנק האָט היינט ווייטער געמאַכט קאָוו־נערן אַ שטרענגע באַמערקונג: ער שפירט ניט, דער גראָבער־יונג, אַז ער איז ניט ווערט קאָוונערס מינדסטן נאָגל. סאָפיע דאַרף האָבן קוראַציע...

ראַסקאָלניקאָוו האָט געוווסט וואָס צו טאָן... דאָ אין באַנק וואָלט מען אַפילו קיין בלוט ניט געדאַרפט פאַרגיסן, מען וואָלט געקענט דאָס אָפמאַכן אויף אַ גרינגערן אופן...

בעסער וואָלט פון דעסט וועגן געווען אָן דעם, אפשר וועט צו ניי־יאָר פאַרט זיין אַ העכערונג...

די העכערונג וואָס איז געקומען איז ווידער געווען אַ נישטיקע. דאָס איז ניט געווען קיין שום אויסוועג פון דער סיטואַציע. און אַזוי האָט קאָוונער אין אַפריל 1875, מיט דער הילף פון זיין פעטער הערץ באָיאַרין, געפרוווט אויסנאַרן די סומע פון הונדערט אַכט און זעכציק טויזנט רובל ביי אַ מאָסקווער באַנק.

די גנבה און דער אַרעסט

דעם 27טן אַפּריל 1875 איז אין „סוחרים־באַנק" אין מאָסקווע אַריינגעקומען אַ ייד פון אַ יאָר פינף און פערציק מיט אַ רויטלעך־גרויליקער באָרד און פּרעזענטירט אַן אָנווייזונג אויף 168.000 רובל, אַרויסגעגעבן אויפן נאָמען הערץ באַיאַריך, פון דער פּעטערבורגער „באַנק פאַר דיסקאָנט און הלוואות". דאָס איז ער טאַקע אַליין, הערץ באַיאַריך, האָט געזאָגט דער אומבאַקאַנטער און געוויזן זיין פּאַס.

אין באַנק איז נאָך ניט געווען אָנגעקומען קיין מעלדונג פון פּעטערבורג וועגן דעם, אַז די דאָזיקע סומע דאַרף אויסגעצאָלט ווערן; האָט מען געבעטן באַיאַרינען קומען אויף מאָרגן. אויף מאָרגן אין דער פרי איז ער געקומען, און עס איז שוין טאַקע געווען דער נויטיקער בריוו פון פּעטערבורג. מען האָט דעריבער באַיאַרינען אָן שום קווינקלענישן אויסגעצאָלט דאָס גאַנצע געלט פון דער אָנווייזונג. גלייכצייטיק האָט מען, ווי דער שטייגער איז געווען, אַוועקגעשריבן קיין פּעטערבורג צו זאַקס באַנק, אַז דער טשעק נומער דער און דער איז אויסגעצאָלט געוואָרן.

די געשיכטע איז געווען צוגעקלערט געשייט. די מעלדונג פון פּעטערבורג, אַז מען זאָל דאָס געלט אויסצאָלן באַיאַרינען, איז געווען געשריבן מיטן זעלביקן כתב ווי אַלע בריוו וואָס פלעגן אָנקומען אין מאָסקווער סוחרים־באַנק פון פּעטערבורגער באַנק פאַר דיסקאָנט און הלוואות; אין יענע צייטן, ווען עס זיינען נאָך קיין שרייבמאַשינען ניט געווען, האָט מען אַלע בריוו געשריבן מיט דער האַנט, און קאָוונער איז דאָך דאָרטן געווען דער קאָרעספּאָנדענט. עס קאָן זיין, אַז דערפאַר האָט ער אויסגעקליבן דווקא דער באַנק אין מאָסקווע, ווייל ער האָט שוין אַ לאַנגע צייט געפירט מיט איר די קאָרעספּאָנדענץ. אַ ספּעציעלער איינפאַל איז געווען, וואָס קאָוונער האָט אין זעלביקן בריוו געשריבן נאָך וועגן פאַרשיידענע אַנדערע געשעפטן וואָס זיינען געגאַנגען צווישן ביידע בענק — ווו האָט דאָ געקענט זיין אַ חשד?

זאַקס אונטערשריפט אויף דעם טשעק, ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז געווען נאָכגעמאַכט מיט קאָוונערס האַנט. אָבער ער האָט עס געמאַכט מעשה בריה, און ווען ער אַליין וואָלט דאָס ניט אויסגעזאָגט אין זיין געזעגן־בריוו צו זאַקן, וואָלט מען דעם דירעקטאָרס אונ־

טערשריפט אָנגענומען פאַר עכט און ער וואָלט במחילה געמוזט דעקן דעם היזק. פאַר וואָס קאָוונער האָט אין דער לעצטער מינוט באַשלאָסן, אַז בעסער זאָל ליידן אַ פרעמדע באַנק, איז אוממיגלעך צו פאַרשטיין.

אָפּגענומען דאָס געלט האָט באַיאַרין אין מאָסקווער סוחרים־באַנק מיט אַן אויסרעכענונג, אַז בשעת מאָסקווע וועט שיקן די באַשטעטיקונג אויף דער אויסגעצאָלטער סומע, זאָל דער בריוו אַריינפאַלן אין פעטער־בורג זונטאָג, וועט מען אים ערשט עפענען מאָנטאָג, וועט מען געווינען נאָך אַ טאָג.

דער ערשטער אַקט איז געווען געענדיקט, און אַלץ איז געראָטן. איצט האָט באַיאַרין זיך מיט קאָוונערן און זיין כלה געדאַרפט באַגעגענען אין מאָסקווע, ווי ס'איז געווען אָפּגערעדט.

אַלץ איז געגאַנגען נאָכן פּלאַן. סאָפיע האָט ניט געוווּסט, וואָס מען גייט דאָ אָפּטאָן. קאָוונער דערציילט אַז ער האָט איר נאָר געזאָגט, אַז זיי מוזן אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע און דאָרטן וועלן זיי חתונה האָבן: און זי האָט אים געענטפערט: „אַבי מיט דיר צוזאַמען, איז ניט נאָר קיין אַמעריקע, נאָר אויף עק וועלט!"

אַזוי זיינען זיי דאָס אָנגעקומען אין מאָסקווע און מען האָט געמאַכט די חלוקה. הערץ באַיאַרין האָט באַקומען פאַר זיין טירחה פינף און פער־ציק טויזנט רובל און איז ווי אין וואַסער אַריין. זיי האָבן אָפּגערעדט, אַז עס וועט זיין בעסער, אַז איינער וועט ניט וויסן פון צווייטן.

וואָלט קאָוונער געווען אַ גלייכער מענטש, וואָלט ער מסתמא אויך געקענט באַוויזן צו אַנטלויפן, פונקט אַזוי ווי באַיאַרין. אָבער ער איז געווען אַ מענטש מיט קונצן. פאַר וואָס האָט ער אויסגעמאַכט די אָנווייזונג דווקא אויף הונדערט מיט אַכט און זעכציק טויזנט רובל? ווייל ער האָט אויסגערעכנט, אַז דאָס איז פונקט דריי פּראָצענט פון יאָריקן פּראָפיט פון באַנק, און דריי פּראָצענט וועט ביי זיי קיין ווערדע ניט האָבן. אין אים איז געווען עפּעס פון אַן אַקטיאָר אויף דער בינע. דעריבער האָט ער ניט געקענט סתם נעלם ווערן, ער האָט זיך נאָך געמוזט אָפּרעכענען מיט זאַקן. ער האָט אים פאַרן אַוועקפאָרן פון מאָסקווע אָנגעשריבן אַ בייזן בריוו, וואָס האָט זיך געלייענט אַזוי:

„איך האָב דערלעבט אין אייך אַ נקמה. איך האָב אייך ניט געוואָלט רוינירן, צו נישט מאַכן אייך; איך האָב געגאַרט צו זען אייער שאַנד, אייער דערנידעריקונג, אייער פאַרדראָס, און דאָס האָב איך דערגרייכט אין גאַנצן. איך האָב געקענט מאַכן, אַז איר זאָלט דאַרפן באַצאָלן דאָס געלט וואָס איך האָב צוגערויבט; איר וואָלט דאָך אונטערגעשריבן אַלצדינג וואָס איך וואָלט אייך אונטערגעטראָגן, אַזוי ווי איר פלעגט עס טאָן אַלע מאָל. אָבער איצטער מעגט איר זיין רויק — אייער קעשענע האָב איך ניט אָנגערירט, פאַר מיין זינד וועלן באַצאָלן אַנדערע, איר שטייט אין אַ זייט, ניט איר האָט אונטערגעשריבן דעם פאַטאַלן בריוו...

„נאָר צי איז אייך גרינגער דערפון? איך מיין, אַז ניט.

„איצטער וועל איך אייך דערקלערן דעם מאָטיוו וואָס האָט מיך געבראַכט צו טאָן דאָס וואָס איך האָב געטאָן. נאָר אויסשליסלעך איר זייט דערין שולדיק, מער קיינער ניט! אין גרונט הארצן בין איך אַן אָרנטלעכער מאַן, קיין מאָל האָב איך ניט באַגאַנגען אַזוינס וואָס איז ענלעך אויף אַ פאַרברעך.

„ווען איך האָב זיך דערנידעריקט אַזוי ווייט, אַז איך זאָל בעטן ביי אייך אַ שטעלע, האָב איך געמיינט, אַז איר וועט וויסן דעם אונטערשייד צווישן אַ פּראָסטן האַרעפּאַשניק וואָס ווייסט גאָרניט אַחוץ זיין שרייב־טישל און אַ מענטש ווי איך, וואָס ער שטייט אויף דער הייך פון דער אייראָפּעיִשער בילדונג. נאָר איר האָט ניט געלייגט קיין אַכט דערויף, בין איך געוואָרן אייערער אַ פערזענלעכער שונא.

„איך האָב אייך ניט געקענט מוחל זיין, וואָס איר האָט מיר באַ־שטימט אַזעלכע נישטיקע שכירות, אין דער צייט ווען איר האָט גוט געוווּסט, אַז איך האָב אַ פאַמיליע און אָרעמע עלטערן. איך האָב אייך ניט געקענט מוחל זיין, אַז איר צאָלט מיר דאָס אייגענע וואָס עס באַקו־מען טעמפּע עם־האַרצישע יינגלעך, אַז איר האָט ניט באַוויליקט צו ווענדן אויף מיר אייער אויפמערקזאַמקייט. האָב איך גענומען טראַכטן וועגן נקמה...

„איך האָב באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין אין אייך — און איך האָב זיך נוקם געווען! — איר וועט איצטער זיין צו לייטישן געלעכטער, און איך טריומפיר. ווען איך זע, אַז אַזאַ עקלדיקער עגאָיִסט ווי איר, אַ מענטש

אַן נשמה, אַ בעל־גאווה, אַן עם־הארץ וואָס איז אָפּגעריסן פון פאָלק און פון דער מענטשהייט, אַ האַלב משוגענער ייִדל, איז באַדעקט מיט שאַנד און אַראָפּגעוואָרפן פון זיין איינגערעדטער הייך, איז דאָס אַן אמתער טריומף פאַר אַ סך ערלעכע דענקענדיקע מענטשן.

„איך וואָלט געקענט אויסקערן אויף אויסנווייניק אייער גאַנץ נישטיק נשמהלע און אויפדעקן איר נאַקעטקייט פאַר אייערע אויגן. איך וואָלט געקענט אייך אָנצייכענען דאָס אמתע בילד פון אייער גאַנצן קאָמישן מהות, מיט אַלע אייערע פּאַסקודנע, אָפּשטויסנדיקע אינסטינקטן, נאָר ס'איז אַ שאָד די מי.

„איך וועל נאָר צוגעבן, אַז אַלע וואָס רינגלען אייך אַרום זיינען ליגנערס. אַלע פאַראַכטן אייך פונקט אַזוי ווי איך און לאַכן פון אייך הינטער די אויגן. זיי מאַכן אייך טאַנצן לויט זייער פייפל. זיי פירן אייך פאַר דער נאָז און ווייסן, וואָס איר זייט ווערט...

„צום סוף נאָך איין וואָרט: ריכט זיך ניט, אַז איך וועל אַריינפאַלן. צי מיר וועט געראָטן אָדער ניט געראָטן אַריבערצופאָרן קיין אַמעריקע, נאָר לעבעדיקערהייט וועל איך זיך ניט אונטערגעבן, און אייך וועט יעדן פאַלס אויסגיין שלעכט".

מיט פאַראַכטונג,

אַ. קאָוונער".

דער פעטער האָט געהאַט מיטגעבראַכט קאָוונערן אַ פּאַס אויפן נאָמען ברוך סאָלאָוויטשיק. מיט דעם דאָזיקן פּאַס האָט קאָוונער זיך געלאָזט אין וועג אַריין. וואָס האָט אים געטויגט צו פאָרן קיין קיִעוו אַנשטאָט צו ראַטעווען זיך מיטן קירצסטן וועג קיין אויסלאַנד? עס איז אַ סברא, אַז זיין גוט האַרץ און זיין ליבע האָבן אים אַריינגעבראַכט אין אומגליק. ער האָט געהערט, אַז אין קיִעוו איז פאַראַן אַ פּראָפעסאָר, אַ גרויסער ספּעציאַליסט אויף לונגען־קראַנקייטן; האָט ער באַשלאָסן צו גיין צו אים מיט זיין סאָפיען.

אויף דער סטאַנציע קראַסנע, ווו דער צוג איז געשטאַנען אַ שטיקל צייט, איז קאָוונער אַרויס פון וואַגאָן, צונויפגערופן אַ מנין ייִדן און דאָ באַלד אויפן אָרט אָפּגעזאָגט דעם „הרי את" מיט זיין כלה. דערנאָך האָט זיך דאָס פּאָר־פאָלק אַריינגעזעצט צוריק אין וואַגאָן און אָפּגעפאָרן.

קאָונער האָט דאָ גענומען מאַכן דאָס זעלביקע דריידל (ווי מיט דרייצן יאָר פריִער, בשעת ער איז אַנטלאָפן קיין קיִעוו פון זיין ערשטער ווייב). ער האָט געוואָלט פאַרווישן די שפורן. איז ער דערפאָרן ביז אָרשע, און פון אָרשע געגומען אַ פור קיין מאָהילעוו אַנשטאָט צו פאָרן גלייך מיט דער באַן. אָבער דאָ האָט ער, ווידער אַ מאָל פון ליבשאַפט צו זיין סאָפיען, אָפגעטאָן אַ זאַך וואָס האָט אים באַגראָבן.

אין מאָהילעוו איז ער אַריין אין אַ באַנקקאַנטאָר און זיך געהייסן געבן פאַר צען טויזנט רובל ווערטפאַפירן. ווען ער איז אַרויס פון באַנק האָט ער דאָס אָפגעגעבן סאָפיען און איר געזאָגט: „נעם דאָס צו און באַהאַלט עס, מאַלע וואָס עס קען זיך מאַכן".

פאַר די ווערטפאַפירן האָט קאָונער באַצאָלט מזומנים, און דעריבער איז מען זייער גערן געווען אים צו פאַרקויפן. נאָר איין קליייניקייט: מען האָט אים געפרעגט זיין נאָמען. ער האָט געענטפערט, אַז זיין נאָמען איז ברוך סאָלאָווייטשיק.

קיין שום ברוך סאָלאָווייטשיק האָט מען אין מאָהילעוו ניט געקענט; האָט מען פון באַנק געגעבן צו וויסן ווו מען דאַרף. האָט די פּעטערבורגער געהיים־פּאָליציי אויף מאָרגן פונאַנדערגעשיקט טעלעגראַמען איבער גאַנץ רוסלאַנד, צו זוכן אַ מענטשן מיט דעם נאָמען; מען האָט זיך שוין אָנגעשטויסן ווער דאָס קען זיין.

אַזאַ פאַראָרדענונג איז אויך אָנגעקומען אין קיִעוו. דעם 8טן מיי אין דער פרי איז געקומען אין פּאָליציי אַ מענטש פון „גראַנד־האָטעל", געבראַכט ידיעות וועגן אַלע אָנגעקומענע און אַרויסגעפאָרענע און איבערגעגעבן, אַז ס'איז צו זיי פאַרפאָרן איינער סאָלאָווייטשיק, נאָר ער האָט נאָך זיין פּאַס צום איינמעלדן ניט דערלאַנגט. האָט מען תיכף איבערגעגעבן אַ דעטעקטיוו, ער זאָל צופאָרן צום האָטעל און ניט דערלאָזן, אַז דער פאַרדעכטיקטער פאַרשוין זאָל מאַכן פליטה. גלייכצייטיק איז דער פּאָליציימייסטער אַוועקגעפאָרן נאָכן אויספאָרש־ריכטער, און זיי זיינען צוזאַמען געקומען אין גראַנד־האָטעל.

דער אויספאָרש־ריכטער האָט געפרעגט ביי סאָלאָווייטשיקן צי איז ער ניט אַלבערט קאָונער און צי האָט ער עפּעס אַ שייכות צו דער גע־

פעלשטער אָנווייזונג. דער פֿאַרדעכטיקטער האָט געלייקנט. דערויף האָט אים דער אויספֿאָרשער געזאָגט:

— מיר וועלן איך באַזוכן.

סאָלאָווייטשיק האָט זיך אַפילו ניט געפּרוּווט שטעלן אַנטקעגן. ער האָט נאָר געבעטן אַ דערלויבעניש אַריינצוגיין אין דערבייַיקן שלאָף־צימער, ווייל ער דאַרף דאָרטן אָנטאָן עפּעס. ער איז אַרויס, דער אויס־פֿאָרשער נאָך אים. סאָפֿיע קאָנגיסער איז מיטן פּאָליציימייסטער און מיט עטלעכע פּאָליציאַנטן געבליבן אין ערשטן צימער.

דער כלומרשטער סאָלאָווייטשיק איז צוגעגאַנגען צו דער בעט און געמאַכט זיך זוכנדיק עפּעס. דערביי האָט ער געזאָגט צום אויספֿאָרשער:

— עס איז אמת, איך בין אַלבערט קאָוונער, און איך האָב ביי זיך דאָס געלט. נאָר איך בעט אייך: שאָנעוועט זי. זי איז אין גאַנצן אומשולדיק.

דער אויספֿאָרשער האָט זיך אַ קער געטאָן צו דער טיר, כדי צו דערציילן דעם פּאָליציימייסטער, אַז דער פֿאַרדעכטיקטער האָט זיך מודה געווען. אין דעם מאָמענט האָבן זיך פֿון בעט דערהערט שאָסן. דאָס האָט קאָוונער אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער און דריי מאָל אויסגעשאָסן אין זיך. צוויי שאָסן האָבן זיך פֿאַרהאַקט, דער דריטער האָט געטראָפֿן אין קאָפּ.

מען איז געלאָפֿן נאָך אַ דאָקטאָר. קאָוונערן האָט מען דערווייל אַוועק־געלייגט אויף דער בעט. ער האָט אַלץ גערעדט זיינס: „שאָנעוועט זי, זי איז גאָרניט שולדיק. דאָס האָב איך זי אומגליקלעך געמאַכט, איך אַליין בין שולדיק... סאָראַ פֿאַרדראָס: דריי שאָסן און קיין איינער קיין רעכטער; איך וויל ניט לעבן, איך קען ניט לעבן! שאָנעוועט זי!“

ער איז אָבער יאָ געבליבן לעבן, די ווונד איז געווען אַ לייכטע. מען האָט אים באַזוכט און געפֿונען ביי אים הונדערט מיט צען טויזנט רובל אין מזומנים, ווייטער פֿאַרשיידענע צירונג וואָס ער האָט שוין אָנגע־קויפֿט פֿאַר זיין סאָפֿיען אין קיִעוו און נאָך ניט באַוויזן איר אָוועקצוגעבן. ביי איר אין קלייד האָט מען געפֿונען פֿאַרנייט די ווערטפּאַפּירן וואָס ער האָט געקויפֿט אין מאָהילעוו.

דאָס געלט האָט מען צוגענומען און אָפּגעשיקט קיין מאָסקווע צו דער באַנק, ביי וועלכער קאָוונער האָט דאָס געהאַט אויסגעשווינדלט.

קאָונערן צוזאַמען מיט סאָפיע קאַנגיסערן האָט מען אָפּגעשיקט קיין מאָס־קווע און זיי איינגעזעצט אין דער באַוווסטער טורמע „בוטירקי״.

דעם 16טן סעפּטעמבער 1875 האָט זיך אין מאָסקווער קרייזגעריכט אָנגעהויבן דער מישפּט.

דער פּראָצעס. — אין טורמע

עס איז קיין וווּנדער ניט, וואָס אַלע מאָסקווער צייטונגען האָבן גע־בראַכט גאַנצע שפּאַלטן מיט באַריכטן פון קאָונערס פּראָצעס. און וואָס איז דער חידוש, וואָס די פּעטערבורגער צייטונגען און אַלע גרעסערע צייטונגען אין דער פּראָווינץ האָבן איבערגעדרוקט די דאָזיקע באַריכטן? וואָס איז דער חידוש, וואָס דער העברעיִשער המגיד, געוויס ניט קיין געלע צייטונג וואָס האָט זיך געיאָגט נאָך סענסאַציעס, האָט געשריבן וועגן דעם פּראָצעס אין גאַנצע זיבן נומערן?

שיִער ניט אַלע ייִדן פון מאָסקווע, דערציילט אַ קאָרעספּאָנדענט, זיינען איבערגעווען אין זאַל פון געריכט ווען מען האָט געמישפּט קאָוו־נערן. דער שפּעטערדיקער באַרימטער מאָסקווער רב יעקב מזא״ה דער־ציילט אין זיינע זכרונות, אַז אין מאָהילעוו האָבן זיך ייִדישע יונגע־לייט אַזוי געקאָכט וועגן דעם ענין קאָונער, אַז זיי האָבן איינגעאָרדנט אַ מין „געזעלשאַפטלעכן מישפּט״ איבער אים, און מען האָט זיך געוואָקלט צווישן יאָ און ניין, צי ער האָט געהאַט אַ רעכט אָפּצוטאָן דאָס וואָס ער האָט געטאָן. דער אינטערעס צו אַלע פּרטים פון דער פּאַסירונג איז גע־ווען גוואַלדיק גרויס ביי ייִדן איבערן לאַנד, און ווו די באַריכטן האָבן ניט געקלעקט האָט מען געפּרוווּט דערשטוקעווען מיט השערות. מען האָט דערציילט למשל, אַז דער ברוך סאָלאָווייטשיק, וואָס אונטער דעם נאָמען האָט זיך קאָונער באַהאַלטן, איז געווען אַ רעאַלע פּערזאָן, אַ בעל־עגלה; הערץ באַיאַרין האָט ביי אים געהאַט אָפּגעקויפט דעם פּאַס, און שפּעטער האָט ער חרטה געהאַט און אויפגעדעקט די שפּיל.

קאָונער האָט זיך צום אָנהייב געהאַלטן פאַר די ריכטערס זייער רויִק. ער האָט דערקלערט, אַז פינף מאָטיוון האָבן אים געבראַכט אָפּצו־טאָן די פעלשונג.

1) ער האָט געוואָלט זײַן אַ זעלבשטענדיקער און פרײַער מענטש, און אָן געלט קען דאָס ניט געמאָלט זײַן.

2) ער האָט געוואָלט אָפּטאָן דעם באַנק־דירעקטאָר זאַק פאַר זײַן גראָבקייט און שלעכטקייט.

3) ער האָט געוואָלט פאַרשאַפן אַ בעסער לעבן פאַר זײַן געליבט מיידל.

4) ער האָט געוואָלט אַוועקשטעלן אויף די פיס זײַנע אָרעמע על־טערן און זײַנע קינדער פון דער ערשטער פרוי.

5) פון דעם געלט וואָס איז צו אים אַרײַנגעפאַלן וואָלט ער געמאַכט אַ בעסערן תכלית איידער די מאָסקווער סוחרים־באַנק וואָס האַלט דאָס נאָר אויף פּראָצענט און בײַ וועמען די גאַנצע סומע האָט אַ קנאַפּן באַטרעף.

ער האָט געבעטן אויף יעדן פאַל באַפרײַען סאָפיע קאַנגיסער, וועלכע האָט פון גאָרניט געוווסט.

ביידע צדדים, דער באַשולדיקער אַזוי ווי דער פאַרטיידיקער זײַנען געווען געהויבענע מענטשן אין זייער פאַך. זיי זײַנען נאָך ביידע געווען יונג. אָבער זייער גלאַנץ האָט זיך שוין דעמאָלט גוט אַרויסגעוויזן אין דעם ברייטן פאַרנעם און אין דער פּרעכטיקער רעדנערקראַפט.

מוראַוויאָוו, דער באַשולדיקער, איז געווען אין גאַנצן פינף און צוואַנציק יאָר אַלט. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט ער געפירט דעם פּראָצעס קעגן די רעוואָלוציאָנערן וואָס האָבן דעם ערשטן מאַרץ 1881 געוואָרפן די באָמבע אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. שפּעטער איז ער געוואָרן יוסטיץ־מיניסטער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די גנבה אַליין וועט זיך ניט לאָזן אָפּשאַצן, אויב ער וועט ניט אַרויסברענגען די אומשטאַנדטן וואָס האָבן קאָוונערן געבראַכט דערצו. מוראַוויאָוו האָט געוווסט, אַז קאָוו־נער איז געווען אַ מיטאַרבעטער פון פּעטערבורגער רוסישע צײַטונגען, האָט ער פון די רעדאַקציעס אַרויסגעפאָדערט קאָוונערס אַלע אַרטיקלען און זיי גוט דורכגעשטודירט.

מען האָט געמיינט, אַז ווייל ער האָט צו טאָן מיט אַן אינטעליגענט, וועט ער זײַן ווייכער. אָבער ער האָט געטייטשט דעם פּסק פאַרקערט. ער האָט געזאָגט צו די געשווירענע: פאַר אײַך שטייט אַן אינטעליגענטער מענטש; אַ מענטש וואָס האָט באַוויזן מיט זײַנע אַרטיקלען אַז אויף יע־

נעמס מעשים איז ער אַ מבין. נעמט נאָך אין אַכט, הערן געשוואָרענע, דעם פאַקט, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט אונדז געזאָגט מוסר פון די עמודים פון צייטונגען און זשורנאַלן וועגן יענע פאָדערונגען פון געזעל־שאַפטלעכן געוויסן, וואָס ער אַליין האָט אויף זיי עובר געווען מיט אַזאַ פאַרברעכערישן אַקט!... אַ רחמנות אויפן געדרוקטן וואָרט, אַ רחמנות!״ דווקא דערפאַר ווייל דער באַשולדיקטער האָט אַגדערע געלערנט, און אַליין זיך ניט איינגעהיט — דווקא דערפאַר קומט אים אַ האַרבערע שטראָף.

אַלץ וואָס האָט קאָוונערן געטריבן, האָט ער געזאָגט, איז געווען דאָרשט נאָך געלט, און צוליב דעם דאָזיקן דאָרשט האָט ער אַריינגע־בראַכט אין אומגליק אַן אַלטן פעטער און דאָס געליבטע מיידל, וואָס ער זאָרגט זיך כלומרשט פאַר איר אַזוי שטאַרק. קאָוונער מאַכט אַן אָנ־שטעל, אַז ער האָט געוואָלט „בעסער״ פאַרנוצן דאָס געלט וואָס האָט געהערט צו דער באַנק. אָבער וואָס הייסט ביי אים בעסער? אפשר איז ער אויסן געווען דאָס אַוועקצוגעבן אויף צדקה?

„איך מיין״, האָט מוראַוויאָוו געזאָגט, „אַז קיין מאָל האָט מען נאָך אין אַ געריכט אַזוי דרייסט און אַזוי גראָדליניק ניט פּראָקלאַמירט טיפּע פאַראַכטונג צו פרעמדן אייגנס״.

פאַרטיידיקט האָט לעוו קופּערניק, אַ ייִדישער אַדוואָקאַט וואָס האָט זיך שפּעטער געשמדט — אַ ווילנער געבוירענער, פּונקט ווי קאָוונער אַליין. ער איז גאָר שטאַרק באַרימט געוואָרן אין עטלעכע יאָר אַרום ווען ער האָט געראַטעוועט די ייִדן, אויף וועלכע מען האָט געמאַכט אַ בלוט־בילבול אין קוטאַיס; ניט קיין אַנדערער ווי אַברהם זאַק, וועלן מיר זיך דערמאָנען, האָט געדעקט די גאַנצע הוצאה פון צוגרייטן די פאַרטיידיקונג צום פּראָצעס.

קופּערניק האָט זיך אויך ניט באַנוגנט מיט אַרומריידן די גגבה גופא; אָבער ער האָט זיך אויך ניט אָפּגעשטעלט ביי די לעצטע פאַר יאָר, ווען קאָוונער האָט אין פּעטערבורג געשריבן אַרטיקלען פאַר רוסישע בלעטער. קופּערניק איז אַוועק ווייטער אין דער טיף און האָט פונאַנדערגעוויקלט פאַר דעם געריכט דעם גאַנצן גאַנג פון קאָוונערס פריִערדיקן לעבן. ס׳האָבן זיך אויסגעשפּרייט פאַר די געשוואָרענע די שמאָלע געסלעך פון דער ייִדישער ווילנע, ווו קאָוונער איז געבוירן געוואָרן, און די שטיי־

נערדיקע וועגן, מיט וועלכע די ייִדישע יוגנט איז געגאַנגען צו אייראָפּעיִ־שער בילדונג.

זײַנע באַציִונגען צו דער פאַמיליע קאָנגיסער ווייזן, אַז ער האָט אַ גוט האַרץ, האָט קופּערניק געזאָגט. אָבער די נויט איז געוואָרן גרעסער, און דאָ האָט זיך געשאַפן אַ שאַרפע סתירה. „אַלע אין דער פרי ווען ער קומט אַרײַן אין באַנק זעט ער, ווי דאָ דרייען זיך מיליאָנען. ער זעט, אַז מען פאַרדינט לעגענדאַרישע רײַכטימער אָן שום טירחה, ווי די באַנק נעמט אַרײַן געלט צו פּערטהאַלבן פּראָצענט און באַקומט דערפאַר אַכט פּראָצענט. די באַנק פאַרדינט אין אַ רגע אַזוי פיל, אַז הונדערטער מענטשן וואָלטן געקאָנט דערמיט געהאָלפן ווערן אויף צען יאָר צײַט. צי איז אַ חידוש, וואָס ער האָט ניט אויסגעהאַלטן?״

קופּערניק האָט אונטערגעשטראָכן, אַז קאָוונערס גיכער גאַנג פון טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט צום „מאָדערנעם״ שטייגער לעבן האָט אים געמאַכט עלול אָנצונעמען ראַדיקאַלע אידעעס, און אַז אויך דער רעזשים איז שולדיק:

„איר דאַרפט אויך מסכּים זײַן, אַז לעכצנדיק אַזוי ווי אַלע ערשט־געקומענע צו דער וויסנשאַפט נאָך נײַס און נאָך עקסטרעמען האָט ער געקענט און געמוזט אויף זײַן אייגענעם שטייגער אויפנעמען און באַנע־מען פאַרשיידענע טעאָריעס, וואָס ריכטיק פאַרשטיין און אָפּשאַצן זיי קען מען ניט, מחמת מען טאָר נישט ביי אונדז ריידן וועגן זיי עפנטלעך״. אַזוינע ריזיקאַלישע פּאָליטישע אָנצוהערענישן פלעגן זיך ליבעראַלע אַד־וואָקאַטן פאַרגינען אין די צאַרישע געריכטן.

צום סוף האָט דער פאַרטיידיקער גערעדט וועגן דער פּיין, וואָס קאָוונער האָט אַריבערגעטראָגן די פיר חדשים אין טורמע, און ער האָט געענדיקט מיט אַן אַפּעל צו די געשוואָרענע:

„מײַנע הערן, איך לאָז אויס מײַנע רייד מיט איין בקשה: מישפּט גערעכט. נאָר זײַט ניט אַכזריותדיק. באַשטראָפט די שולדיקע, נאָר שאַ־נעוועט די אומשולדיקע!״

קאָוונער האָט אין זײַן לעצטן וואָרט נאָך אַמאָל געשילדערט זײַן שווערן קאַמף פאַרן קיום דורך די גאַנצע דרייצן יאָר, פון זינט ער איז אַנטלאָפן פון ווילנע קיין קיִעוו. ווען ער איז צוגעקומען צו ריידן וועגן

די יסורים פון זיין סאָפּיען, האָבן זיינע נערוון ניט אויסגעהאַלטן און ער האָט זיך צעוויינט אויף אַ קול.

אין אָוונט האָבן די געשוואָרענע אַרויסגעטראָגן זייער פּסק. סאָפיע קאַנגיסער איז באַפרייט געוואָרן. קאָוונער איז אָנערקענט געוואָרן פאַר שולדיק, אָבער מיט מילדערנדיקע אומשטאַנדן. ער האָט באַקומען פיר יאָר שווערע טורמע.

דאָס געריכט האָט שוין געהאַט אַרויסגעטראָגן דעם פּסק־דין, דער עולם איז זיך שוין צום גרעסטן טייל געוועזן פונאַנדערגעגאַנגען. מען האָט געהאַלטן אין אַרויספירן קאָוונערן פון זאַל; סאָפיע איז געשטאַנען לעבן אים. אין דער מינוט איז צוגעקומען צו אים אַ רייך געקליידטע פרוי פון אַ יאָר דריי און צוואַנציק, אויסגעצויגן צו אים די האַנט און אים דערלאַנגט אַ פּאַפּירעלע. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ נדבה, און האָט פאַרוווּנדערט אַ קוק געטאָן אויף איר. אָבער איר בליק איז געווען אַזוי וואַרעם, אַז ער האָט איר געמוזט ענטפערן.

„איך דאַנק אייך זייער", האָט ער זיך אָפּגערופן, „נאָר דערווייל לייד איך נאָך גאָט צו דאַנקען ניט קיין נויט".

זי האָט זיך אָבער איינגעבעטן ביי אים, ער זאָל דאָס נעמען און טאָן דערמיט וואָס ער וויל. ער האָט צוגענומען דאָס פּאַפּירל (אַ פינף־רובלדיקע איז דאָס געווען) און עס אָוועקגעגעבן אין טורמע פאַר די אמת נויט־באַדערפטיקע אַרעסטאַנטן.

ווער די פרוי איז געווען האָט ער זיך קיין מאָל ניט דערוווּסט.

אין טורמע איז קאָוונערן צום אָנהייב געווען טאָפּל ביטער. אַ „מיעשטשאַנין" (ניט קיין אַדלמאַן) האָט ניט געקענט פּרעטענדירן אויף קיין שום פּריווילעגיעס, מען האָט אים געהאַלטן צוזאַמען מיט מערדערס און שיכורים וואָס האָבן אים אָפט געסטראַשעט מיט קלעפּ: אַפילו מיט זיין לעבן איז ער ניט געווען זיכער.

דאָס שווערסטע אומגליק איז אָבער געקומען דורך אַ ידיעה פון דרויסן: ער האָט פאַרלוירן זיין סאָפיען. אָקערשט האָט קאָוונער נאָך גע־האַט אויסגעפּועלט, אַז מען זאָל זיי דערלויבן צו שטעלן אַ צווייטן מאָל אַ חופה אין טורמע, ווייל די חופה אויף דער סטאַנציע קראַסנע איז דאָך אין ערגעץ ניט געווען פאַרשריבן. תיכף נאָך דער חופה האָט מען אים

אָפּגעפירט צוריק אין זיין קאַמער, און מער האָט ער זי שוין ניט געזען. זי האָט ניט אויסגעהאַלטן די פיר חדשים תפיסה און דאָס פּלאָטערניש אין געריכט און איז געשטאָרבן.

מען קאָן זיך אויסמאָלן, וואָס קאָוונער האָט איבערגעלעבט.

זיין לאַגע אין תפיסה איז שפּעטער געוואָרן בעסער. אין „בוטירקי" איז געווען אויך אַן אָפּטיילונג פאַר אַדלליט. זיי האָבן זיך געהאַט אַ באַזונדער הויז, מיט אַ גערטנדל דערביי; זיי האָבן אויך געמעגט באַקומען בריוו, ביכער און צייטונגען. די אַדלליט האָבן אויסגעפּועלט, זיי זאָלן מעגן קאָוונערן אַריבערנעמען צו זיך פאַר אַ באַדינער. דאָ איז אים שוין געווען גרינגער. ער האָט דאָ געקענט באַקומען בריוו, און דער עיקר — ער האָט דאָ אויך געקענט שרייבן. ער האָט געשריבן אַ טאָגבוך, געשריבן דערציילונגען און אַפילו אַ גאַנצע קאָמעדיע.

דער פאַראיין רוסישע דראַמאַטישע שריפטשטעלערס, ווו דער באַרימטער אָסטראָווסקי איז געווען פאַרזיצער, האָט אויסגעשריבן אַ קאָנטעסט פאַר דער בעסטער קאָמעדיע. קאָוונער האָט צוגעשיקט אַ פּיעסע פון געריכט-לעבן, מיטן נאָמען „מיר האָבן אויסגעפירט". די זשורי איז באַשטאַנען פון דריי באַוווּסטע שריפטשטעלערס. אַ ביסל שפּעטער איז אין די צייטונגען געווען אַ מעלדונג, אַז פון די זעקס און אַכציק קאָמעדיעס וואָס זיינען אָנגעקומען צום קאָנטעסט האָט די זשורי אויסגעטיילט צום גוטן ניט מער ווי דריי; און אויפן צווייטן אָרט איז געווען אָנגערופן די קאָמעדיע: „מיר האָבן אויסגעפירט".

קאָוונער האָט געפּרוּווט אָפּדרוקן די קאָמעדיע, אָדער אַרויסברענגען זי אויף דער בינע. אָבער פון טורמע אַרויס איז דאָס געווען שווער, און סוף-כל-סוף איז דער מאַנוסקריפּט ערגעץ ווו פאַרפאַלן געוואָרן.

אין טורמע האָט קאָוונער אויך געפּרוּווט אויפקלערן און בילדן עטלעכע פון די אַרעסטאַנטן, ער האָט זיי אויסגעלערנט שפּילן שאָך, געלייענט מיט זיי פאַרשיידענע ליטעראַרישע ווערק. נאָר צום מערסטן האָט אים פאַראינטערעסירט פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין זיצן די קאָרעספּאָנדענץ מיט דאָסטאָיעווסקין.

קאָרעספּאָנדענץ מיט דאָסטאָיעווסקין. — קיין סיביר

דאָס וואָס קאָוונער האָט זיך אין די גוטע יאָרן, ביז דער גנבה, אין זיינע אַרטיקלען אין גאָלאָס כסדר געטשעפּעט צו דאָסטאָיעווסקין, איז אַ פּנים ניט געווען קיין צופאַל. מען דאַרף רעכענען, אַז בשעת די דוגמא ראַסקאָלניקאָוו איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן, האָבן אין קאָוונערן גופא געקעמפט דער יאָ און דער ניין, און עס קאָן זיין, אַז כדי צו פאַר־שטאַרקן דעם ניין אין זיך, כדי צו פאַרשרייען די שטים פון יצר־הרע, האָט ער אַטאַקירט דאָסטאָיעווסקין, ראַסקאָלניקאָווס גייסטיקן פאָטער.

אָבער אין האַרצן האָט ער אויך געשפּירט דאָסטאָיעווסקיס קינסט־לערישע גרויסקייט. און נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעפּרוווט ראַסקאָלני־קאָווס וועג האָט אים אַוודאי געצויגן צו דאָסטאָיעווסקין נאָך שטאַרקער.

נאָך אַ זאַך: קאָוונער איז געשטרויכלט געוואָרן אין דער מעשה מיט דער גנבה, אָבער ער האָט זיך ניט געפילט געבראָכן. ניט יעדער דורכ־פאַל איז אַ סימן, אַז מען איז געווען אומגערעכט. אין טורמע האָט ער נאָך אַ מאָל איבערגעטראַכט אַלץ וואָס מיט אים איז געשען, און דער באַשלוס איז געווען, אַז פאַר זיין אייגענעם געוויסן האָט ער ניט געזינ־דיקט. דאָסטאָיעווסקי וואָלט אויך אַזוי געזאָגט, האָט ער געפּסקנט. און ער האָט פאַרפירט מיט דאָסטאָיעווסקין אַ קאָרעספּאָנדענץ; דורך זיין אַד־וואָקאַט קופּערניק האָט ער באַקומען אַ מעגלעכקייט די בריוו איבערצו־שיקן. מיט קנאַפּע פופציק יאָר שפּעטער האָט מען דאָס גאַנצע בינטל בריוו געפונען צווישן דאָסטאָיעווסקיס איבערגעבליבענע פּאַפּירן.

קאָוונער איז שוין באַלד אָנדערטהאַלבן יאָר געזעסן אין טורמע, ווען ער האָט אַוועקגעשריבן דעם ערשטן בריוו.

עס איז אַ לאַנגער בריוו אויף אַ סך זייטן. קאָוונער האָט דאָרטן אָנגערירט אַ סך טעמעס, אויסגעמישט פאַרשיידענע זאַכן, געגעבן אַן אויסגעצייכנטע אָפּשאַצונג פון דאָסטאָיעווסקיס ליטעראַרישער טעכניק, אַריינגעזאָגט אויך, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק. דער בריוו האָט געמאַכט אויף דאָסטאָיעווסקין אַ גרויסן רושם, און ער האָט דעם אַרעס־טאַנט געענטפערט אין צווייען: ערשטנס אין אַ דירעקטן פּערזענלעכן בריוו און צווייטנס אין מאַרץ 1877 אין אַ גאַנצער העלפט פון זיין דנעוו־

ניק פּיסאַטעליאַ („טאָגבוך פֿון אַ שרײַבער”) וואָס האָט דורך דער צײַט אָנגעהויבן אַרויסגיין ווי אַ באַזונדער זשורנאַל.

דאָסטאָיעווסקי האָט אין פֿאַרשיידענע פּריִערדיקע אַרטיקלען געהאַט אַרויסגעוויזן זײַן שינאה צו ייִדן; האָט קאָוונער צעוויקלט די גאַנצע פֿראַגע וועגן ייִדן אין רוסלאַנד. ער האָט אויסגעשטעלט אַ צעטל רוסן ספּעקו־לאַנטן און פֿאַבריקאַנטשיקעס, וואָס מיט זייערע מעשׂים איז פֿול געווען די פּרעסע און געפּרעגט סאַרקאַסטיש:

„איך וואָלט וועלן וויסן, פֿאַר וואָס איר טרעט אַרויס נאָר קעגן ייִדן און ניט קעגן עקספּלואַטאַטאָרן בכלל. ניט ווייניקער פֿון אײַך האָב איך פֿײַנט פֿאַראורטיילן פֿון מײַן פֿאָלק, און איך האָב גענוג געליטן פֿון זיי; נאָר קיין מאָל וועל איך ניט מודה זײַן, אַז בײַם ייִדישן פֿאָלק ליגט עקס־פּלואַטאַציע אין בלוט...

„פֿאַר וואָס איז עס דער פּראָוואָסלאַוונער קולאַק, דער בלוטזויגער, דער וואַמפּיר — יענע מענטשן, וואָס עס שווימלט און גריבלט מיט זיי רוסלאַנד — בעסער איידער די ייִדן וואָס לעבן דאָך נאָר אין איין באַ־גרענעצטער געגנט? מיט וואָס איז גובאַנין בעסער פֿאַר פּאָליאַקאָוון? מיט וואָס איז אָווסיאַניקאָוו בעסער פֿאַר מאַלקיעלן, מיט וואָס איז סאַמאַנסקי בעסער פֿון גינצבורגן? פֿראַגעס וואָלט איך אײַך געקענט פֿרעגן טויזנטער.

„אָבער ווען איר רעדט פֿון ייִדן נעמט איר אַרײַן אין קאָן די גאַנצע מוראדיקע אָרעמע מאַסע פֿון דרײַ מיליאָן ייִדישע באַפֿעלקערונג אין רוס־לאַנד, וואָס פֿון זיי פֿירן צום ווייניקסטן צוויי מיליאָן מיט ניין הונדערט טויזנט אַ פֿאַרצווייפֿלטן קאַמף פֿאַר אַ נעבעכדיקער עקסיסטענץ און וואָס זײַנען מאָראַליש ריינער ניט נאָר ווי אַ סך אַנדערע פֿעלקער, נאָר אויך איידער דאָס רוסישע פֿאָלק, וואָס איר פֿאַרגעטערט עס. איר נעמט אַרײַן אין קאָן אויך די היפּשע צאָל ייִדן וואָס האָבן באַקומען אַ העכערע ביל־דונג און וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אויף אַלע פֿעלדער פֿון מלוכה־לעבן...”

געענדיקט האָט קאָוונער: „ס'איז קיין סברא ניט, אַז איך זאָל אײַך קענען איבערצײַגן אין [דער ריכטיקייט פֿון] מײַן קוק — נאָר עס וואָלט זיך זייער געוואָלט, אַז איר זאָלט מיך איבערצײַגן”.

אין זײַן באַריכותדיקן בריוו האָט דאָסטאָיעווסקי געענטפֿערט קאָוו־

נערן, אַז ער איז קיין מאָל ניט געווען קיין שונא פון ייִדן ווי אַ פֿאָלק (ער נוצט דעם אויסדרוק „פּלעמיאַ" וואָס דירעקט מיינט דאָס ‚שבט"), און ער האָט צוגעזאָגט, אַז אין זיין זשורנאַל וועט ער זיך אומקערן צו דער טעמע. ער האָט טאַקע אָנגעשריבן אַ לאַנגן אַרטיקל, ווו ער האָט זיך אָפּגערופן אויף קאָוונערס בריוו, אָבער ניט אָנגרופנדיק זיין נאָמען. „דאָס איז אַ וווּנדערלעכער בריוו אין אַ סך פּרטים", האָט ער באַמערקט. „געשריבן האָט דאָס באמת אַ מענטש אַ געבילדעטער און אַ טאַלענטירטער (איך מיין נאָר ניט, אַז אָן פּאַראורטיילן)".

אין דעם אַרטיקל זאָגט דאָסטאָיעווסקי ווידער עטלעכע מאָל, אַז ער איז ניט קיין שונא פון ייִד סתם, אַז בכלל איז ביים פּשוטן רוסישן פֿאָלק ניטאָ קיין טעמפּע שינאה צו ייִדן. אַפילו ווען דער רוס זעט, ווי ייִדן דאַווענען אויף אַ משונהדיקן שטייגער אָדער אַז זיי מיגלען זיך צו עסן און צו טרינקען מיט ניט־ייִדן, איז ער מלמד־זכות: „ס'איז אַזאַ אמונה". פּיינט האָט מען דעם ייִד דעם עקספּלואַטאַטאָר, און דער ייִד עקספּלואַטירט דאָך טאַקע ניט נאָר דעם פּויער אין מערב־רוסלאַנד, נאָר יעדערן ווו און ווען עס לאָזט זיך. אָט האָט ער, דאָסטאָיעווסקי, געלייענט, אַז אין די דרום־שטאַטן פון אַמעריקע האָבן ייִדן נאָכן בירגערקריג זיך אַזוי אָנגעזעצט אויף די באַפרייטע נעגערס, אַז באַלד וועלן זיי געוויס זיין נאָך ערגערע שקלאַפן ווי פריִער. די געבילדעטע ייִדן זאָגן, אַז אָט דער חשק צו עקספּלואַטירן נעמט זיך ביי ייִדן פון די שטענדיקע רדיפות אויף זיי. אָבער ס'איז ניט אַזוי, דאָ שטעקט עפּעס טיפערס וואָס גייט אַדורך דורך דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע. הינטער דער ייִדישער פּראַקטיק שטעקט די אידעע פון ייִדישער אויסדערוויילטקייט. ייִדן מישן זיך ניט מיט די פעלקער, ווייל זיי האַלטן זיך העכער. זיי האַנדלען מיט גאָלד, ווייל מיט גאָלד קען מען הערשן און מיט גאָלד וועט מען זיך קענען אויפהייבן און אַוועקגיין קיין ארץ־ישראל בשעת משיח וועט קומען.

דאָ גיסט זיך דאָסטאָיעווסקיס ווילדע באַציִונג צו ייִדן צונויף מיט זיין ווילדער באַציִונג צום מערב. דער ייִדישער גייסט איז די פאַרקער־פערונג פון מאַטעריאַליזם וואָס קעמפט קעגן דער קריסטלעכער אידעע פון אויסלייזונג. אין מערב־איראָפּע איז דאָס קריסטנטום דורכגעפאַלן, דער מאַטעריאַליזם האָט גובר געווען. דערפאַר געוועלטיקן דאָרטן איצ־

טער ייִדן אין די רעגירונגען און אויף די בערזעס. אין רוסלאַנד גייט אויך דער אייגענער קאַמף. ניט די רוסן האָבן פּיינט ייִדן, נאָר פּאַרקערט. צייטנ־ווייז האָט ער, דאָסטאָיעווסקי, געפּרוווט פאַנטאַזירן, ווען אין רוסלאַנד וואָלטן געווען ניט דריי מיליאָן ייִדן און אַכציק מיליאָן רוסן, נאָר פאַרקערט. „וואָס וואָלט ביי זיי געוואָרן פון די רוסן און ווי אַזוי וואָלטן זיי זיי באַ־האַנדלט? צי וואָלטן זיי זיי געגעבן גלייכע רעכט? צי וואָלטן זיי זיי געלאָזן פריי תפילה טאָן צווישן זיי? צי וואָלטן זיי [זיי] ניט געמאַכט ממש פאַר שקלאַפן? נאָך ערגער, צי וואָלטן זיי ניט אַראָפּגעשונדן די הויט אין גאַנצן?״ פון דער אַלטער ייִדישער געשיכטע ווייסט מען דאָך, אַז ייִדן האָבן אויסגעראָטן גאַנצע פעלקער.

די געבילדעטע ייִדן, זאָגט דאָסטאָיעווסקי, ווילן דאָס ניט הערן; זיי ריידן רק וועגן די רדיפות וואָס האָבן געבראַכט צו ייִדישע פאָראור־טיילן, און זיי האַלטן אין איין פאַרזיכערן, אַז זיי אַליין זיינען פריי פון פאָראורטיילן. אָבער זיי זיינען דאָסטאָיעווסקין ניט צום האַרצן. עפּעס באַרימען זיי זיך צו פיל מיט זייערע מעלות, אַפילו מיט זייער אָפּגעע־פרעמדטקייט פון דער ייִדישער רעליגיע. „וועגן אַ ייִדן אָן גאָט קען מען עפּעס ניט טראַכטן״. עס דוכט זיך, אַז צו טראַדיציאָנעלע ייִדן האָט דאָסטאָיעווסקי מער צוטרוי. „... גאָט ווייסט, אויף וואָס די וועלט קען זיך נאָך ריכטן פון די געבילדעטע ייִדן״. דערנאָך רייסן זיך ווידער אַריין פריינדלעכערע טענער. אַלץ וואָס מענטשלעכקייט פאָדערט דאַרף מען ייִדן אין רוסלאַנד געבן. ייִדן זיינען „אַ פאָלק מיט אַזאַ לעבנס־כוח, אַזאַ אומ־געוויינטלעך שטאַרק און ענערגיש פאָלק, אַזאַ פאָלק וואָס צו אים איז אין דער וועלט ניטאָ קיין גלייכן״. און צוריק דאָס פּריִערדיקע: אַלע ייִדן זיינען פון איין מהות, ביי ייִדן איז ניטאָ קיין רחמנות צו די אַרומיקע; ייִדן זיינען גרויסהאַלטערס און בעלי־גאַוות. אַוודאַי זיינען פאַראַן ייִדן גוטע (אָט האָט גאָלדשטיין אַוועקגעגעבן דאָס לעבן אין דער מלחמה קעגן טערקיי) נאָר צי וועלן די גוטע ייִדן קענען עפּעס אויפטאָן אָפּצושוואַכן די ייִדישע שינאה צו ניט־ייִדן?

קאָוונער האָט נאָכן איבערלייענען דעם דאָזיקן אַרטיקל געשריבן דאָסטאָיעווסקין: „איך וועל קיין מאָל ניט איינשטימען אַז אין דעם בלוט פון דער דאָזיקער נאַציע לעבט עקספּלואַטאַציע אָן שום געוויסן... ווי אַזוי

זאָל דאָס רוסישע פאָלק ניט פײַנט האָבן ייִדן, ווען זײַנע בעסטע פאָרשטייערס ריידן וועגן ייִדן עפנטלעך ווי וועגן ווילדע חיות?"

נאָר די קאָרעספּאָנדענץ האָט ער ניט איבערגעריסן. ער איז געווען זיכער, אַז וואָס דאָסטאָיעווסקי זאָל ניט שרייבן, איז ער אַלע מאָל גרויס, און גרויסקייט האָט משמעות ביי אים מכפּר געווען אויף אַ פאַרשטאָקט האַרץ.

ווייטער אין דער קאָרעספּאָנדענץ האָט קאָוונער געהאַט צו דערציילן וועגן זיך ווי־כטיקע פ ע ר ז ע נ ל ע כ ע נייס. די פיר יאָר ש ו ו ע ר ע טורמע האָט מען אים פאַרביטן צוליב זיין גוטער אויפפירונג אויף געווינטלעכער טורמע. אָבער ער האָט אויסגעפועלט נאָך מער. עס איז געווען אַ צירקולאַר פון אינערן־מיניסטעריום, אַז אויב די שטאָט, ווו אַן אַרעסטאַנט איז צוגעשריבן, זאָגט זיך אָפּ אים צוצונעמען צוריק, מעג ער אַוועקפאָרן קיין סיביר נאָ דאַיידער זיין תפיסה־צייט האָט זיך געענדיקט. איינער פון קאָוונערס ברידער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם, האָט אַרויסבאַקומען אַזאַ פאַפּיר פון שטעטל געלוואַן, און אַזוי איז אורי קאָוונערן געראָטן אַרויסצוכאַפּן זיך אויף דער פריי און אַוועקפאָרן קיין סיביר, בשעת עס איז אים נאָך געבליבן צו זיצן צוויי יאָר מיט עטלעכע חדשים.

ביז וואַנען ער איז אָנגעקומען קיין סיביר האָט ער נאָך געהאַט אויסצושטיין די גאַנצע פּיין פון טראַנספּאָרט.

אָט ווי קאָוונער אַליין באַשרייבט דאָס:

„איך האָב געוווּסט, אַז אַלע אַרעסטאַנטן, אַ חוץ אַדליַיט, טוט מען אָן האַנטקייטלעך ביים טראַנספּאָרט פון מאָסקווע קיין ניזשני־נאָווגאָראָד, און איך האָב זיך באַמיט מיט אַלע קרעפטן פּטור צו ווערן פון דער דאָזיקער פּיין און שאַנד".

אָבער עס איז געווען אומזיסט, מען האָט צוגעפירט קאָוונערן צוזאַמען מיט אַלע אַרעסטאַנטן צו דעם אָרט, ווו מען האָט געשמידט אין קייטן.

„ווען עס איז דערגאַנגען צו מיר, בין איך בלאַס געוואָרן. דער באַאַמטער האָט געזען, אַז איך גיי אין אַן אייגענעם קאָסטיום, דאָס הייסט פיל־ווייניק אָרנטלעך, האָט ער געמיינט, אַז איך בין אַ פּריווילעגירטער.

אָבער דער סעקרעטאַר ביים טיש האָט אַ קוק געטאָן אין צעטל און אַרויס־גערעדט די געווײנטלעכע ווערטער: „אין האַנטקייטלעך"... ציטערנדיק בין איך צוגעגאַנגען צום זעלנער און אויסגעצויגן די האַנט. ער האָט מיר אָנגעטאָן אַ רינג און גענומען זוכן מיט די אויגן אַ פּאָרל פֿאַר מיר, וואָרעם מען פֿלעגט אַלע מאָל צונויפֿשמידן צוויי פּערזאָן: איינעם פֿלעגט מען אָנטאָן דעם אייזערנעם רינג אויף דער רעכטער האַנט, דעם אַנדערן אויף דער לינקער האַנט. צווישן די רינגען איז געווען אַ קייט וואָס איז געווען מערניט אַ האַלבן אַרשין די לענג, אַזוי אַז די פּאָר איז געבליבן די גאַנצע צייט אין איינעם"*.

אַזוי האָט מען זיך דערשלעפּט ביז ניזשני־נאָווגאָראָד, וווּ די טורמע איז געווען אַ סך ערגער ווי אין מאָסקווע.

פֿון ניזשני איז מען געפֿאָרן ווייטער מיטן וואַסער ביז פּערם. דאָרטן אויף דער שיף האָט קאָוונער געהאַט מזל. איינער אַן אָפֿיציר פֿון דער וואַך האָט געוואָרפֿן אויף אים אַן אויג און איז צוגעגאַנגען צו אים מיט די ווערטער:

— ביסט מסתמא אַ בעל־מלאָכה?

„ליידער נאָר אַ ליטעראַרישער", האָט קאָוונער געענטפֿערט.

— וואָס הייסט דאָס? האָט געפֿרעגט דער אָפֿיציר אַ פֿאַרוווּנדערטער.

קאָוונער האָט אים בקיצור דערציילט זיין געשיכטע, און אין פֿינף מינוט אַרום האָט אים דער אָפֿיציר אַריבערגעפֿירט אין דער קאַיוטע פֿאַר אַרעסטאַנטן־אַדליים.

אָבער נאָך פּערם האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די פּיין.

„פֿון דאָרטן איז מען געפֿאָרן אויף טראַיקעס צו זעקס מאַן אין אַ וואָגן. עס איז געווען אין די גרעסטע היצן, געפֿירט האָט מען מיט קייטן אויף די הענט און אויף די פֿיס, און פֿון געדיכטן שטויב האָט מען געקענט דערשטיקט ווערן".

גאָר אַן אומגעריכטער קלאַפּ האָט געטראָפֿן קאָוונערן אין טיומען, ווּ מען האָט צוגענומען ביי אים אַ פּעקל ביכער און ציייטונג־אויסשניטן, די פּרוכט פֿון זיין גאַנצער ליטעראַרישער טעטיקייט. ער האָט געבעטן

*) אַן אַרשין — אַ לענג מאָס וואָס איז געווען אָנגענומען אין צאַרישן רוסלאַנד — איז 2 מיט אַ פֿערטל פֿוס אָדער קנאַפּע 72 צענטימעטער.

רחמים ביי די אויפזעערס, מען זאָל אים אַוועקגעבן צוריק די פּאַפּירלעך וואָס קיינער דאַרף ניט. אָבער מען האָט אים געענטפערט קורץ און שאַרף:
— אַרעסטאַנטן טאָרן ניט שרייבן.

לסוף האָט אָבער די שעה געשלאָגן. ווען דער טראַנספּאָרט אַרעסטאַנטן איז אָנגעקומען קיין טאָבאָלסק, האָט מען קאָוונערן אָפּגעלאָזן גיין וווּהין ער וויל.

אָט אַזאַ איז געווען דער צאַרישער רעזשים: מיט איין פוס האָט ער געקענט צעטרעטן אַ מענטשן, אָבער טאָמער האָט איין פוס ניט דערענדיקט די אַרבעט פון צעטרעטן, האָט דאָס ניט געהייסן, אַז דער צווייטער פוס וועט דאָס טאָן. אַזוי האָט געקענט געשען, אַז געבראַכט האָט מען קאָוונערן קיין סיביר ווי אַ שווערן פאַרברעכער, מיט קייטלעך אויף די הענט, אָבער ווי נאָר ער איז אָנגעקומען, האָט ער אָנגעהויבן צו לעבן כמעט מיט אַזוי פיל פרייהייט ווי אַ דורכשניטלעכער רוסישער אונטערטאַנער האָט פאַרמאָגט.

פון טאָבאָלסק האָט זיך קאָוונער דאָס קומענדיקע יאָר, 1878, אַריבערגעקליבן קיין טאָמסק און דאָרטן געפונען אַ נישקשהדיקע שטעלע ביי אַ סוחר. נאָך איין צוויי יאָר אַרום איז ער אַוועק קיין אָמסק, און דאָ איז ער געוואָרן אַ תושב. ער האָט דאָ אַפילו באַקומען אַ שטעלע מיט טויזנט רובל אַ יאָר שכירות — די סומע וואָס ער האָט געגאַרט צו באַקומען ביי זאַקן אין באַנק! — אַזוי דערצו נאָך אין אַ רעגירונג־אינסטיטוציע. אמת, נאָר אויף אַ קאָנטראַקט וואָס האָט זיך יעטווידער חודש געקענט ענדיקן, אָבער באַרעכנט זיך: אַ פאַרשיקטער, אַ געוועזענער קרימינאַלניק און אַ ייִד דערצו! אויף אַ קליינער רעגירונג־שטעלע אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל האָט זיך אַ ייִד אין יענער צייט אַ מאָל געקענט אַריינרייסן.

III

פארבלאָנדזשעט

דאָ האָט זיך קאָוונער געלעבט שטיל און רויִק. ער האָט אַראָפּגע־בראַכט פון ווילנע זיין טאָכטער, יעמאָלט שוין אַ דערוואַקסן מיידל.

דאָס גייסטיקע לעבן זיינס איז געווען באַשיינט דורך חברשאַפט מיט אַן אָריגינעלער פיגור. דאָס איז געווען יעגאָר קאַרמיאַנסקי, אַ לערער פון רוסישער ליטעראַטור, וואָס האָט אויסגעהאָדעוועט עטלעכע דורות תלמידים אין סיבירער גימנאַזיעס און מיליטערישע שולן. קאָוונער אַליין האָט אים, שוין נאָך זיין סיבירער צייט, באַשריבן אין אַ סקיצע אין אַ רוסישן זשורנאַל. אַן ענטוזיאַסט, אַ טראַכטער מיט געזעלשאַפטלעכע, פי־לאָסאָפישע און רעליגיעזע אינטערעסן, איז „יעגאָרושקאַ" געווען פאַר קאָוונערן אַ גלייכע פּאָר. כל־זמן קאָוונער איז געווען אין אַמסק, האָט מען זיך געזען כמעט אַלע טאָג; שפּעטער האָט מען זיך איינע די אַנדערע געשריבן לאַנגע בריוו, דיסקוטירט אַן אַ סוף אַלע „פאַרשאָלטענע פּראָב־לעמען", אין סטיל פון דער יעמאָלטיקער פּראָגרעסיווער רוסישער אינ־טעליגענץ.

אַ ביסל האָט קאָוונער דאָ געדרוקט אויך. ער דערמאָנט למשל אַ ראָמאַן „אַרום דעם גאָלדענעם קאַלב" — ער האָט דאָ משמעות אָפּגע־רעכנט זיך מיט זאַקן און די זאַקס. נאָך מער האָט ער געשריבן פאַרן שופלאָד. אַ סך האַרץ האָט ער אַריינגעלייגט אין אַן אַרבעט אונטערן נאָ־מען: „פאַר וואָס איך גלייב ניט". קאַרמיאַנסקי איז געווען אַ רעליגיעזער מענטש, אַן אָפּטימיסט; קאָוונער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ שרעקלעכן פּעסימיסט און פאַר אַן אַטעיִסט; האָט ער לאַנג געאַרבעט אויף קלאָר צו מאַכן זיינע געדאַנקען, און נאָך מיט יאָרן שפּעטער, ווי מיר וועלן זען, האָט ער דעם דאָזיקן מאַנוסקריפּט געשיקט צו מענטשן, וואָס מיט זיי איז ער געווען פאַרבונדן אָדער ער האָט געוואָלט זיך פאַרבינדן.

אָט אַזוי האָט קאָוונער דערצויגן ביז פופציק. עס האָט זיך געדוכט, אַז אַזוי וועט ער שוין אויסלעבן זײַנע טעג.

אָבער ווען ער איז אַלט געוואָרן איין און פופציק יאָר, איז געקומען אַ נײַע גרויסע איבערלעבונג. ער האָט נאָך אַ מאָל חתונה געהאַט. די פרוי איז געווען אַ רוסיש מיידל, וואָס האָט זיך אין אים איינגעליבט, ווען זי איז נאָך געווען אַ גימנאַזיסטין. געשטאַמט האָט זי פון פּערם. בעת דער חתונה איז זי געווען אין גאַנצן דרײַ און צוואַנציק יאָר אַלט, דאָס הייסט באַלד מיט צען יאָר יינגער פון איר שטיפטאָכטער.

אויף חתונה צו האָבן מיט איר האָט קאָוונער מיט צוויי וואָכן פריִער זיך געשמדט, ווײַל לויט די צאַרישע געזעצן האָט אַ קריסט מיט אַ ייִדן ניט געטאָרט חתונה האָבן; דערבײַ האָט מען אים געגעבן אַ נײַעם נאָמען אַרקאַדי. האָט ער שוין איצט געהייסן: אַרקאַדי גריגאָריעוויטש קאָוונער. ער איז געווען אויסגעטאָן פון וועלכער ניט איז רעליגיע סײַ ווי, אַ פולער אַטעיִסט; לויט דער קולטור האָט ער זיך געפילט ווי אַ רוס; האָט ער פון פאָרמאַליטעט וועגן אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן און געהאַלטן, אַז ער באַגייט ניט דערמיט קיין עוולה. שפּעטער וועלן מיר זען, אַז די זאַך איז אַפילו בײַ אים גופא ניט געווען אַזוי דורכזיכטיק ווי ער האָט געמיינט.

עס איז געווען אַ ריינע ליבע, האָט קאָוונער שפּעטער דערציילט: דאָס מיידל האָט געהאַט עטלעכע יונגע פּרעטענדענטן, אָפיצירן און באַ־אַמטע, אָבער זי האָט אויסגעקליבן דווקא אים.

דאָס צוזאַמענלעבן מיט זײַן פרוי האָט באַשײַנט זײַנע עלטערע יאָרן. „איך בין געווען איר ערשטע אידעאַלע ליבע“, האָט קאָוונער געשריבן צו אַ גוטן פרײַנט. „כאָטש דער אונטערשייד אין יאָרן, אין דערציִונג און אין די געוווינהייטן איז גרויס, איז אונדזער פאַמיליע־לעבן גליקלעך אין פולן זינען פון וואָרט“.

באַלד אין ערשטן חודש נאָך דער חתונה איז געקומען אַ גרויסער מאַטעריעלער קלאַפּ. אין זײַן אינסטיטוציע האָט זיך געביטן דער הויפּט, און מען האָט אָפּגעזאָגט קאָוונערן פון דער שטעלע. אָבער פון דער רעה

האָט זיך אויסגעלאָזן אַ טובה: קאָוונער איז אין 1894 אַריבער צוריק אין איראָפּעיִשן רוסלאַנד.

די אינפאָרמאַציע וואָס מיר האָבן וועגן קאָוונערס לעבן פון 1894 ביז 1897 איז אומבאַשטימט און צו מאָל אַ ביסל סתירותדיק. איין צייט נאָכן קומען פון סיביר האָט ער געוווינט אין פּעטערבורג; קענטיק געזוכט אַ שטענדיקע פּרנסה. פון איין זייט קומט אויס, אַז ער איז נאָך אין דער ערשטער העלפט נייַנציקער יאָרן געווען אַ באַאַמטער ערגעץ ווו ניט ווייט פון וואַרשע; פון דער צווייטער זייט גיט מען איבער, אַז ער האָט געזוכט אַרבעט אין וואַרשע, אין קיִעוו, אין אָדעס מיט עטלעכע יאָר שפּעטער. דער העברעיִש־יִדישער שרייבער אלעזר שולמאַן אין קיִעוו האָט אים געגעבן אַ רעקאָמענדאַציע צו אַחד־העמען קיין אָדעס, און, אַחד־העמען האָט זיך דערנאָך געדענקט, אַז קאָוונער איז ביי אים געווען (אָגב אָן הצלחה) אין 1897, אפשר אַפילו אין 1898. לסוף האָט קאָוונער אין פּעטערבורג אויסגעפּועלט עפּעס וואָס איז געווען אַ סך זיכערער איידער וועלכע עס איז פּריוואַטע שטעלע. מען האָט אים, זעט אויס אין 1897, צוגעשאַנצט אַ פעסטן רעגירונג־פּאָסטן אין דער קאָנטראָל־קאַמער אין לאָמזע. מען האָט אים געמאַכט פאַר אַן אָנפירער פון אַן אָפּטיילונג און אים געגעבן דעם העכסטן געהאַלט אין דער ראַנגע — הונדערט רובל אַ חודש. פון דעם האָט ער אַפילו געקענט אָפּשפּאָרן אויף אַ נסיעה קיין אויסלאַנד צוזאַמען מיט דער פרוי.

דורך די קאָנטראָל־קאַמערן האָט די רעגירונג אַכטונג געגעבן אויף די פינאַנציעלע אָפּעראַציעס פון די רעגירונג־אינסטיטוציעס איבערן גאַנצן לאַנד. אין יעדער גובערניאַלער שטאָט (און אַזוי אויך אין לאָמזע) איז געווען אַ קאָנטראָל־קאַמער, אָבער באַריכטן האָט זי געשיקט ניט צום אָרטיקן גובערנאַטאָר, נאָר גלייך צו דער צענטראַלע אין פּעטערבורג. עס בעט זיך תיכף די פראַגע: ווי אַזוי האָט מען עס אָנגעטרויט אַזאַ שפּירעוודיקע פּאָזיציע אַ מענטשן, וואָס איז געווען פאַרמישפּט פאַר אַ גרויסער פינאַנציעלער אַפערע? תיקו — בלייבט אַ קשיא. אַרבעט איז געווען ניט מער ווי דריי־פיר שעה אַ טאָג, און אַפילו דאָ איז נאָך געבליבן צייט צו באַלאַקען מיט די קאָלעגן.

מ. ווײַנרײַך

דער מעמאָראַנדום צו מוראַוויאָוון

עס איז אַ סברא, אַז די שטעלע האָט פאַרזאָרגט פאַר קאָוונערן דער זעלבער מוראַוויאָוו וואָס האָט אים מיט אַ צוואַנציק יאָר פריִער, ווי אַ פּראָקוראָר, אַריינגעבראַכט אין טורמע. מוראַוויאָוו איז שוין געווען איצ־טער אַ גרויסער מאַן. ער האָט פאַרנומען דעם פּאָסטן פון יוסטיץ־מיניס־טער. אָבער אויב קאָוונער האָט געבעטן ביי אים הילף, האָט ער ניט געזוכט זיך צו אים צוצוחנפענען. אַדרבא, כאָטש מוראַוויאָוו איז געווען אַ באַוווסטער אַנטיסעמיט, האָט קאָוונער אים דערלאַנגט אַ מעמאָראַנדום וועגן דער יִדן־פראַגע און אויפגעוויזן, אַז יִדן קומט פולע גלייך־באַרעכ־טיקונג. דער טעקסט פון מעמאָראַנדום האָט זיך ניט אויפגעהיט, אָבער אַ ביסל פון זיין אינהאַלט האָט קאָוונער אַליין שפּעטער ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן איבערדערציילט אין זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט דעם רוסישן שרייבער ראָזאַנאָוו און אַ ביסל ווייסן מיר פון אַן אַרטיקל וואָס עס האָט געשריבן אַברהם־יעקב פּאַפּירנאָ נאָך אַ באַגעגעניש מיט זיין מיטקעמפּער פון די יונגע יאָרן.

אויף דעם מעמאָראַנדום האָט קאָוונער געאַרבעט מיט התמדה און אַריינגעלייגט אין אים זיין גאַנצע גבורה. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער ער האָט דאָ טאַקע פאָרמולירט דאָס וויכטיקסטע אויפן בעסטן אופן, ווייל כסדר הערן מיר אים שפּעטער פאַררופן זיך אויף דעם דאָקומענט. ס'איז געווען אַ שווערע שרייבערשע אויפגאַבע אי צו געבן די פאַקטן ניט גע־מינערטע, אי צו אַרגומענטירן אַזוי, אַז מוראַוויאָוו און זיינס גלייכן זאָלן פאַרשטיין, ווי שעדלעך די יִדישע רעכטלאָזיקייט אין רוסלאַנד איז פאַר רוסלאַנד גופא, ניט נאָר פאַר יִדן. פון דעם וואָס מיר ווייסן וועגן דעם מעמאָראַנדום קענען מיר זאָגן פעסט, אַז קאָוונער האָט זיך ניט געבויגן און ניט געפאַלשעוועט; מיט זיינע טעאָרעטישע הנחות וועלן מיר ניט איינשטימען, אָבער ער האָט געשריבן וואָס ער האָט געטראַכט, ניט אויף איינצוקויפן זיך ביי יענעם.

אָנגעהויבן האָט ער מיט באַשרייבן די פאַקטן. מיליאָנען יִדן זיינען פאַרשפּאַרט אין תחום און טאָרן זיך ניט באַזעצן אינעם גרעסטן טייל רוסלאַנד. אין תחום גופא זיינען יִדן אויך באַגרענעצט: אין די שטעט זיינען זיי אַ מערהייט באַפעלקערונג, און פון דעסט וועגן טאָרן זיי ניט

קלייבן קיין פֿאַרשטייערס, אַפּילו ניט קיין קריסטן אין די שטאָטישע פֿאַר־וואַלטונגען. אין די רוסישע שולן לאָזט מען אַריין יידן נאָר אויפֿן שפּיץ מעסער. אַפּילו די יידן וואָס האָבן געענדיקט מיט אַן אויסצייכענונג די יורידישע אָפּטיילונג פֿון אוניווערסיטעט לאָזט מען ניט צו צו אַדוואָקאַ־טור. פֿון די פֿערציק טויזנט יידן וואָס דינען אין דער רוסישער אַרמיי קען קיין איינער ניט ווערן קיין אונטעראָפֿיציר, פֿון העכערע ראַנגעס איז אָפּגערעדט. אַפּילו די יידן וואָס האָבן ווינרעכט איבערן גאַנצן לאַנד לאָזט מען ניט היילן זיך אין די קאַווקאַזער קורערטער, און אַזוי ווייטער.

נאָך די פֿאַקטן קומער די מסקנות. יידן האָבן אַ קענטלעכן חלק אין אַנטוויקלען די רוסישע עקאָנאָמיק און אַנדערע צווייגן פֿון רוסלענדער־לעבן, דעריבער קומט זיי גלייך־באַרעכטיקונג. דאָס וועט זיין רוסלאַנדס טובה אויך. יידן קומט דאָס, כאָטש די מערהייט זייערע וועט נאָך לאַנג זיין קולטורעל אַנדערש ווי די רוסן. אָבער סוף־כל־סוף וועלן יידן זיך אויסגלייכן מיט דער רוסישער באַפּעלקערונג, והאָ־ראַיה — יידן אין מערב־אייראָפּע. די געבילדעטע יידן וועלן אָננעמען די רוסישע קולטור אַ סך גיכער, פֿאַראַן דערויף שוין גענוג באַווייזן. יידן נעמען אָן מיט חשק אַ העכערע קולטור, אויב מען לאָזט זיי נאָר. דאָס ווייזט זיך אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע.

קיין ענטפֿער פֿון מוראַוויאָוון איז קיין מאָל ניט געקומען. קאָוונער איז געווען איינגעגלייבט אין לאָגיק, מוראַוויאָוו האָט געהאַלטן פֿון פּאָליטיק.

באַגעגעניש מיט פּאַפּירנאָן אין פּלאָצק

אויף צו רעווידירן די רעגירונג־אינסטיטוציעס איז קאָוונערן אָפּט אויסגעקומען אַרומצופֿאָרן. האָט ער זיך דערוווּסט, אַז אין דער שכנישער גובערניע־שטאָט פּלאָצק וווינט ווי אַ באַשיידענער לערער פֿון יידישער רעליגיע, זיין אַמאָליקער חבר־קעגנער פּאַפּירנאָ. קאָוונער האָט זיך דער־פֿרעגט צו אים און אים אָפּגעשטאַט אַ וויזיט. ביידע זיינען שוין געווען גרוי. פּאַפּירנאָן איז געווען גאָר מאָדנע אויפֿן האַרצן. אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט איז שוין קאָוונער געווען פֿאַרגעסן. נאָך דער גרוי־סער אויפֿרודערונג פֿון דעם פּראָצעס האָט מען אים אין גאַנצן פֿאַרלוירן פֿון די אויגן, און אַ סך מענטשן האָבן געמיינט אַז ער איז טויט.

זיי האָבן זיך געדריקט די הענט. קאָונער האָט דערציילט אַ ביסל וועגן די צענדליקער יאָרן פון זיין לעבן אין אַ רוסישער סביבה און וועגן דעם, אַז ער איז געוואָרן אַ קריסט.

אין גאַנג פון שמועס האָט פּאַפּירנאָ געפרעגט ביי קאָונערן, צי ווייסט ער וועגן דער איצטיקער לאַגע פון יידן און וואָס זיי האָבן איבער־געלעבט אין משך פון דער צייט. ווי אַן ענטפער האָט קאָונער איבערגע־געבן פּאַפּירנאָן וועגן זיין מעמאָראַנדום צו מוראַוויאָוון און איבערגעלייענט פאַר אים פון אָנהייב ביזן סוף דעם דאָקומענט, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך.

„דאָס לייענען האָט געדויערט אַ שעה צייט", דערציילט פּאַפּירנאָ, „ס'איז געווען אָנגעשריבן זייער גוט. אַלץ איז געווען לאָגיש מאָטיווירט, און איך האָב זיך געוווּנדערט, ווי גוט ער קען אַלע פּרטים וועגן דער לאַגע פון יידן. ער האָט געלייענט מיט פיל געפיל. עס איז געווען קלאָר, אַז די ווערטער קומען פון אַ טיף ליבנדיק האַרץ. און וואָס וויטער ער האָט געלייענט, אַלץ מער איז ער געוואַקסן אין מיינע אויגן..."

די אַלטע פריינד האָבן זיך צערעדט וועגן דער העברעיִשער ליטע־ראַטור. פּאַפּירנאָ האָט דערציילט, אַז אין דער דאָזיקער ליטעראַטור איז אַן אויפלעבונג. קאָונער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „אַ שאָד די כוחות און די טאַלענטן וואָס גייען אין ניוועץ". נאָר פון דעסט וועגן איז ער געווען זייער פאַראינטערעסירט, ווען פּאַפּירנאָ האָט אַראָפּגע־נומען פון דער פּאָליצע זיינע אַמאָליקע צוויי ביכלעך חקר דבר און צרור פרחים. ער האָט זיך אויסגעבעטן, אַז פּאַפּירנאָ זאָל אים אויסלייען דיביידע ביכלעך, און ער האָט זיי טאַקע מיטגענומען קיין לאָמזע. אַליין האָט ער גאָרניט געהאַט פון זיינע אַמאָליקע שריפטן נאָך דעם ווי מען האָט דאָס ביי אים צוגענומען אויפן וועג קיין סיביר.

פּאַפּירנאָס פראַגע, צי קאָונער ווייסט וועגן דעם וואָס מען טוט אָפּ מיט יידן, איז געווען אַ גאַנץ נאַיִווע, וואָרעם דאָס האָבן געוווּסט אַלע אינטעליגענטע מענטשן אין רוסלאַנד. אָבער דעם גראַד פון קאָונערס פאַרקאָכטקייט אין דעם ענין האָט פּאַפּירנאָ פאַרשטייט זיך ניט געקענט משער זיין. דער אמת איז, אַז די פּראָבלעם יידישע רעכטלאָזיקייט האָט ניט אויפגעהערט עגבערן קאָונערן אַלע יאָרן, און אין דער אָפּגעריסנקייט

פון זיין לאַמזער פּריוואַטן לעבן איז זיין ליידנשאַפט אַרום דעם ענין געוואָרן אפשר נאָך גרעסער. דער מעמאָראַנדום צו מוראַוויאָוון איז איין ראַיה דערויף. נאָך אַ סך שטאַרקערע ראיות געפינען מיר אין זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט ראַזאַנאָוון, וואָס האָט זיך געצויגן אַ יאָר אַכט, כמעט ביז קאָווגערס טויט.

דער משומד מאָנט גלייכע רעכט פאַר יידן

דאָס בילד וואָס אַנטפּלעקט זיך האָט אין זיך שטריכן פון טראַגיק און פון גראָטעסק. קאָוונער אַליין רעדט כסדר, ווי גליקלעך ער לעבט מיט זיין פרוי. ער אַליין איז אַ רוסישער באַאַמטער אין אַ פּוילישער פּראָווינצשטאָט, ווו די רוסישע באַאַמטנשאַפט איז אַ קליינע מינאָריטעט אַנטקעגן די לאָקאַלע יידן און פּאָליאַקן. טייל מאָל דוכט זיך אים, און מסתמא איז דאָס אמת, אַז זיינע רוסישע קאָלעגן רופן אים הינטער די פּלייצעס „זשיד״; דאָס איז דערפאַר, טראַכט ער, ווייל זיי שפּירן, אַז אין געוויסע פּרטים איז ער העכער פון זיי. נאָר אין אַלגעמיין האָבן זיך די באַאַמטע געוויס באַנומען צו אַ געוועזענעם יידן מיט מער פריינדלעכקייט איידער זיי וואָלטן דאָס געטאָן ערגעץ אין צענטראַל-רוסלאַנד. אָבער קאָוונער פירט אַ מין טאָפּל לעבן. ער טוט די אַרבעט וואָס זיין פּאָסטן פאָדערט, אָבער ער האַלט זיך אין אַ זייט פון די קאָלעגן, ווייל זיין פרייע צייט באַדאַרף ער האָבן אויף לייענען און שרייבן — סיידן זיין געמיט האָט אים אַזוי געדריקט, אַז די הענט האָבן זיך בכלל ניט געהויבן עפּעס צו טאָן.

אויב זיין פרוי איז געווען אַזוי איבערגעגעבן צו אים ווי ער שרייבט דאָס ראַזאַנאָוון ניט-געפרעגטערהייט, איז ער געוויס איר געווען איבערגעגעבן ניט ווייניקער; נאָר מיט זיינע גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן האָט ער זיך מיט איר משמעות ניט געקענט אָדער ניט געוואָלט טיילן. און ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט זיין, איז זיין גאַנצע גייסטיקע ענערגיע געווען אָנגעשפּיצט אויף איין פּונקט: גלייכע רעכט פאַר יידן. צי איז דאָס פּשוט געווען אַ המשך פון זיינע קאַמפן אין די יונגע יאָרן אָדער עס איז נאָך צוגעקומען אַ געפיל פון שולד, אַז ווייל ער איז מיט זיין לעבן אַוועק פון יידן קומט ער זיי דערפאַר אַ ספּעציעלן חוב?

ער אַליין וואָלט זיך געוויס ניט מודה געווען, אַז עס נאָגט אים אַ געפיל פון שולד. ער איז געווען, און געבליבן ביז זיין לעצטן טאָג, אַ ראַציאָנאַליסט, און דער שכלדיקער חשבון האָט געשטימט. אַ ייִד לויט דער אמונה האָט ער אויפגעהערט זיין נאָך בשעת ער איז געווען אַ העב־רעיִשער שרייבער. פון ייִדישן לעבן און פון דער ייִדישער קולטור איז ער אויך שוין געווען אַוועק לאַנג־לאַנג. אין דער רוסישער קולטור האָט ער זיך איינגעלעבט. טאָ וועמען קומט ער עפּעס? דאָס וואָס ער טראַכט אַזוי פיל וועגן דעם מצב פון ייִדן איז נאָר דערפאַר ווייל עס איז אויך זיי אַזאַ רחמנות. לאָמיר אים ניט מישפּטן צו שאַרף פאַר אַ פּסיכאָלאָגי־שער בלינדקייט וואָס איז כאַראַקטעריסטיש ניט נאָר פאַר אים און ניט נאָר פאַר די קינדער פון זיין דור. היינט, מיט אַ פופציק יאָר נאָך קאָוו־נערס טויט, זיינען אויך פאַראַן ייִדישע כלל־טוערס, וואָס פון זייער אַר־בעט איז מען צופרידן, נאָר ווען עס קומט צו רייד וועגן מאָטיוון, וועלן זיי זיך איילן אייך צו זאָגן, אַז זיי זיינען ניט אויסן נאַציאָנאַלן קיום און אַפילו ניט כלל־ישראל פון איצט, זיי זיינען אויסן מערניט הומאַניטאַרע צילן. פאַרשטייט זיך אַליין איז איינס און גוטע אָדער שלעכטע מעשים איז עפּעס אַנדערש.

אין 1897, ווען קאָוונער האָט אָנגעגעבן מוראַוויאָוון זיין מעמאָראַנ־דום און אַרגומענטירט פאַר ייִדישער גלייך־באַרעכטיקונג, האָט זיך אויפ־געקליבן אין באַזל דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס און אין ווילנע דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון בונד. מיט אַנדערע ווערטער, עס האָבן זיך שוין אויסגעפורעמט מאַסנדיקע באַוועגונגען וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו בייטן די לאַגע פון ייִדן דורך אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט־לעכע אָנשטרענגונגען. וועגן דער גרינדונג פונעם אונטערערדישן בונד האָט קאָוונער געוויס אַפילו ניט געהערט. וועגן הערצלס אויפטו האָט ער יאָ געמוזט לייענען, און אין 1903 האָט ער אַפילו געשריבן אין אַן אַרטיקל, אַז דער ציוניזם האָט אַ „גרויסן געזעלשאַפטלעכן באַטייט". כאָטש ער אַליין האָט גאָר געהאַט אַ פּלאַן, אַז די רוסישע רעגירונג זאָל באַזעצן ייִדן אין סיביר, האָט אים פאַרדראָסן, וואָס אין דער רוסישער פּרעסע מאַכט מען די אידעע פון אַ ייִדישער מלוכה צו קליינגעלט.

אָבער אַפילו ווייטגרייכיקע רעפאָרם־פּלענער פאַר ייִדן האָבן זיך

ביי אים ניט געבונדן מיט נאַציאָנאַלן איבערבוי פון אונטן. ער איז אויסגעוואַקסן אין אַ תקופה, ווען מאַסנדיקע באַוועגונגען זיינען נאָך גאָרניט געווען קיין עלעמענט אין דער געזעלשאַפטלעכער קאַלקולאַציע. די משכּילים האָבן געהאָפט אויף דער רעגירונג, אַז זי וועט ברענגען צו ייִדן בילדונג; דער ראַדיקאַלער יונגער קאָוונער האָט געהאָפט, אַז רעפאָרמען מצד דער רעגירונג וועלן פאַרבעסערן דעם עקאָנאָמישן מעמד פון ייִדן; קאַראַקאָזאָוו האָט געמאַכט זיין אַטנטאַט בכדי צו וואָרענען די מאַכטהאָבערס און צו צווינגען זיי צו פאַרקערעווען זיך אויף מער אַ ליבעראַלן וועג. אַלץ אַקטן פון יחידים, אַלץ השפּעה אויף קליינע גרופּעס וואָס קענען און ווייסן ניט אָדער וואָס ווייסן און ווילן ניט. ווי אַזוי מען זאָל זיך ניט באַציִען צו דער פּראָבלעם יחידים און מאַסע — און די געשעענישן אין דער וועלט נאָך 1917 גיבן דאָ גאָר אַ סך מאַטעריאַל צום איבערטראַכטן — נאָר פאַרשטיין קאָוונערן מוז מען מתוך זיינע אייגענע אידעעס. איז בשעת ער האָט געוואָלט טאָן פאַר ייִדן האָט ער לויט זיין מהות ניט געקענט גיין צו די ייִדן פון זיין ווינשטאָט און זיי נעמען אָרגאַניזירן; פון זיי האָט ער זיך טאַקע געהאַלטן ווייט.

נאָך אין זיינע בריוו צו דאָסטאָיעווסקין האָט קאָוונער אַרויסגעוויזן אויף זיין שטייגער גאָר שטאַרקע ייִדישע כּלל-געפילן. ווען מען פאַרגלייכט יענע בריוו מיט זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט ראָזאַנאָוון מיט אַ יאָר דרייסיק שפּעטער, קומט ניט ווילנדיק דער געדאַנק, אַז דאָ איז אַ גלייכע ליניע אין קאָוונערס אַקטיוויקייט. ער האָט זיך גאַנץ פרי געכאַפּט, אַז זיין אייגן וואָרט לטובת ייִדן איז ווי אַ קול אין דער מידבר, כאָטש אין זיין אמת איז ער געווען זיכער. האָט ער געזוכט אַ שטאַרקע רוסישע פּערזענלעכקייט, וואָס ער זאָל זי קענען אויסניצן ווי אַ הילכער פאַר זיינע אידעעס. דאָס איז אונדזערע אַ פאַראיינפאַכונג פון דער סיטואַציע, מחמת אַ לעבעדיקער מענטש איז ניט קיין מאַשינאַווער דורכפירער פון איין אויסגעהאַלטענעם געדאַנק. מיר האָבן געזען, מיט וואָס פאַר אַ שווערע פּערזענלעכע קאָנפליקטן קאָוונער האָט זיך געהאַט צו ראַנגלען, ווי עס פלעגט אים אַ טרייב טאָן זיין אַמביציע, זיין חשק צו גיין אויף געפּלאָנטערטע שטעגלעך, זיין איינגעגלייבטקייט אין זיך. דאָס אַלץ טרעט אַרויס ממשותדיק אין זיין קאָרעספּאָנדענץ אויך, און נאָך היפּש אַנדערע עלעמענטן פון

כאַראַקטער דערצו. איין מאָל, ווען ראַזאַנאָוו האָט אים געפֿרעגט, וואָס ער טראַכט וועגן דאָסטאָיעווסקיס תשובה צו אים, האָט ער געענטפֿערט, אַז אין אַ סך זאַכן איז ער מיט דאָסטאָיעווסקין (און מיט ראַזאַנאָוון) ניט מסכּים; איבער הויפּט האַלט ער, אַז די אַסימילאַציע וועט קומען, אויב מען וועט ייִדן ניט רודפֿן; אָבער ער האָט יאָ אָנגענומען דאָסטאָיעווסקיס קוק, אַז ווען די פּראָפּאָרציע ייִדן און רוסן אין רוסלאַנד וואָלט געווען אַ פֿאַרקערטע, וואָלטן טאַקע ייִדן געווען די באַדריקערס. ער איז נאָר אין ספֿק, האָט ער צוגעגעבן (סאַרקאַסטיש?), צי ייִדן וואָלטן טאַקע ביי די רוסן אַראָפּגעשונדן די פֿעל.

אָבער אַז ער איז געווען טיף איבערגעגעבן די ייִדישע אינטערעסן אַזוי ווי ער האָט זיי פֿאַרשטאַנען — דאָס איז קלאָר ווי דער לויטערער טאָג.

דאָס רעדט זיך וועגן אַ משומד, און פּונקט ווי דעם לייענערס אויג פֿאַרהאַלט זיך, אַזוי האָט זיך געהאַט פֿאַרהאַקט דעם שרייבערס האַנט ביים פֿריִערדיקן פּאַראַגראַף. אָבער דאָס איז אויך איינע פֿון יענע קאָמ־פּליצירטקייטן פֿון אַ מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, וואָס מען שאַפֿט זיי ניט אָפּ דורך דעם וואָס מען איגנאָרירט זיי. די ייִדישע געשיכטע ברענגט דאָך אונדז באַריכטן וועגן משומדים וואָס האָבן געוואָלט ייִדן גוטס טאָן און טאַקע געטאָן אויך. און אַגב ווייסן מיר שוין, אַז די באַציִונג פֿון ייִדן צו „גוטע משומדים" איז אין פֿאַרשיידענע צייטן געווען גאָר אַנדערש ווי אונדזער מוקצה־באַציִונג היינט. אָט האָבן מיר דאָך געזען, אַז ביי פּיאָ־דאָראָווון זיינען משכּילים געווען בני־בית, און פּראָפֿעסאָר כוואָלסאָן אין פּעטערבורג האָט זיך אין המליץ עפּנטלעך באַרימט, אַז ווען מען דאַרף עפּעס פּועלן ביי מלכות קומט מען צו אים, דעם משומד, און אויף דעם העברעיִשן פּאָעט קאָנסטאַנטין שאַפּיראָ האָט מען ביי ייִדן געשריבן די שענסטע הספּדים, כאָטש באַגראָבן איז ער צווישן גויִם.

פֿון דער קאָרעספּאָנדענץ מיט ראַזאַנאָוון זעען מיר אַרויס קאָוונערס פּאָליטישע בליקן. ער האָט פֿיינט געהאַט דעם צאַריזם, און הגם ער האָט ריזיקירט ניט נאָר מיט זיין אָפֿיציעלן פּאָסטן, נאָר אויך מיט זיין פֿריי־הייט, האָט ער זיך ניט אָפּגעהאַלטן פֿון אַרויסזאָגן זיך אָפֿן. פֿון דער קאָרעספּאָנדענץ זעען מיר אויך אַרויס די יסודות פֿון זיין ייִדישער פּראָ־גראַם: פֿרייע עקאָנאָמישע מיגלעכקייטן, און פֿולע אויסגלייכונג און רעכט

דאַרפֿן פירן צו אַ פֿאַררוסונג פון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. פאַר דעם וואָס מיר רופֿן היינט אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער קולטור האָט דער קאָוונער פון 1900 געהאַט נאָך ווינציקער חוש איידער דער קאָוונער פון פֿאַרן מאָסקווער פּראָצעס; דעמאָלט האָט ער כאָטש געדעדט וועגן דער ייִדישער „נאַציאָנאַליטעט" און וועגן אַ ייִדישער וויסנשאַפֿט אויף רוסיש. אין איין פּונקט בלייבט ער בפירוש געטריי זיין ליבעראַ־ליזם; ער ווייסט פֿאָרויס, אַז פֿאַררוסט וועלן ווערן נאָר די געבילדעטע ייִדן, אָבער גלייכע רעכט קומט לויט זיין מיינונג אויך יענע ייִדן וואָס וועלן נאָך לאַנג בלייבן ביי זייערע ייִדישע באַזונדערקייטן. געוועזן אַנדערע אַסימילאַטאָרן, ניט־געשמדטע אויך, וואָס האָבן די פּרעמיע פון גלייכע רעכט געוואָלט געבן נאָר די פֿאַררוסטע אָדער פֿאַרפּוילישטע.

טאַטע און זון

פון די ניינציקער יאָרן איז אונדז געבליבן אַ ביסל אַ צעטומלטער באַריכט וועגן אַ באַגעגעניש מיט קאָוונערן. יעקב־מאיר פרייד, לאַנגע יאָרן אַ בוכהענדלער אויף רימאַרסקע גאַס אין וואַרשע און אַ ציוניסטי־שער טוער, האָט גאַענט צום סוף פון זיינע יאָרן אַרויסגעגעבן אין תּל־אביב עטלעכע בענד זכרונות. דערמאָנט ער זיך, אַז ווען ער איז נאָך געווען גאָר אַ יונגער מאַן, האָט ער זיך אין וואַרשע באַקענט מיט קאָוו־נערס זון — פֿאַרשטייט זיך, דער זון פון דער ערשטער פרוי, וואָרעם ניט מיט סאָפיע קאַנגיסער און ניט מיט זיין רוסישער פרוי האָט קאָוונער קיין קינדער ניט געהאַט. דער זון האָט שוין דעמאָלט געמוזט זיין אַרום דרייסיק, און פרייד מאָלט אים ווי אַן אויסטערלישן מענטשן; צווישן אַנדערע האָט ער זיך פֿאַרנומען מיט אויסלייען אומלעגאַלע פּאָליטישע ביכלעך פאַר געלט, און פרייד איז געווען איינער פון זיינע קליענטן. האָט דער יונגער קאָוונער אייך מאָל פֿאַרבעטן דעם נייגעריקן יונגן־מאַן צו זיך כדי אים צו באַקענען מיט זיין פֿאָטער. פון דער באַגעגענישן איז ביי פריידן געבליבן אַ ביטערניש אויף אַלע יאָרן. ער דערציילט, ווי ער האָט איבערגעגעבן דעם עלטערן קאָוונערן וועגן דעם גרויסן פּראָגרעס אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, און ווי ער האָט אים דערביי געוויזן ביכלעך פון די נייע פּאָפּולערע „סיפרי אגורה" וואָס בן־אביגדור האָט

אַרויסגעגעבן אָנהייב די נײַנציקער יאָרן, געמיינט האָט ער, אַז קאָונער וועט זיך געוואַלדיק דערפרייען, וואָס זײַן אַמאָליקע פּראָגראַם פון פּאָפּולער געשריבענע ביכלעך פאַרן פאָלק ווערט מקוים; אַנשטאָט דעם זאָל אים קאָונער האָבן געענטפערט, אַז ער איז אַ רוסישער באַאַמטער און אים אינטערעסירן ניט קיין שום ייִדישע עסקים. עפּעס איז ניט פּינקטלעך אין פריידס באַשטימען די צײַט פון דער באַגעגעניש. אַפילו קאָונערס נאָמען האָט ער צעפּלאָנטערט, ער רופט אים „אַברהם־צבי". אויך ווייסן מיר: דער מעמאָראַנדום צו מוראַוויאָוון און אַ סך אַנדערע פאַקטן זאָגן עדות שוין גאָר אויף אַ גרויסן אינטערעס צו ייִדישע עסקים. אָבער אַזוי ווי עס איז ניטאָ קיין שום גרונט צו ספקן אין דער באַגעגעניש גופא, דאַרף מען אָננעמען, אַז קאָונער האָט אַרויסבאַוויזן זײַן גלײַכגילט צו דער העברעיִשער ליטעראַטור אין אַלע אירע פאָרמען (פּאַפּירנאַ אין פלאָצק האָט געהערט פון אים דאָס אייגענע), און דעם יונגן באַגײַסטערטן העברעער איז דאָס פאַרגאַנגען אין דער זיבעטער ריפּ.

אַז ער שטייט אין פאַרבינדונג מיט זײַנע ביידע קינדער פון דער ערשטער פרוי האָט קאָונער אויך דערמאָנט 1902 אין אַ בריוו צו ראַזאַנאָוון.

עס איז פאַראַן אַ רוסישע בראָשור פון 1908, אַ יאָר פאַר קאָונערס טויט, וואָס רופט זיך: „די שפּראַך פון פאַקטן" און גיט אַן איבערבליק איבער דער עקאָנאָמישער און רעכטלעכער לאַגע פון ייִדן אין רוסלאַנד. ווי אַ מחבר פיגורירט: „א. ק—ר", אָבער אונטן אויפן שער־בלאַט שטייט: „מ. אַ. קאָונערס אויסגאַבע" און דאָס אידענטיפיצירט דוכט זיך אָן שום ספק קאָונערן דעם פאָטער ווי דעם שרײַבער און קאָונערן דעם זון ווי דעם אַרויסגעבער. וואָס פאַר אַ נאָמען עס שטעקט הינטער דעם „מ." ווייסן מיר ניט. עס געשיקט זיך גרײַלעך, אַז די דאָזיקע בראָשור ברענגט, אפשר מיט געוויסע מאָדיפיקאַציעס, קאָונערס מעמאָראַנדום צו מוראַוויאָוון פון 1897.

קאָונער שרײַבט צום לעצטן מאָל העברעיש

אי אין זײַן שמועס מיט פּאַפּירנאָן אי אין אַ בריוו צו ראָזאַנאָוון האָט קאָונער געזאָגט, אַז פון זינט אַ דרײַסיק יאָר האָט ער קיין העברעיִש

מער ניט געשריבן און ניט געלייענט, אַז ער האָט זיך שוין אָפּגעווינט פון דער שפּראַך. אָבער עס האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט וואָס האָט באַוויזן, אַז דאָס לערנען פון די יונגע יאָרן פאַרגעסט זיך ניט.

אין 1904, האָט ראובן בריינין אָפּגעדרוקט וועגן קאָוונערן פיר שאַרפע אַרטיקלען. ניט וועגן נייעם קאָוונערן: בריינין האָט אויך געמיינט, אַז קאָוונער איז שוין לאַנג געשטאָרבן, נאָר וועגן קאָוונערס ראָלע אין דער אַמאָליקער העברעיִשער ליטעראַטור. דעמאָלט האָט קאָוונער אָנגע־שריבן צו בריינינען אַ פּריוואַטן העברעיִשן בריוו, און נאָך קאָוונערס טויט האָט בריינין פּובליקירט דעם טעקסט.

קאָוונער גיט צו וויסן בריינינען, אַז שוין צענדליגער יאָרן ווי ער שרייבט ניט און לייענט ניט קיין העברעיִש. נאָר איצטער האָט אים איי־נער פון זיינע ברידער צוגעשיקט בריינינס אָנפאַלערישע אַרטיקלען און געפרעגט, צי די אָנפאַלן זיינען באַרעכטיקטע. איז אים איינגעפאַלן צו שרייבן בריינינען פּערזענלעך, ניט פאַר די לייענערס. תחילת האָט ער געהאַט אין זינען צו שרייבן רוסיש; בריינין קען דאָך געוויס אָט די שפּראַך, ווי ס׳איז צו זען פון זיין דערמאָנען פּיסאַרעוון. „אָבער דערנאָך האָב איך באַשלאָסן ביי זיך — איך ווייס אַליין ניט פאַר וואָס— צו שרייבן עטלעכע שורות אויף דער שפּראַך, וואָס אויף איר איז געשריבן אייער אַרטיקל. אויב איר וועט געפינען אין אים וועלכע עס איז גרייזן, טאָ זייט מוחל״.

קאָוונער האָט אויסגעלייגט זיינע טענות אין זעקס פּונקטן.

א) בריינין האָט ניט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי קאָוונערס דאַרע־קוואַרע אַרטיקלען, וואָס אין זיי זיינען ניט געווען קיין שום נייע מיינונ־גען און געדאַנקען, האָבן בשעתו געקענט מאַכן אַ רושם. קאָוונער ענט־פערט מיט עניוות אָבער אויך מיט פעסטקייט און, לאָמיר מודה זיין, מיט אַ סך מער באַרעכטיקטקייט איידער בריינין: „ס׳איז אמת, אַז אין מיינע ביכער חקר דבר און צרור פּרחים זיינען ניטאָ קיין נ יי ע ב ל י ק ן, וואָס אַזוינע שאַפן נאָר איינציקע צווישן טויזנטער גרויסע שרייבערס אין דער וועלט, אָבער זאָגן אַזוי פּראָסט־פּשוט, אַז אין מיינע אַרטיקלען זיינען כלל ניטאָ קיין מיינונגען און געדאַנקען — דאָס איז אַ זינד קעגן אמת״. דערויף זאָגן עדות די אויסצוגן וואָס בריינען גופא

ברענגט, למשל וועגן די העברעיִשע רעדאַקטאָרן. ספּעציעל הייבט קאָוו־נער אַרויס זיינע נאַטור־וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען. „און אויב איר וועט זיך באַטראַכטן, אַז די דאָזיקע אַרטיקלען זיינען געשריבן געוואָרן מיט פערציק יאָר צוריק, און אַז די מענטשן פון יענעם ייִדישן דור, וואָס האָבן ניט געקענט קיין לעבעדיקע שפּראַכן האָבן יעמאָלט גאָרניט געוווּסט וועגן די נייע מיינונגען... קען איך זאָגן מיט אַ פולן מויל, אַז אין יענע אַרטיקלען מיינע געפינען זיך יאָ נייע מיינונגען און געדאַנקען פאַר די העברעיִשע לייענערס פון יענער צייט".

ב) קאָוונער האָט ניט אויסגענוצט, שרייבט ברייניך, די מיטלען פון סובטילער איראָניע, ער האָט זיך סתם געזידלט. דער ענטפער: ס׳איז יאָ פאַראַן איראָניע אין זיינע ביכער און אַרטיקלען, ער האָט זיך דאָס גע־האָט געלערנט ביי היינען, בערנען און גאָגאָלן; בערנער איז ביי אים אַפילו דערמאָנט בפירוש.

ג) קאָוונער האָט ניט געשפּירט, שרייבט ברייניך, די מיאוסקייט פון מליצה, אַליין זיך אויך ניט באַפרייט פון איר.

ענטפער: דאָס איז ממש אַ געלעכטער. ער האָט דאָך דער ערשטער אַראָפּגעריסן די מליצה־שרייבערס און זיך געפליסט צו שרייבן פשוט און פאַרשטענדלעך; „אַדרבא, איך האָב געהערט פון אַ סך שרייבערס (אַזוינע ווי י. ל. גאָרדאָן, ליליענבלום, פּאַפּירנאָ און נאָך) אַז ביז מיר זיינען נאָך ניט געווען אַזעלכע יונגע שרייבערס וואָס זאָלן שרייבן אויף אַזאַ קלאָרער און ריינער שפּראַך ווי איך".

ד) ביי ברייניכן גופא זעט זיך אַ סתירה: אַט איז קאָוונער דער פּעיִקסטער און דער צום מערסטן געבילדעטער צווישן די קריטיקערס פון זיין צייט, און אין אַנדערע ערטער איז ער אים אין גאַנצן מבטל.

ה) און קאָוונער לאַכט אָפּ פון אַזוינע נייע „העברעיִשע" ווערטער ביי ברייניכן ווי מודרניים (מאָדערנע), בנליים (באַנאַלע) פּתוס (פּאַטאָס) וכדומה. ער איראָניזירט: ער האָט שוין זייער לאַנג ניט געלייענט קיין העברעיִש, פאַרשטייט ער דאָס ניט. דערנאָך גיט ער צו: אויב שוין יאָ ניצן פרעמד־ווערטער, וואָס זיינען גענומען פון רוסיש אָדער פון דייטש, טאָ פאַר וואָס בייטן דעם אויסלייג? פאַרוואָס פּתוס און ניט פּאַטהאָס? דאָס אייגענע ביי נעמען; וואָס עפּעס קובנר און ניט קאָוונער?

אומגעריכט לאָזט קאָוונער אויס אַ ביסל אומבאַהאָלפן, אַז ס׳רירט אָן ביים האַרצן: „עס קען זיין, אַז עס וועט זיך אייך ווילן מיר עפּעס ענטפערן אין אַ בריוו, דעריבער גיב איך אייך מיין אַדרעס...״

בריינין האָט ניט געענטפערט. ער איז געווען מיט צוואַנציק יאָר ייִנגער פאַר קאָוונערן און האָפערדיק. אָבער אַז ער זאָל האָבן פאַרשטאַנען די דראַמע פון די זעכציקער יאָרן אין דער העברעיִשער ליטעראַטור — דאָס וועט קיינער ניט זאָגן.

קאָרעספּאָנדענץ מיט ראָזאַנאָוון

מיר קומען איצט צו צום ענין וואָס איז שוין אַ סך מאָל אָנגערירט געוואָרן פאַרבייגייענדיק — צו קאָוונערס קאָרעספּאָנדענץ מיט ראָזאַנאָוון. זי איז פול מיט אינטערעס צוליב אירע טעמעס, אָבער ניט ווייניקער איז זי וויכטיק אויף צו פאַרשטיין די רעטענישן אין קאָוונערס פּערזענ־לעכקייט.

עס איז פריִער געקומען צו רייד וועגן קאָוונערס זוכן שטאַרקע מענטשן, זיי זאָלן אים העלפן טאָן פאַר ייִדן דאָס וואָס ער אַליין איז ניט געווען בכוח. דאָס איז געוויס ריכטיק. דאָס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אַפילו סוואָרינען, דעם רעדאַקטאָר פון דער רעאַקציאָנערער נאָוואָיע וורעמיאַ, אויסגעזוכט מיט זיין בליק. ער האָט די נאָוואָיע ווּרע־מיאַ פיינט געהאַט פאַר איר רעאַקציאָנערישקייט און איר אַנטיסעמיטיזם. ער האָט זי פיינט געהאַט פאַר איר אומפריינדלעך־ביטולדיקער באַציִונג צו זיין פריינד ראָזאַנאָוון, אירס אַ מיטאַרבעטער. אָבער אפשר פאַרט? אפשר וועט די ישועה קומען פון דעם אָרט? מען טאָר ניט איבערקלייבן, פון ביטערס קען אַרויסקומען זיס, איין שאַנס פון טויזנט טאָר מען אויך ניט מבזה זיין. האָט קאָוונער געשריבן צו ראָזאַנאָוון, כאָטש ער האָט זיך זיכער אַליין געוואָרגן מיט דעם: אפשר איז אַ סברה, איר זאָלט ווייזן סוואָרינען מיין מעמאָראַנדום (אַלץ דער זעלביקער מעמאָראַנדום צו מור־ראַוויאָוון), ער וועט דאָך ניט האָבן וואָס צו ענטפערן אויף מיינע ראַיות, וועט ער דאָך מוזן רעאַגירן לטובה; און אפשר איז בעסער איך זאָל דאָס צושטעלן אויף פראַנצייז, וועט סוואָרין מיינען, אַז דאָס קומט פון אויס־

לאַנד, און וועט זיך גיכער איינהערן? אַזוי כאַפּט זיך אַ דערטרינקענדי־קער פּאַר אַ שטרויעלע.

אָבער אַן אַקט קען האָבן מער ווי איין פּסיכישן וואָרצל און מער ווי איין פּסיכישע פונקציע. זוכנדיק אַ העלפער פאַר יעדן האָט קאָוונער אוודאי ניט־וויסיק געזוכט אַ העלפער פאַר זיך אַליין אויך. ביי זיין גאַנצער זיכערקייט אין זיך (אַ מענטשלעכע נשמה איז אַ קעסלגרוב ניט צו דער־גרונטעווען) האָט ער אַ פּנים געדאַרפט האָבן אַ שטאַרקערן בוים, וואָס אין אים זאָל ער זיך קענען אָנשפּאַרן. אַן אָנצוהערעניש דערויף געפינען מיר אין זיינע בריוו צו גאָרדאָנען. שפּעטער האָט ער זיך געטוליעט צו דאָסטאָיעווסקין. אין 1886 האָט ער זיך געפּרוווט צוטוליען צו לעוו טאָל־סטאָיען. ער האָט אים געשיקט זיין מאַנוסקריפּט: „פאַר וואָס איך גלייב ניט״, געבעטן זיך ביי אים: „גיט מיר גלויבן״ און אויסגעלאָזן דעם לאַנגן בריוו, אַז אויב ער וועט באַקומען אַן ענטפער, וועט ער זיך פאַר טאָל־סטאָיען מתוודה זיין אין עפּעס אַזוינס וואָס טרייבט אים שיער ניט צו נעמען זיך דאָס לעבן. קיין שום ענטפער איז ניט געקומען; ערשט מיט חדשים שפּעטער, נאָך אַ דערמאָנונג מצד קאָוונערן איז דער מאַנו־סקריפּט אָנגעקומען צוריק אָן שום צושריפט און קאָוונער איז געווען טיף באַליידיקט; אַ שטיקל טרייסט איז געווען פאַר אים, ווען ראָזאַנאָוו האָט אים שפּעטער געשריבן וועגן טאָלסטאָיען פאַרשיידענע פּרטים וואָס האָבן געוויזן, אַז טאָלסטאָי איז בכלל ניט קיין מלאך. אין ראָזאַנאָוון האָט קאָוו־נער, באמת געפונען אַ ברודער אין גייסט. איין מאָל זיכער, און אפשר מער, איז ער געפאָרן מיט דער פרוי קיין פּעטערבורג, און זיי זיינען אויך געווען ביי ראָזאַנאָוון אין שטוב. אָבער נאָך איידער זיי האָבן זיך געהאַט געזען, האָט זיך איינגעשטעלט צווישן זיי האַרציקייט און צוטרוי, און ווען קאָוונער שרייבט אים „טייערער וואַסילי וואַסילעוויטש״ אָדער „מיט געטרייער ליבשאַפט״, איז דאָס ניט קיין קאָנווענציאָנעלע מליצה, נאָר עס זעט זיך דאָס געעפנטע האַרץ פון אַ מענטשן וואָס לעכצט נאָך פריינט־שאַפט. דערביי פאַרבייגט ער אָבער ניט זיין אייגענעם כבוד אויף אַ האָר און ווען ער דאַרף אַרויסזאָגן אַ קוק וואָס איז, פונקט דער היפוך ווי ראָזאַנאָווס שאַנעוועט ער ניט יענעמס שפּירעוודיקייט.

ראָזאַנאָוו וואָלט ניט ווינציקער ווי קאָוונער געקענט זיין אַ העלד

פון אַ שפּאַנענדיקן פּסיכאָלאָגישן ראָמאַן. דער ברייטערער עולם האָט אים געקענט ווי אַ מיטאַרבעטער פון נאָוואָיע ווערעמיאַ און ממילא האָט מען אים צוגערעכנט צו יענער מחנה. אין דער אמתן, איז ער אין דער צייטונג געווען אַ זייטיקער, צו מאָל אַן איינגעבעטענער. ניט אַלע אַרטיקלען זיינע האָט מען געדרוקט, און מיטאַרבעטערס וואָס האָבן אים ניט געגרייכט ביז די קני פלעגן פון אים אונטערחוזקן. ער האָט געליטן, ווייל די צייטונג איז געווען זיין איינציקער מקור פון חיונה; אַ מאָל האָט ער געהאַט אַ שטעלע אין דער קאָנטראָל־קאַמער אין פּעטערבורג נאָר ווי אַ באַאַמטער האָט ער זיך ניט אויסגעטויגט. ער האָט געהאַט אַ פרוי און פינף קינדער און האָט געמוזט זאָרגן פאַר זיי. אין דער פּאָליטיק פון דער צייטונג האָט ער זיך ניט געמישט, זיינע אייגענע אַרטיקלען זיינען ס׳רוב געווען אומפּאָליטישע. זיין קאָפּ און זיין האַרץ זיינען געלעגן גאָר ערגעץ אַנדערש.

ער איז געווען אַ רעליגיעזער פילאָסאָף, איינער פון די חשובסטע מענטשן אין דער פּעטערבורגער „רעליגיעז־פילאָסאָפישער געזעלשאַפט" וואָס האָט ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה גרופּירט אַרום זיך ניט־מאַטעריאַליסטישע רוסישע דענקערס און שרייבערס. זיין גלויבן איז געווען קוואַליק, פון אינעווייניק אַרויס. אַלץ וואָס ער האָט גענומען פון ביכער האָט ער אַריינגעוועבט אין זיין אייגענער אינטויציע.

„פאַראַן זאַכן, וואָס זייער געוואַלדיקע ווערדע פילט מען ניט־ווילנדיק, נאָר וואָס פינקטלעך באַנעמט מען זיי ניט, און דערביבער לאָזט זיך נאָך ווינציקער אָפּוועגן זייער ווירקונג אויף דער נשמה". קאָוונער האָט אים אַ מאָל אַ זאָג געטאָן אין אַ בריוו, גלייכנדיק אים צו ייִדישע מגידים, און עס קלינגט ווי אַ קאָמפּלימענט אין זיין קאָנטעקסט: „איר האָט אַ וווּנדערלעכע פעיִקייט צונויפצופירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט"; בכדי ראָזאַנאָוו זאָל פאַרשטיין די וואָרט־ביי־וואָרט־איבערזעצונג פון דעם ייִדישן אידיאָם שיקט אים קאָוונער אָפּ צו דער באַשרייבונג פון מגידים אין זיין אויטאָביאָגראַפיע.

אַלע פּרטים פון גלויבן אין קריסטוסן זיינען פאַר אים געווען אַ לעבעדיקע רעאַליטעט. אָבער די באַציִונג צווישן קריסטנטום און ייִדישקייט, צווישן ישעיה הנביא און דעם אַפּאָקאַליפּסוס, איז ביי אים אויך

געווען אַ רעאַליטעט פֿון געשיכטע און פֿון אייביקייט. דער ענין האָט אים געהאַלטן צוגעשמידט, ער האָט זיך צו אים כסדר אומגעקערט אין זשורנאַל־אַרטיקלען און אין באַזונדערע ביכער. און ווייל ער האָט געוואָלט דערשווימען ביזן גרונט האָט ער זיך ניט באַנוגנט מיט קיין שום צוגעפּאַרטיקטע אויספֿירן, אַפֿילו די פֿאַקטן האָט ער געוואָלט דערגיין פֿון דאָס נײַ, אויף זיין אייגענעם שטייגער, זיי זאָלן זיך אַריינפּאַסן אין זיין אייגענעם געדעם וויסן און טראַכטן. קאָוונער, מיט זיין פּרטימדיקער קענטעניש פֿון ייִדישן לעבן און פֿון ייִדישע ספֿרים איז פֿאַר אים געווען ווי פֿון הימל אַראָפּגעפֿאַלן. אָבער ראַזאַנאָוו האָט ניט געקוקט אויף זיין קאָרעספּאָנדענץ נאָר ווי אויף אַ מקור פֿון אינפֿאָרמאַציע. ער האָט אין קאָוונערן געפֿונען אַ קרובֿישע נשמה, און ער איז, ביי זיין גאַנצן אויסגעקלונגענעם נאָמען צווישן דער רוסישער אינטעליגענץ, אויך געווען עלנט. האָט ער זיך אָנגעטרויט קאָוונערן מיט סודות, דיסקוטירט מיט אים פּראָבלעמען, אָנגענומען פֿאַר ליב זיין שאַרפֿן ניין אין הילכות מעטאַפֿיזיק.

אָנגעהויבן די קאָרעספּאָנדענץ האָט קאָוונער 1901 נאָך דעם ווי ער האָט איבערגעלייענט ראַזאַנאָווס אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „אַ מערקווערדיק ייִדיש ליד" אין איסטאָריטשעסקי וועסטניק. דאָס איז אַן אויסטערלישער אַרטיקל, אַ מאָדנער אויסגעמיש פֿון טיפֿע דערטראַכטונגען און עלעמענטאַרער עם־הארצות, אָבער ווי אַלץ וואָס ראַזאַנאָוו האָט געשריבן, דער אויסדרוק פֿון אַ זוכעניש וואָס געפֿינט ניט קיין רו. ס'איז אים אַריינגעפֿאַלן אין האַנט אַ מאַנוסקריפּט, אַן „אויטאָביאָגראַפֿיע פֿון אַ פּראַוואָסלאַוונעם ייִדן" מיטן נאָמען צעבנשטיין. געווען איז דאָס אַן אויסגעדינטער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט וואָס איז געקומען פֿון אַ פֿרומער ייִדישער היים און איז, אַזוי האָט ער געשריבן, „אַנטלאָפֿן אין פּראַוואָסלאַוויע אַריין", ווייל ס'האָט אים צו שטאַרק געדריקט דער עול פֿון ייִדישקייט. אָבער אויף דער עלטער האָט ער זיך דערמאָנט דעטאַלן פֿון ייִדישן שטייגער און האָט זיי באַשריבן, מיט ווינציק פֿאַרשטאַנד און אויך מיט גרייזן, אָבער אָן שינאה. ראַזאַנאָוו האָט ביים לייענען דורך פֿאַלשער אינטערפּרעטאַציע נאָך צוגעגעבן אייגענע גרייזן, און טייל פֿון זיי האָט אים קאָוונער טאַקע אויפֿגעוויזן אין זיין ערשטן בריוו: אַז פֿאַרברענען חמץ איז ניט קיין „מיקווה", נאָר אַ מ י צ ו ה; אַז ביים מה־

נשתנה שטעלט זיך ניט דער זון אויפן טיש, נאָר ער שטעלט זיך אויף לעבן טיש; אַז באַרשט עסט מען ניט צום ערשטן סדר, נאָר צום צווייטן, און דאָס גלייכן. דערביי האָט אים קאָוונער געגעבן צו וויסן, אַז אין דער רעדאַקציע המליץ אין פּעטערבורג (די צייטונג איז געהאַט אַריבער־געגאַנגען אַהין פון אַדעס און קאָוונער, זעען מיר, האָט עס געוווּסט) קען מען באַקומען פאַר פופצן קאָפּיקעס אַ הגדה מיט אַ פּולער רוסישער איבערזעצונג.

אָבער צוזאַמען מיט די אָקערשט דערמאָנטע לעכערלעכקייטן איז פאַראַן אין ראַזאַנאָוס אַרטיקל עפּעס אַזוינס, וואָס האַלט געשפּאַנט. ער האָט למשל אויסגעצייכנט דערשפּירט, אַז דער צענטער פון יידישן יום־טוב איז ניט דאָס דאַווענען אין שול, נאָר די היים. די שבתדיקע און יום־טובדיקע פּירונגען קומען אויס ביי אים ווי גראַנדיאָזע אינסצעניזאַציעס, מען זאָל אַזוי שטאַרק ווי מיגלעך איבערלעבן דעם אונטערשייד צווישן וואָכעדיקייט און הייליקייט. „די זעקס טעג זיינען אַזוי ווי ד י וועלט; דער זיבעטער טאָג, שבת איז שוין י ע נ ע וועלט״. ראַזאַנאָוו זעט, אַז ניט־יידישע חגאות זיינען גאָר עפּעס אַנדערש ווי יידישע יום־טובים: אויף רוסיש הייסט אַ יום־טוב „פּראַזדניק״, און דאָס נעמט זיך פון „פּראַזדני״, ליידיק־גייעריש; הייסט עס אַ טאָג ווען מען האָט ניט וואָס צו טאָן.

לאָמיר דאָ אָפּלערנען אַ מוסר־השכל: קולטורן לאָזן זיך ניט איבער־זעצן אויף אַ פרעמדער שפּראַך.

דאָס מערקווערדיקע יידישע ליד, וואָס האָט אים פאַראינטערעסירט איז חד־גדיא. דאָס ציגעלע דערמאָנט אים אין אַ לעמעלע, און אַ לאַם איז דאָך קריסטוס אין דער קריסטלעכער טעאָלאָגיע; „ווען מיר כאַפּן זיך אויף ביי נאַכט, טראַכטן מיר וועגן דעם. און מיר כאַפּן מיט גיריקייט יעטווידער פּעדעמל וואָס האָט אַפילו ניט די מעלה פון אויפקלערן, נאָר ס׳רעדט וועגן עפּעס וואָס איז קרוביש צו דעם, נאָענט, זאָל זיין נאָר לויט דרויסנדיקער געגליכנקייט״. די וועלט אַליין קען ניט אויסקויפן אירע זינד, זי דאַרף אויסגעקויפט ווערן דורך אַ באַשעפעניש וואָס גאָט האָט ליב. צי קען דאָ דאָס יידישע ליד ניט העלפן דערפילן דעם אמת?

מיר זיינען ניט מחויב נאָכצוגיין ראַזאַנאָוון אויף זיינע פּלאָנטער־

וועגן, אָבער לאָמיר פאַרשטיין, אַז דאָ מאַטערט זיך אַ מענטש וואָס האָט זיין אמת און גאַרט נאָך אים, וואָס האָט דערקענט די מעטאַפיזישקייט פון דער יידישער עקסיסטענץ און וויל פון דער דאָזיקער דערקענטעניש אַרויסציען אַ פאָדעם וואָס זאָל אים העלפן פונאַנדערפלאָנטערן זיין אייגענעם קנויל. דאָ איז ניט שייך שאַצן, צי מיר שטימען איין מיט ראַזאַנאָוון אָדער ניט; מיר שטייען בכלל אויף אַן אַנדער פליין. אָבער אויב מען וויל משיג זיין די קאָמפּליצירטקייט פון דער וועלט מוז מען וויסן, אַז אין אַנדערע קולטורן זיינען פאַראַן מענטשן וואָס מאַטערן זיך מיט אַזוינע פּראָבלעמען.

פאַרשיידענע טעמעס אין די בריוו

באַלד אין זיין ערשטן בריוו האָט קאָוונער זיך פאַרגעשטעלט פאַר ראַזאַנאָוון ווי „איינער וואָס איז געוועזן אַ ייִד און אַ העברעישער שרייבער" און וואָס ווייטער ווערט זיין טאָן אין דער קאָרעספּאָנדענץ אַלץ מער ידידיש. די וואַרעמע מענטשלעכקייט וואָס שטראָמט פון ראַזאַנאָוון ברענגט אים באַלד דערצו, ער זאָל מאַכן אַ פאַרשלאָג וואָס קלינגט ווילד. ער, אַ זעכציקער מיט אַ גרינגן פּאָסטן און אַ פאַרזאָרגטער מיט עמעריטור ווען ער וועט מער ניט קענען אַרבעטן, איז גרייט אַוועקצוּוואַרפן אַלץ און צו ווערן ביי ראַזאַנאָוון אַ סעקרעטאַר. ראַזאַנאָוו האָט זיך געקלאָגט פאַר אים, אַז ער איז שטענדיק מיד און דאָס שרייבן קומט אים אָן שווער. גיט אים קאָוונער אָן אין נדן, אַז זיינע הכנסות פון ליטעראַטור וועלן זיך פאַרטאָפּלען און האַרעווען וועט ער דאַרפן גאָר ווייניק, ווייל דער סעקרעטאַר וועט שוין אָפּטאָן דאָס מערסטע. ער, דער קומענדיקער סעקרעטאַר, קען גוט דייטש, העברעיש („אַלט־ביבליש" רופט ער דאָס אָן), נישקשה פראַנצייזיש, און ער לייענט די לויפיקע רוסישע צייטונגען און זשורנאַלן. געוואָרן איז פון דעם גאָרניט, ווייל עס האָט זיך אויסגעלאָזן אַז ראַזאַנאָווס גאַנצע חיונה איז פון נאָוואָע ווּרעמיאַ, און פאַר קיין סעקרעטאַר וואָלט ניט געקלעקט, הגם קאָוונער האָט באַמערקט, אַז זיינע פאָדערונגען וואָלטן געווען זייער באַשיידענע.

מען האָט זיך דורכגעשריבן מיט לאַנגע בריוו און אָנגערירט די פאַרשיידנסטע ענינים. צייטנווייז גיט אַ בליק־אויף קאָוונערס ליטעראַטור־

קריטישער טאַלענט, אַ שטייגער ווען ער רעאַגירט אויף ראָזאַנאָווס באַ־מערקונג, אַז אין היינען איז פאַראַן עפּעס פון שלמה המלך: „היינע איז מיר נאָך טייערער פון שלמהן, צוליב זיין אײדעלער שאַרפקייט. אַזאַ פּאָעטישע איראָניע, חריפותדיקע און פאַר איינס באַגייסטערטע אײדעלע שאַרפקייט האָב איך לפּחות ניט געפונען ביי קיין אַנדערן... אויב איר האָט ניט געלייענט היינען אין אָריגינאַל, האָט איר ניט דערגרונטעוועט אַלע זיינע ליבלעכקייטן. די בעסטע איבערזעצונג איז געגליכן צו אַלטן גוטן וויין וואָס איז אַריינגעגאָסן אין אַ ליימענער כלי, און היינעס וויין איז געקלאָרט פאַר אַ קרישטאָלענעם בעכער פון ווענעציע אָדער פוןביימען".

מען דערדעדט זיך ביז אינטימקייט. קאָוונער האָט דערציילט פּרטים וועגן זיין טאָכטער און זיין זון. מיט דער איצטיקער פרוי, גיט ער צו, האָט ער ניט קיין קינדער און וויל ניט האָבן. ראָזאַנאָוו האָט אים גע־ענטפערט שאַרף: „דער איינציקער אומסימפּאַטישער שטריך אין אייך איז די פּרינציפּיעלע קינדערלאָזיקייט..." אויף דעם האָט קאָוונער אָפּגעענט־פערט מיט אַ געלעכטערל אַז הלוואַי וואָלט דאָס געווען זיין איינציקער אומסימפּאַטישער שטריך, נאָר דערנאָך האָט ער שוין צוגעגעבן ערנסט: „אפשר וועט איר זיין אַזוי גוט און מיר זאָגן, צו וואָס מען דאַרף קינדער? איך פאַרשטיי, אַז ווען זיי זיינען דאָ, האָט מען זיי ליב, ווי דעם אַנדערש, און מען איז זיך פאַר זיי מוסר־נפש. אָבער פאַר וואָס זאָל מען זיי וועלן? צוליב אויפהאַלטן דעם מין — אָבער וואָס איז דער ציל? ווער דאַרף עס האָבן דעם מענטשלעכן מין אין גאַנצן? קינדער קומען אויף דער וועלט לויט די געזעצן פון דער נאַטור, איך בין לגמרי ניט מחויב צו שטיצן די דאָזיקע געזעצן, וואָס ניט איך האָב זיי אויפגעשטעלט; איך בין נוטה צו דער מיינונג פון אַ סך חכמים פון תלמוד, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז בעסער איז, דער מענטש זאָל ניט זיין באַשאַפן געוואָרן אײדער יאָ".

קאָוונער איז פאַר ראָזאַנאָוון געווען (און דאָס אייגענע צוריק) חוץ אַלע זאַכן אַן אָביעקט פאַר פּסיכאָלאָגישער פאָרשונג. דעריבער האָט אים גוואַלדיק פאַראינטערעסירט ווען קאָוונער האָט אים איבערגעגעבן, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ דערציילונג „די איינציקע" ווו ער ברענגט אַרויס אַלע פּרטי־פּרטים פון זיינע באַציונגען מיט זיין פרוי, און ער האָט גע־

נומען בעטן, אַז קאָוונער זאָל דאָס אים צושיקן. קאָוונער האָט זיך גע־װענקלט. זיין פּרוּוו, האָט ער געשריבן, האָט אַ מאָל געזען די דערציילונג, און געפאָדערט, ער זאָל דאָס פאַרברענען; ער האָט קוים אָפּגעראַטעוועט דעם מאַנוסקריפּט. ראַזאַנאָוו האָט געמאָנט ווייטער און געניצט אַזאַ וואָרט ווי אָנשטעל. קאָוונער האָט נאָכגעגעבן, אָבער דאָס וואָרט האָט ער ניט געוואָלט פאַרליידן. ס׳איז ניט קיין אָנשטעל, גיט ער צו פאַרשטיין, נאָר אַ מין שעמעוודיקייט. מיך וואָלט ניט געאַרט, שרייבט ער, אויסצושפּרייטן מיין גאַנץ פּריוואַט לעבן פאַר מענטשן וואָס קענען מיך ניט פּערזענלעך, אָבער אויסבלייזן זיך פאַר אַ מענטשן, פון וועלכן מען האַלט אַזוי שטאַרק, איז שווער. ביי אַלע קולטורעלע מענטשן, און אַפילו ביי ניט־קולטורעלע, איז דאָך דאָס וויכטיקסטע צו האָבן דעם רעספּעקט פון אייגענעם קרייז.

— יידישקייט און יידן —

אונדז אינטערעסירט געוויינטלעך צום שטאַרקסטן, וואָס די קאָרעס־פּאָנדענץ ברענגט אַרויס וועגן קאָוונערס קוק אויף ייִדישקייט און ייִדן אין זיינע עלטערע יאָרן. ס׳איז פּשוט אַ חידוש, ווי ווינציק ער האָט זיך געביטן אין אַלע גרונטזאַכן פון זינט יענער צייט ווען ער איז דורכגע־פלויגן ווי אַ שטורעם־פויגל דורך דער העברעיִשער ליטעראַטור.

קודם מאַכט ער דעם גרויסן חילוק פון ייִדישקייט ביז ייִדן, און אין איטלעכן פון די צוויי באַגריפן איז ווידער פאַראַן אַ צווישנשייד. ייִדיש־קייט מיינט פון איין זייט רעליגיע, פון דער צווייטער זייט אַ סכום פירונ־גען, אידעעס, ליטעראַרישע שאַפונגען (היינט זיינען מיר זיך נוהג צו רופן דאָס: ייִדישע קולטור). אויף ייִדן קוקט ער אויך פון צוויי באַזונדערע זייטן. איין מאָל זיינען דאָס די טרעגערס פון יענע פירונגען, אידעעס און ליטעראַרישע שאַפונגען, זיי האָט ער ניט ליב — אַזוי שרייבט ער בפירוש ראַזאַנאָוון, ווען ראַזאַנאָוו באַמערקט, אַז ער האָט יאָ ליב ייִדן, „זייער לייב און זייער הלבשה“, אַפילו זייערע פאות און קאַפּאָטעס.

קאָוונער איז מסופּק, צי ראַזאַנאָוו האָט זיי טאַקע ליב. „ס׳איז כדאַי מודה צו זיין, אַז ניט געקוקט אויף מיין סעמיטישן אָפּשטאַם האָב איך זיי אויך ניט ליב“. אָבער די טרעגערס פון דער דאָזיקער קולטור, וואָס ער האָט זיך פון איר אָפּגעפרעמדט, ווערן געפּלאָגט און גערודפט. „נאָר

מיר פאַרשאַפט גרויס צער און פּיין זייער אָרעמקייט, זייער קאַמף פאַרן קיום, זייער שרעקלעכער מצב אין רוסלאַנד, און וועגן דעם ענין וויל איך מיט אייך ריידן אַזוי ווי איך האָב שוין אַ מאָל גערעדט מיט דאָס־טאָיעווסקין..." אָט אַזוי וויל קאָוונער מאַכן גלייבן זיך און אַנדערע, אַז ער דאגהט וועגן ייִדן נאָר דערפאַר ווייל זיי זיינען מענטשן. אָבער עפּעס זעען מיר ניט, אַז זיין האַרץ זאָל שלאָגן אַזוי הויך פאַר וועלכן עס איז אַנדערן געררודפטן קיבוץ.

סיי די קלאַסיפיקאַציע פון דעם פריִערדיקן פּאַראַגראַף סיי די פאַר־מולירונגען זיינען ניט קאָוונערס. דאָס האָבן מיר זיי איבערגעזעצט פון זיין שפּראַך און פון זיינע קאַטעגאָריעס אויף דער באַגריפן־שפּראַך פון אונדזער תקופה, כדי מיר זאָלן אים בעסער פאַרשטיין. אָבער קיין טעות אין דער איבערזעצונג איז דאָ ניטאָ.

פאַר ייִדישער רעליגיע אין דעם ענגן פשט האָט קאָוונער אויף דער עלטער אויך ניט געהאַט קיין אינטערעס, און דאָס זעט זיך אַרויס נאָך בולטער, ווייל ראַזאַנאָוו איז עס דער וואָס שטעלט כסדר אַוועק מעטאַפי־זישע פּראָבלעמען. קאָוונער האָט וועגן דעם אויך אַ פאַרטיקן מאַנוסקריפּט; דאָס איז דער אַרטיקל „פאַר וואָס איך גלייב ניט", וואָס איז מיט יאָרן פריִער אָן הצלחה אַוועק צו טאָלסטאָיען. איצטער שיקט ער דאָס צו ראָ־זאַנאָוון. דער דאָקומענט גופא איז צו אונדז ניט דערגאַנגען, אָבער קאָוו־נער אַליין גיט די ראָשי־פּרקים אין אַ בריוו. ערשטנס, געטלעכקייט, וועל־כע עס זאָל ניט זיין, האָט ניט קיין שום שכלדיקע אָדער סיבותדיקע פאַר־בינדונג מיטן מענטשן. צווייטנס, דער מענטש האָט ניט קיין שום פליכטן לגבי דער געטלעכקייט. דריטנס, דאָס לעבן נאָכן טויט — וואָס אַזוינס איז אפשר יאָ דאָ — איז אויך ניט מחייב דעם מענטשן צו קיין זאַך. נימצא, אַז וואָס שייך די באַציִונגען צווישן מענטש און מענטש, איז פאַר זיי פאַראַן נאָר אַ נעגאַטיווער כלל: טו ניט יענעם קיין שום שאָדן.

ראָזאַנאָוו רוט ניט, ער גריבלט זיך אַלץ אין די „סודות" פון „ייִ־דאַיִזם", סיי אין די פראַגעס וואָס ער שטעלט קאָוונערן דירעקט, סיי אין די געדרוקטע אַרטיקלען, וואָס ער שיקט צו. קאָוונער איז סקעפּטיש. ניט אין שבת, ניט אין מילה קען ער ניט דערזען די אַלע טיפקייטן וואָס ראָזאַנאָוו טייטשט אין זיי אַריין; און דערביי, כאָטש ער פאַרלירט קיין

מאָל ניט די דרך־ארצדיקע דיסטאַנץ צו זײַן קאָרעספּאָנדענט, באַמערקט ער, אַז ער האָט אין זײַנע יונגע יאָרן זיך אָנגעגומען מיט געגוג וויסן פון ייִדישן לעבן און פון ייִדישע ספרים. דורך לאַנגע קאַמפן און יסורים, שרײַבט ער, איז ער דערגאַנגען צום אויספיר, אַז קיין שום „סודות זײַנען אין ייִדישקייט ניטאָ; אַלע דערציילונגען וועגן אַברהמען, משהן אאַז״וו זײַנען נאָר קינדערשע מעשיות״. ער אילוסטרירט דעם געדאַנק מיט שי־לערס ליד וועגן דעם פאַרשלייערטן בילד אין סאַיס: בשעת דער אומגע־דולדיקער זוכער האָט אַראָפּגעריסן דעם שלייער, האָט ער דערזען, אַז אונטער דעם איז ניטאָ גאָרניט.

ווען ראָזאַנאָוו ברענגט ווײַטער אַרײַן די טעמע גאָט און בעל זאָגט זיך קאָוונער אָפּ צו דיסקוטירן פּראָבלעמען פון רעליגיע. דאָס וועט זיי נאָר אויפשטעלן אײנס קעגן דעם צווייטן, און זייער פרײַנדשאַפט איז ביל־כער: „ניט גאָט, ניט בעל, ניט ייִדישקייט, ניט קריסטנטום זײַנען ניט ווערט, מיר זאָלן זיך איבער זיי ברעכן די קעפּ״. אַן אַנדער זאַך, זאָגט ער, איז די פּיין פון לעבעדיקע מענטשן. דאָס מיינט ער די פּיין, וואָס ייִדן אין רוסלאַנד זײַנען אויף איר אויסגעשטעלט. דאָס איז פאַר אים אַ טעמע ניט אויסצושעפּן, זי שווימט אַרויס אין דער קאָרעספּאָנדענץ אַלץ אין נײַע און נײַע וואַריאַציעס.

איין מאָל האָט ראָזאַנאָוו מיט גרויס צופרידנקייט באַמערקט אַז קאָוונער איז „דורכויס אַן אונדזעריקער״ און דאָס צוגעשריבן צו דעם פאַקט וואָס קאָוונער איז געוואָרן אַ פּראַוואָסלאַוונער און האָט אַ פּראַ־וואָסלאַוונע פרוי. בתשובה האָט קאָוונער אויסגעלייגט אַ גאַנצע סיסטעם געדאַנקען. עס איז טאַקע ריכטיק, האָט ער געזאָגט, אַז איך בין „אין גאַנצן אַן אייעריקער״, אין גאַנצן פאַררוסט. אָבער דאָס האָט ניט צו טאָן מיט זײַן פּראַוואָסלאַוונער פרוי. זי האָט אים ליב געהאַט, ווען ער איז נאָך ניט געווען קיין פּראַוואָסלאַוונער, און אָנגענומען דעם פּראַוואָסלאַוו־נעם גלויבן האָט ער סך־הכל מיט צוויי וואָכן פאַר דער חתונה, איבער פאַרמאַלע סיבות. פאַררוסט איז ער געוואָרן, ווײַל עס האָט אים צוגע־צויגן די רוסישע ליטעראַטור, ווײַל ער האָט אַליין געשריבן רוסיש, ווײַל ער האָט לאַנג געוווינט צווישן רוסן אין דער פאַרשיקונג און אַזוי ווײַטער, און צוגעצויגן געוואָרן איז ער צו דער רוסישער קולטור אין זײַנע יונגע

יאָרן, ווייל די רוסישע אינטעליגענץ האָט דעמאָלט געוואָלט צוציִען ייִדן צו זיך. „איך בין אין ספק, צי איך וואָלט געוואָרן אַ רוסישער מענטש אין גוף און אין גייסט אין די הייננטיקע טעג פון שווידערלעכע רדיפות אויף ייִדן". און נאָך אַ מאָל באַוואָרנט ער זיך: „אויב אין דער לעצטער צייט האָבן מיך אָנגערירט ביים האַרצן די צרות פון ייִדן, איז דאָס דער־פאַר ווייל די דאָזיקע צרות און רדיפות גייען אַריבער יעטווידער גרענעץ (זען מיין מעמאָראַנדום) און ווייל די ווייט גרעסטע מערהייט ייִדן (99 פּראָצענט) ליידן אויף אַ שרעקלעכן אופן אָן קראַפט, אָן הילף, און דער עיקר — אָן שום שולד. איך נעם זיך כלל ניט אָן פאַרן ייִדנטום און פאַר ייִדן, נאָר פאַר מענטשן געיאָגטע, אומגליקלעכע וואָס ווערן גערודפט בפירוש אָן שום שולד".

צו קאָוונערס טערמינאָלאָגיע פאָדערט זיך אַ הערה. נאָך אין 1886 האָט ער געשריבן טאָלסטאָיען: „איך האָב כמעט אין גאַנצן אויפגעהערט צו זיין אַ ייִד"; דאָס איינציקע וואָס פאַרבינדט אים נאָך מיט ייִדן איז זיין קענען די שפּראַך. אין היפּש ערטער פון זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט ראָזאַנאָוון רעדט ער ווידער וועגן זיך ווי וועגן דורכויס אַ פאַררוסטן. איין מאָל אַפילו רופט ער זיך אָן „פולער רוסישער מענטש", אָבער דאָס שטערט אים ניט צו זאָגן אַן אַנדער מאָל, ווען ער שטרייכט אונטער זיין באַדערפעניש מקפּיד צו זיין אויף זיין רוסיש, אַז „סוף־כל־סוף בין איך ניט קיין רוס". אַ וואָרט האָט אַ סך טייטשן, ניט תמיד טראַכט דער ניצער פונעם וואָרט וועגן אַלע סעמאַנטישע מיגלעכקייטן, און נאָך אַלעמען האָט קאָוונער געשריבן פּריוואַטע בריוו צעשפּרייטע איבער יאָרן, ניט קיין וויסנשאַפטלעך ווערק.

ראָזאַנאָוו האָט וועגן זיין ליבשאַפט צו ייִדן, צו „זייער לייב און הלבשה" באַמערקט, אַז דאָס מיינט ער נאָר אין קולטורעלן זינען; פּאָלי־טיק און סאָציאָלאָגיע זיינען ניט זיין פאַך; קאָוונער גייט אַרויס פון די כלים: אים אינטערעסירט אין דער פּראָבלעם פון ייִדן דווקא די פּאָ־ליטיק און די סאָציאָלאָגיע. ייִדישע גלייך־באַרעכטיקונג, טענהט ער ווי־דער איין, וועט ברענגען דערצו, אַז געבילדעטע ייִדן וועלן באַלד ווערן רוסן און סוף־כל־סוף אַלע ייִדן. וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו האָט נאָך אין 1884 געזאָגט, אַז ווען די קריסטן זאָלן געווען זיין אמתע קריסטן, וואָלטן

ייִדן שוין לאַנג אויפֿגעהערט צו זײַן ייִדן. פֿאַר וואָס רודפֿט מען ניט די טאָטערן? (קאָוונער האָט ניט געוווּסט, בשעת ער האָט דאָס געשריבן אין 1902, אַז אין צאַרישן רוסלאַנד וועלן נאָך קומען בלוטיקע פּאָגראָמען אויף טאָטערן אויך). ווײַל זיי זיצן אויף זייער אייגענער ערד, וואָס די רוסן האָבן ביי זיי צוגענומען, און זיי פֿאַרמאָגן די זעלביקע רעכט וואָס די רוסישע באַפֿעלקערונג.

אין איין בריוו שטעלט זיך קאָוונער אויף אַ ווײַלע אויף ראָזאַנאָווס פּאָזיציע — אַלץ כדי צו שטאַרקן זײַן אייגענעם טעזיס. ביי ראָזאַנאָוון איז רעכט געווען, אַז דאָס אומגליק פֿון כאָדינקאָ אין 1896 איז געווען גאָטס שטראָף פֿאַר הרגענען דעם קייסער אַלעקסאַנדער דעם צווייטן דעם ערשטן מאַרץ 1881. כאָדינקאָ, ווערט מען זיך דערמאָנען, איז געווען אַ גרויסער פּלאַץ אין מאָסקווע, ווו עס איז בעת דער קרוינונג פֿון ניקאָליי דעם צווייטן געוואָרן אַ פּאַניק און עס זײַנען צעטראָטן געוואָרן אויף טויט אַ סך מענטשן. פֿרעגט קאָוונער: אויב יאָ אַזוי, איז צי מיינט ניט ראָזאַנאָוו, אַז גאָט באַשטראָפֿט דאָס גאַנצע רוסישע פֿאָלק פֿאַר זײַן ווילדער באַציִונג צו ייִדן? „איך קען דערווייזן מיט היסטאָרישע פֿאַקטן, אַז אין דער מאָס ווי עס שטאַרקן זיך אין אַ געוויסן אָרט די רדיפֿות אויף ייִדן, ווערן אין דער זעלביקער מאָס אומגליקלעך די פֿעלקער, וואָס צווישן זיי וווינען ייִדן". אויב גאָטס שטראָף, זײַנען אויך די טריקענישן אין רוסלאַנד, די גרויסע שׂרפֿות, די עפּידעמיעס, די פֿאַרערעמונג פֿון די שטעט אַאַז"וו אַ מין מכּות־מצרים פֿאַר די צרות וואָס מען טוט אָן ייִדן. און דער ביטערער סוף פֿון ניקאָליי דעם ערשטן, אַלעקסאַנדער דעם צווייטן און אַלעקסאַנדער דעם דריטן? ער אַליין, קאָוונער, גלייבט ניט דערין, ווײַל ער גלייבט בכלל אין קיין זאַך ניט; אָבער וואָס זאָגט ראָזאַנאָוו?

אין מאַרץ 1903 איז אַרויס דעם קייסערס אַ מאַניפֿעסט וואָס האָט אויפֿגעוועקט האָפֿענונגען אין רוסלאַנד, אַז עס קומען מער ליבעראַלע צייטן. אָבער קאָוונער איז סקעפּטיש. „כּל־זמן ס'איז ניטאָ קיין גלײַך־באַרעכטיקונג און קיין פּרעסע־פֿרייהייט, איז אַלץ דאָס איבעריקע ניט ווערט אַפֿילו קיין צעבראָכענעם דרייער". און ער גייט צו מיט ביטערקייט: „צי באַמערקט איר אַז קיינער דערמאָנט ניט די געדריקטע מאַסע פֿון פֿינף מיליאָן אָן־רעכטיקע ייִדן?"

פוןביידע זייטן פלויט

דער קעשענעווער פּאָגראָם

אַן אמתער אויסבראָך פון געפילן איז געקומען אין קאָוונערס בריוו פון 17טן אַפּריל 1903:

„איך שרייב אונטערן שוידערלעכן איינדרוק פון פּאָגראָם אויף ייִדן אין קעשענעוו. כאָטש עס זײַנען שוין פאַרגאַנגען צען טעג פון דער שענדלעכער פּאַסירונג, קענען זיך די נערוון נאָך אַלץ ניט באַרויִקן. וואָס איז דאָס אַזוינס? ווי לאַנג וועלן נאָך מיגלעך זײַן אין רוסלאַנד אַזוינע חייִשקייטן?

אין דעם פּאָגראָם זײַנען שולדיק ניט נאָר די ווילדע כוליגאַנעס, נאָר אויך די רעגירונג און די פּרעסע און ייִדן אַליין.

די אומטעטיקייט פון דער רעגירונג איז פלעפנדיק! יאָ, בשעת די פאַבריק־אַרבעטערס אין זלאַטאָוסט האָבן געמאַכט אַן אָנפאַל (דאָס הייסט נאָר געקליבן זיך אָנצופאַלן), האָט דער גובערנאַטאָר זיך ניט גע־שעמט און תיכף געהייסן שיסן אין המון, און פופציק טויטע זײַנען גע־בליבן ליגן אויפן פּלאַץ. און דאָ צעראַבירן שיכורע באַנדעס אַ גאַנצע שטאָט, מען הרגעט זקנים, פרויען און קינדער. מען זאָגט, אַז מען האָט אַרויסגעוואָרפן קינדער פון די פענצטער פון דריטן און פערטן גאָרן גלייך אויף דער גאַס, אויפן ברוק. באַטראַכט נאָר, סאַראַ גרויל! וואָס וואָלטן מיר געשפּירט, ווען מען וואָלט אַזוי געטאָן מיט אונדזערע קינדער. דאָס בלוט ווערט פאַרגליווערט אין די אָדערן... דאָס נישטיקע האָב און גוטס פון פּראָלעטאַריערס־אביונים ווערט צעניששטיקט, און די מאַכט קוקט זיך צו מיט פאַרלייגטע הענט... און ווייטער איז ניט ווינציק שולדיק די אַנטיסעמיטישע פּרעסע מיט נאָוואָיע ווערעמיאַ אין דער שפּיץ, וואָס טאָג־אויס טאָג־איין העצט זי אויף ייִדן מאָלנדיק זיי ווי פּאַראַזיטן, באַ־רעכטיקט אַלע פּערזענלעכע באַגרענעצונגען אויף זיי, און פאָדערט אויף זיי נאָך נײַע באַגרענעצונגען. פאַרשטייט מען דעריבער אַז דער ווילדער המון קוקט אויף ייִדן ווי אויף אַזוינע וואָס שטייען מחוץ דעם געזעץ און האַלטן, אַז מען מעג זיי הרגענען און באַראַבעווען אָן שום שטראָף.

נאָר צום מערסטן זײַנען שולדיק ייִדן גופא, ווײַל זיי דערלאָזן, אַז מען זאָל זיי הרגענען און ראַבעווען. פאַרוואָר, אַ ניבזהדיק און פחדנותדיק פאָלק! באַטראַכט זיך נאָר, אַז אין קעשענעוו ווינען מער ווי זעכציק

טויזנט ייִדן יואָס צווישן זיי זײַנען פֿאַראַן אָן שום ספֿק ביז צוואַנציק טויזנט געזונטע מאַנסבילן — בעלי־מלאָכות, קרעמערס, האַנדלס־אָנגע־שטעלטע און אַזוי ווײַטער. זיי אַלע שטעלן זיך ניט אַנטקעגן קעגן דעם צעיושעטן המון פֿון דרײַ ביז פֿיר הונדערט שיכּורע כוליגאַנעס! ווען קעשענעווער ייִדן אָרגאַניזירן פֿון זיך אַ זעלבשוץ, וואָלטן די ראַבירערס געווען צעקלאַפּט אין איין שעה צײַט. סאַראַ נידעריקע פּחדנות!

און אַזוי שטענדיק בײַ אַלע פּאָגראָמען, ווו די צאָל ייִדן איז הונ־דערט און טויזנט מאָל גרעסער ווי די צאָל אָנפֿאַלערס. ווי אַזוי קאָן מען דערקלערן אַזאַ געוואַלדיקע שרעק?

די אַלע געדאַנקען דערדריקן מיך ביז ווייטאָג, אַז איך קען ניט שלאָפֿן, איך ווייס ניט, ווי אַזוי זיך פֿון זיי צו באַפֿרייען...״

אויף אַ רגע גיט ווידער אַ פֿלאַקער־ אויף אַ האָפֿענונג, אַז דורך ראָזאַנאָוון וועט ער קענען עפּעס אויפֿטאָן:

„ווי מיאוס איז דאָס וואָס נאָוואָיע ווּרעמיאַ גייט אין גאַנצן אַריבער מיט שווײַגעניש איבער דעם פּאָגראָם אין קעשענעוו, אַזוי ווי ער וואָלט ניט געווען בכלל! איך ווייס, טייערער וואַסילי וואַסילעוויטש, ווי ביטער עס איז אײַך צו לייענען אַזעלכע ווערטער וועגן דער צײַטונג, וואָס גיט אײַך די מיגלעכקייט צו עקסיסטירן און צו אַרבעטן, אָבער דאָס בייט דאָך ניט דעם טרויעריקן פֿאַקט. אפֿשר וועט איר געפֿינען פֿאַר מיגלעך צו ברענגען ערגעץ ווו, געווײנטלעך ניט אין נאָוואָיע ווּרעמיאַ, דעם געדאַנק אַז ייִדן וועלן פּטור ווערן פֿון די אומפֿאַרדינטע פּאָגראָמען און רוסלאַנד פֿון דער פֿאַרדינטער חרפּה און פֿון טרויעריקע שפּעטערדיקע רעזולטאַטן (מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז די כוליגאַנעס אין קעשענעוו האָבן באַ־ראַבעוועט אויך קריסטן און באַגזלט קריסטלעכע געבעטהײַזער) נאָר דורך פֿול אויסגלײַכן ייִדן אין זייערע רעכט מיט דער איבעריקער באַפֿעלקע־רונג... כּל־זמן עס עקסיסטירט פֿאַר ייִדן דער פֿאַרשאָלטענער תּחום צום וווינען, כּל־זמן זיי זײַנען באַגרענעצט אין אַ סך פֿון זייערע מענטשלעכע רעכט, וועט ניט נאָר דער ווילדער המון געפֿינען אַ היתּר צו הרגענען און ראַבירן ייִדן, נאָר אויך פֿאַרשיידענע אינטעליגענטן...״

און צום סוף איבער אַ נײַס דער פּיזמון — גלײַך אַ מענטש וואָלט אויף זיך אַליין געווען אַ מבֿין:

... גלייבט מיר, אַז ניט דאָס ייִדישע בלוט רעדט אין מיר, נאָר דאָס געפיל פון פאַרביטערונג אויף דער צעלאָזנקייט און ווילדקייט פון דעם המון, דאָס געפיל פון רחמנות אויף די אומגליקלעכע, אויף די ריינע קרבנות פון דעם עקלדיקן רעזשים. מען דאַרף דאָך עפּעס טאָן. און אויב די בעסטע מענטשן צווישן אונדז וועלן אַריבערגיין איבער דער זאַך מיט שווייגעניש („ס'איז ניט מיין עסק"), איז ניט כדאַי צו לעבן אויף דער וועלט".

א ו י ס ל אָ ז

אויף וויפל מען קען אַרויסזען פון די פּובליקירטע טיילן קאָרעספּאָנ־דענץ, האָט זיך קאָוונער נאָך דער אויפטרייסלונג איבער קעשענעוו שוין ניט אומגעקערט מער צו געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. זיין מוט איז גע־ווען געבראָכן, זיין געמיט איז שוין ניט געווען פריי. אויף דער עלטער האָבן זיך געוויזן וווייזן סימנים פון אַן ערנצטער אינעווייניקסטער קראַנ־קייט. „מיין באַרויִקונג איז, וואָס איך האָב אַן איינציקע וואָס איז געדולדיק ווי אַ מלאָך און האָט מיך ליב אָן אַ גרענעץ. זי טראָגט איבער אַלע מיינע קאַפּריזן און קעכלט מיך ווי אַ קליין צעבאַלעוועט קינד".

אַן אַנדער מאָל שרייבט ער, נאָך דעם ווי ער האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע אָפּעראַציע:

„ווען מיין איינציקע זאָל ניט גיין אַרום מיר וואָלט איך שוין לאַנג געווען אין אַנדערע וועלטן. איך וואָלט שוין וועלן זיך אַריבערקלייבן אַהין, נאָר די איינציקע לאָזט מיך דערווייל ניט אָפּ. די אָפּעראַציע האָט מיר איבערגעלאָזן אַ שפּור וואָס פאַרסמט מיר דאָס לעבן. איך בין שוין מער ניט דער בלײַענדיקער האָפערדיקער אַלטיטשקער וועלכן איר האָט געזען דאָס לעצטע מאָל, נאָר כמעט אַ הילפלאָזער קאַליקע".

דעם 21טן אַפּריל 1909 איז קאָוונער געשטאָרבן. ער איז אַלט געווען זיבן און זעכציק יאָר. אין לאָמזע איז קיין פּראַוואָסלאַוונער בית־עולם ניט געווען, האָט מען אים באַגראָבן אין דעם פּראַוואָסלאַוונעם ווינקעלע פון קאַטוילישן בית־עולם.

אויפן שטיין איז געשטאַנען: „פריד צו דיין שטויב, אומפאַרגעסלע־כער מאַן און פאָטער". דערצו איז געווען צוגעגעבן אַ זאַץ פון נייעם טעס־

פּאַמענט: „ווײַל איז צו די וואָס גאַרן און דאַרשטן נאָכן אמת, ווײַל זיי וועלן זיך אָנזעטיקן".

אַט אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט קאָוונערס שטורעמדיק לעבן. מיט אַ קנאַפּן חודש שפּעטער האָט נאָוואָיע וורעמיאַ געבראַכט אַ נעקראָלאָג אויף אים אין צוואַנציק שורות און אָנגערופן דערבײַ עטלעכע בעלעטריסטישע ווערק וואָס ער האָט געדרוקט אין די זיבעציקער יאָרן; וועגן זײַן ראָלע אין דער העברעיִשער ליטעראַטור איז ניט געווען דערמאָנט. די העב־רעערס פאַרקערט האָבן אין זייערע אַרטיקלען אַרויסגעהויבן קאָוונערס אַטאַק אויף דער העברעיִשער ליטעראַטור און אים באַשריבן צו ניצן פּאַפּירנאָס ווערטער, ווי „אַ מסור און אַ פאַררעטער פון פאָלק". ס'איז שוין געווען אַ שאַבלאָן צו כאַראַקטעריזירן קאָוונערס קריטיק פון די זעכציקער יאָרן ווי מסירה; פרוג האָט זיך אין אַ שפּאַסיקן לידל וועגן אַ כלל־טוער פון קאָוונע געהאַט געוויצלט: „אַט איז אַ אַנטי־ציוניסט — פון צוקער אויסגעגאָסן, אַ קאָוונער דווקאָ און — איר הערט? ער שרײַבט ניט קיין דאָנאָסן;" ערשט אין 1910 האָט זיך באַוויזן די ערשטע גרונטיקע אָפּשאַצונג פון קאָוונערן ווי אַ קריטיקער, צונויפגעשטעלט פון ד"ר ישראל צינבערגן. וועגן זײַן „געשריבענער" ליטעראַרישער טעטיקייט, וועגן זײַן קאָרעספּאָנדענץ מיט די גרויסע רוסישע שריפטשטעלערס איז מען גע־וויר געוואָרן ערשט אַ סך שפּעטער, ווען עס האָבן זיך געעפנט די אַרכיוון.

צי איז קאָוונער געווען אַ גרויסער שרײַבער? ניט אין דעם זינען, אַז ער זאָל האָבן איבערגעלאָזן בלײַביקע מוסטערן פון סטיל, פון קאָנסט־רוקציע אָדער פון הסברה. צי איז ער געווען אַ אָריגינעלער דענקער? דערויף איז שוין שווערער צו ענטפערן. אמת־גרויסע פערזענלעכקייטן האָט די השכלה אַרויסגעבראַכט ניט קיין סך, און קאָוונערן וועלן מיר ניט פאַררעכענען צווישן די שפּיצן. אָבער ער איז ניט געווען קיין איבערקייער און קיין איבערזאָגער. ער האָט געלערנט פון פרעמדע אָבער ער האָט געוווסט דאָס פרעמדע אַריבערצוטראָגן אויף זײַן היימישן מאַ־טעריאַל. ער האָט געהאַט אַ הייסן טעמפּעראַמענט, ער האָט געהאַט אַ שאַרפן קאָפּ אויף די פּלייצעס. און ער האָט געהאַט אַ גרויסן פאַרמעסט. ווען ער האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר טאָלסטאָיען: „מײַן גאַנץ לעבן גע־

הער דער ליטעראַטור״ איז דאָס געווען דער לויטערער אמת. און דער העכסטער שטאָפּל אין ליטעראַטור איז ביי אים געווען קריטיק, וואָס דאָס האָט געמיינט געזעלשאַפטלעכע קריטיק און ליטעראַרישע קריטיק אויפגעשמאָלצן אין איינעם.

דאָס וואָס זיינע אידעעס האָבן אַריינגעבראַכט אין גרימצאָרן זיינע אָפּאָנענטן אַרט אונדז שוין איצט ניט. מיר זיינען שוין קיל אי צו ד ע ם צד אי צו יענעם. עפּעס האָט ניט געטויגט אין קאָונערס „ווי אַזוי״; אָט האָט דאָך מענדעלע אויך געריסן שטיקער, נאָר ער איז געבליבן איינע־ווייניק. קאָונער איז געווען פון אַן אַנדער טייג געקנאָטן. אָבער מיט זיין „וואָס״ האָט ער געמיינט ערנסט. „איך האָב געוואָלט ווערן דער רעפאָר־מאַטאָר פון יידישן פאָלק; נאָר יידן האָבן געברענט מיינע ביכער, און מיך האָבן זיי פאַרשאָלטן״. אַזוי האָט ער געשריבן צו טאָלסטאָיען מיט יענעם בייטעם גוזמאדיקייט וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זיינע יינגע־רע און מיטעלע יאָרן. אויף דער עלטער, אין דער קאָרעספּאָנדענץ מיט ראַזאַנאָוון, איז שוין די פּאָזע כמעט ניטאָ, די אַמביציעס פון אַרויסבאַ־ווייזן זיך זיינען איינגעשטילט. אָבער דער ברען איז געבליבן. אין דער טעאָריע האָט ער געלייקנט, אַז עס איז דאָ אַן אמת, אין דער טעאָריע איז דאָס איינציקע געבאָט געווען ניט שאַטן יענעם, אין דער טעאָריע איז דאָס גאַנצע לעבן פאַר אים, לויט פּושקינס אַ ליד, געווען „אַן איבע־ריק געשאַנק, אַ צופעליק געשאַנק״. אין דער פּראַקטיק איז ביזן סוף געבליבן דער דראַנג צו דערגיין און דער ווילן צו העלפן יידן אַרויסצוגיין פון זייער געדריקטקייט. פאַר די קרומקייטן אין זיין לעבן האָט ער שווער באַצאָלט. צי ער האָט גענוג באַצאָלט — ווער וועט זיך אונטערנעמען צו מישפּטן?

מיטן ליכט און מיט די שאָטנס פון זיין כאַראַקטער, מיט די אויס־טערלישע אויסבייגן און אַוואַנטורעס אין זיין לעבנס־געשיכטע שטייט אורי־אַלבערט־אַרקאַדי קאָוונער פאַר אונדז ווי אַ בולטע פיגור פון דער השכלה. אויב מיר ווילן פאַרשטיין ווו מיר האַלטן אין דער וועלט היינט און וווהין מיר גייען, מוזן מיר די אידעיִשע סיסטעם פון דער השכלה פּרוּוון באַנעמען אַ סך טיפער איידער לויט דעם איינגעשטעלטן סקאַר־באָוון נוסח. קאָוונער קען אונדז דעריין היפּש העלפן דווקאָ דערפאַר ווייל

ער איז געווען אַ יוצא־דופנדיקער. דורך זײַנע זוכענישן און בלאָנדזשע־נישן ווערט אונדז קלערער דער מהות פֿון דער באַוועגונג וואָס האָט גע־נומען לײַקענען אין משיחס פּאַפּירענעם בריק („על־פּי שכל קען אַזוינס ניט געמאָלט זײַן!") און געענדיקט מיט בויען אַנדערע פּאַפּירענע בריקן פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק, נאָר שוין ניט אַרײַנמענגנדיק מער דעם רבונו־של־עולם אין דער שותּפות.

הוספות

1

[רעצענזיע אויף ש. י. אַבראַמאָוויטשעס האבות והבנים אין ל. בינ־שטאָקס רוסישער באַאַרבעטונג].

געדרוקט אין זשורנאַל דיען, אָדעס 1869, זז׳ 29־31.

דער ראָמאַן, וואָס זיין קעפּל האָבן מיר אויסגעשריבן, האָט, ניט געקוקט אויף די האָפענונגען פון דעם אַרויסגעבער זיינעם, ה׳ פּעסטרע־טשענקאָ, אַז „ער וועט ניט דורכגיין אין דער ליטעראַטור אָן אַ שפּור און עס וועלן זיך געפינען מענטשן וואָס וועלן זאָגן וועגן אים אַ ראַיעל וואָרט", — ביז איצטער ניט אַרויסגערופן צו זיך קיין שום אינטערעס פון רעצענזענטן. די אָטעטשעסטווענניע זאַפּיסקי (דאָס צווייטע בוך פאַרן יאָר 1868), דער זשענסקי וועסטניק (אין איינעם פון די ערשטע ביכלעך פאַר דעם זעלביקן יאָר), און דער וועסטמירני טרוד האָבן אמת לייכט באַ־רירט דעם ראָמאַן, אָבער זייער אָפּרוף, אַגב דורכויס אַ גערעכטער, איז געוויס ניט געווען צום האַרצן ניט דעם מחבר, ניט דעם אַרויסגעבער. אָבער מיר האָבן בדעה צו געבן אַ ביסל אַ מער פּרטימדיקן דין־וחשבון וועגן דעם ראָמאַן וואָס טראָגט דעם הויכן נאָמען „פאָטערס און קינדער", וואָס דער מחבר האָט אים געשיקט צוגעקלערט צו עקספּלואַטירן דעם לייענענדיקן עולם, ער זאָל מיינען, אַז ער וועט דאָ געפינען עפּעס ספּע־ציעלס; נאָר מיר וואָרענען אויך דעם לייענער, אַז מיר וועלן זיך ניט אַריינלאָזן אין פּרטים, מיר זאָגן נאָר דאָס עיקרדיקסטע.

דער דענקענדיקער עולם האָט שוין לאַנג אויפגעהערט קוקן אויף אַ ראָמאַן ווי אויף אַן אָנגענעם מיטל איינצושלעפן נאָך אַ זעטיקן מיטאָג, אָדער ווי אויף אַ מיטל אַוועקצוהרגנען לוידיקע צייט; ער פאָדערט איצ־

טער פון אַ ראָמאַן אַ לעבעדיקן געדאַנק, עפּעס אַ נייע אידעע, אַן אויס־טייטשונג פון פּראָגעס וואָס אינטערעסירן אינעם געגעבענעם מאָמענט די געזעלשאַפט, און צוזאַמען דערמיט זוכט ער אין אים שכל־הישר, לעבן און אמת. אומעטום און אין יעדער צייט זיינען פאַראַן מענטשן וואָס די שטרעבונג צו גוטס און צום ווויל פון דער געזעלשאַפט ברענגט זיי אויפצודעקן דאָס שלעכטע וואָס טאָרמאַזירט די געזעלשאַפט, און אָנצוּ־ווייזן אויף די מיטלען צו באַזייטיקן עס [דאָס שלעכטס]. די פּראָגרעסיווע מענטשן פון אייראָפּע האָבן זיך געפּלייסט אַריינצוטראָגן די דאָזיקע שטרעבונג אין ראָמאַן אויך, — און איצטער נעמט אויס נאָר דער ראָמאַן וואָס אַנאַליזירט געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, שטעלט אַרויס זייערע טונקעלע זייטן, ווייזט אָן אויף זייערע סיבות און פּלייסט זיך אויסצומאָלן אַ בעסערן סדר. געוויינטלעך, וואָס מער לעבנס־פּראָגעס דער ראָמאַן כאַפּט אַרום, אַלץ גרעסער זיין ווערדע פאַרן לייענענדיקן עולם. נאָר אַ חוץ דער עיקרדיקער, מהותיקער זייט פון ראָמאַן פאָדערן מיר אויך, ער זאָל זיין קינסטלעריש באַאַרבעט, די כאַראַקטאָרן זאָלן זיין געטריי, און עס זאָלן זיין רעאַל די טיפּן וואָס דער מחבר האָט געכאַפּט פון לעבן אָדער וואָס ער אַליין האָט געשאַפן. לאָמיר אַ קוק טאָן, צי דער ראָמאַן פון ה׳ אַבראַמאָוויטשן באַפרידיקט כאָטש וו י פ ל נ י ט א י ז די פאָדערונגען פון דעם היינטצייטיקן דענקענדיקן לייענער.

פון דעם ראָמאַן „פאָטערס און קינדער״ האָבן מיר זיך געריכט, אַז ער וועט אונדז אָנווייזן אויף די סיבות פון קאַמף צווישן דעם אַלטן און דעם יונגן דור יידן, אַז ער וועט בולט אַרומצייכענען פון איין זייט דעם באַגריף פ אָ ט ע ר ס, און פון דער אַנדערער [זייט] — די אידעעס און די שטרעבונגען פון די ק י נ ד ע ר ביי רוסישע יידן; אַז ער וועט לסוף ווייזן אונדז דעם וועג, אויף וועלכן עס איז אַרויף די יידישע יוגנט מיט אירע אידעאַלן, שטרעבונגען און טעטיקייט. נאָר ניט גענוג, וואָס מיר האָבן גאָרנישט פון דעם מין באַגעגנט אין דעם ראָמאַן, — ווייזט ער זיך נאָך אין גאַנצן אַרויס פאַר אַ ריינער אויסטראַכטעניש, וואָס קלעפּט זיך ניט, וואָס האָט ניט קיין באָדן אונטער זיך. מיר ווועלן זיך פּלייסן איבערצוגעבן בקיצור דעם אינהאַלט פון דעם דאָזיקן קוריאָזן ראָמאַן.

אַ געוויסער אַריה, וועמען, לויט דעם מחברס ווילן „דער אומגליק־

לעכער גורל האָט גערודפט אָן רחמנות און אָן איינזעעניש", האָט זיך געמוזט געזעגענען אויף אייביקע צייטן מיט זיין עלטערן זון דוד, דעם העלד פון דעם ראָמאַן. אָט ווי אַריה אַליין דערציילט וועגן דעם. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער נאָבאָר [דאָס נעמען זעלנערס] פון ייִדן, איז מורא האָבנדיק, מען זאָל ניט אָפּגעבן אויף אַ ניט־ריכטיקן שטייגער מיין צוועלפיאָריקן זון (ער איז אָגב ניט געווען אויפן צעטל), האָב איך אים גענומען אין אַן אַכזריותדיקן ווינטער און אים אָוועקגעפּראַוועט אין אויס־לאַנד, ווו ער האָט ניט געהאַט ניט קיין קרובים ניט קיין באַקאַנטע. איך האָב אים ניט פאַרזאָרגט מיט געלט ער זאָל זיך קענען קויפן, כאָטשבי די ערשטע צייט, אַ שטיקל ברויט; איך האָב אים נישט אָפּגעגעבן אונטער דער השגחה פון עפּעס אַ באַקאַנטן מענטשן, נאָר איך האָב אים פּשוט אַוועקגעשיקט אויף דער ערד פון אַן אַנדער מלוכה און אים געזאָגט: „דער רבונו־של־עולם וואָס שפּייזט די פייגל אין הימל וועט דיך ניט פאַרלאָזן; דער וואָס באַהיט יתומים און אָרעמע וועט דיך אויך באַהיטן". מיט אַזוינע טרייסטווערטער האָב איך אים איבערגעלאָזן אין דער פרעמ־דער מדינה, עלנט, אַז אַ שוק, און יעמאָלט האָב איך פאַרגאָסן ביטערע טרערן... אוי וויי! ער איז בלי שום ספק געשטאָרבן דאָרטן פון הונגער און קעלט" (ז' 197).

נאָר אוי וויי! דער העלד אונדזערער איז ניט נאָר ניט געשטאָרבן פון הונגער און קעלט, נאָר ער איז אויך געבליבן געזונט און פריש. און אין צען יאָר אַרום געפינען מיר אים אין דוראָוו [כסלון]; ער האָט געענ־דיקט דעם אוניווערסיטעט אין בערלין און פאַרנעמט דעם וויכטיקן פּאָסטן פון אַ לערער פון דער ערשטער אָדער צווייטער קאַטעגאָריע פון דער [רוסיש־]ייִדישער שול [וואָס די רוסישע רעגירונג האָט געגרינדעט]. אין דער זעלביקער שטאָט וווינט איינער אַן אפרים מיט זיין ווייב שרה. דאָס דאָזיקע פּאָר־פאָלק וואָס איז נאַריש און פול מיט אייגנלייבענישן ביז אי־דיאָטישקייט האָט אַ זון שמעון און אַ טאָכטער רחל. שמעון אַנטלויפט פון דער היים שטודירן און זיינע פרומע עלטערן זיינען חושד, אַז אַנטלאָפן איז ער אונטער דער השפּעה פון דודן, וואָס אין זייערע אויגן האָט ער זיך גערעכנט פאַר אַן אַפּיקורס. כדי אַנצוטרעפן אויף די שפּורן פון זיין זון, פאַרבעט אפרים דודן צו זיי און אין משך פון איינע צוויי וואָכן ליבט

ער זיך איין, ווי עס פּאַסט פאַר איטלעכן העלד, איבער די אויערן אין רחלען, אַ נאַרישעוואַטע מיידל. פאַר דער דאָזיקער ליבע איז ער גרייט אויסבייטן דעם סורדוט אויף אַ קאַפּאָטע, וואַלגערן זיך אין שניי, דער־ציילן ניט געשטויגענע ניט געפלויגענע מעשיות וועגן יידישע בעלי־מופתים, ווערן אַ בטלן אין בית־מדרש" (ז' 123). נאָר איידער אונדזער העלד האָט באַוויזן איבערצורייידן מיט די עלטערן פון זיין אידעאַל, באַ־קומט ער אַן אָפּזאָג פון זיין קאָרעספּאָנדענטן־שטעלע, און שרה באַגעגנט אים, ווייל דער צדיק האָט אַזוי געהייסן, מיט די ווייטערדיקע ווערטער: „אַוועק, אַוועק שייגעץ!... דו זאָלסט זיך ניט דערוועגן נאָך אַ מאָל אַרײ־בערצוטרעטן מיין שוועל! דו שנאָרער אומזיסטער עסער, אַפּיקורס, גלוח דו הולטיי איינער וואָס האָט אַראָפּגעפירט מיין זון פון גלייכן וועג, אַוועק פון דאַנען! אויב דו וועסט ניט אַוועק, וועלן איך דיך אָפּגיסן מיט פּאַ־מיעס. אַוועק, אַוועק רשע, פאַרשאָלטענער ביכל־פרעסער, זאָלסט זיך ניט דערוועגן מער צו קומען נאָענט צו אונדז!... (ז' 158).

און אונדזער העלד, וואָס ער איז אַ געענדיקטער פון דעם בערלינער אוניווערסיטעט, אַ פאָרשטייער פון די רוסישע יונגע ייִדן און דער אידע־אַל פון ה' אַבראַמאָוויטשן, האָט זיך ניט געפונען אַנטקעגן שרהן און האָט זיך אָפּגעטראָגן איינקוועטשנדיק דעם עק. אָבער רחלס פאַרביסענע עלטערן זיינען נאָך ניט באַפרידיקט; אפרים האָט צונויפגעשטעלט אַ השתדלות פ ו ן ק ה ל אויפן נאָמען פון קרייז־קוראַטאָר [פאַר ביל־דונגס־ענינים], מען זאָל באַזייטיקן דודן פון זיין הויכן פּאָסטן און פון שטאָט, וואָרעם ער איז אַ שעדלעכער און גאָטלאָזער מענטש. אין דעם פאַל טוט אונדזער העלד אויך גאָרניט אויף צו פאַרענטפערן זיך, ער פירט ניט קיין שום קאַמף מיט די פאַנאַטיקערס, נאָר ער פאָרט אַוועק אין קרים, וווּ ער באַקענט זיך אין משך פון דער מיזרחדיקער מלחמה מיט ווילטוי־ערישע גענעראַלן וואָס באַלוינען אים מיט אַ ברייטער האַנט נאָכן סוף פון דער מלחמה און רעקאָמענדירן אים אין אַ ווילטועריש מאָסקווער האַנדלסהויז, וווּ ער מאַכט אַ פיינעם קאַפּיטאַל. ניט די קרימער מלחמה, ניט דאָס ווילטועריש מאָסקווער האַנדלסהויז האָבן אָבער ניט געקענט דערשטיקן די פלאַמיקע ליבע צום נאַרישעוואַטע מיידל רחל, וואָס אונ־טער ה' אַבראַמאָוויטשעס דיקטאַט טראָגט זי אַריין אין איר טאָגבוך אירע

חלומות און דריקט אויס איר חידוש, וואָס די אַמעריקאַנער, וואָס לעבן אונטער אונדזערע פּיס, גייען אויף דער ערד און פאַלן ניט..." אין אַ שיי־נעם פרימאָרגן ווערט אונדזער העלד געוויר, אַז אפרים האָט זיך רוינירט און אַז די קרעדיטאָרן ווילן אים איבערגעבן צום קרימינעלן געריכט. די דאָזיקע ידיעה, זאָגט ער, האָט מיך שיִער ניט דערהרגעט. וואָס טוט מען? מען דאַרף דאָך העלפן דעם גוטן־פריינד אפרימען און דער ליבלעכער שרהן!... ער ווענדט זיך צו זיין מאָסקוועער „בעל־טובה", וואָס מיט זיין הילף קויפט ער איין אפרימס אַ ל ע וועקסלען, און אויף די פליגלען פון פרייד פליט ער קיין דוראַוו איינצוהענטיקן זיי אַפרימען, מיטן תנאַי פאַרשטייט זיך, ער זאָל אים געבן פאַר אַ ווייב זיין טאָכטער רחלען. שטעלט זיך פאָר, נאָך דעם, דעם איבערשרעק פון אונדזער העלד, ווען ער האָט זיך דערוווסט אַז דאָס פרומע פאַר־פאַלק האָט נישט מסכים געווען אויף דעם תנאַי, מערניט דערפאַר וואָס זייער טאָכטער איז שוין געווען פאַר־קנסט צום קאַליקע און פולן אידיאָט יחיאלן, אַ שמוציק ייִנגל, אַ זון פון אַ נגיד, אין דער אמתן בפירוש אַ דראַב. אָבער אין די אויגן פון דער מאָסע איז ער געווען דער ערלעכער און גאָטס־פאַרכטיקער פּרץ פון טיאָמ־נאָפּאָל [צלמונה].

ער, ד"ה אונדזער העלד, איז ווידער פאַרצווייפלט, און ווידער ווייסט ער ניט אַליין מיט זיין אייגענער געניאַליטעט צו דערקלערן אפרימען, אַז מען קען צערייסן די תנאָים — ווי דאָס ווערט זייער אָפט און גאָר גרינג געטאָן ביי ייִדן — בפרט נאָך אַז רחל אַליין קען איר חתן ניט אָנקוקן. נאָר אָט איז אַ טשיקאַווער צופאַל וואָס ראַטעוועט אַרויס אונדזער העלד פון דער צרה און פון דער פאַרצווייפלטער לאַגע... אַריה, דודס פאָטער, וועמען דער אַכזריותדיקער גורל האָט גערודפט אָן רחמנות און אָן איינזעעניש, איז געוואָרן מיט דער צייט, לויט דער געניאַלער פאַנטאַזיע פונעם מחבר, דער ראָש פון אַ באַנדע גנבים און גזלנים, איבעריקנס מיט אַ צדקה־ציל, צו באַגליקן די ליידנדיקע מענטשהייט פאַר דעם אָנגעגזלטן געלט... צו דעם זעלביקן אַריהן איז אויך אַריינגעפאַלן שמעון, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זיין פלימעניק, וואָרעם שרה, די מוטער פונעם לעצטן איז געווען אַריהס שוועסטער, און ער איז געבליבן ביי אים ווינען עטלעכע יאָר. אונדז איז שוין באַוווסט, אַז אַריה האָט געהאַלטן, אַז זיין גרויסער זון, דער

פֿאָרשטייער פֿון דעם נייעם ייִדישן דור, איז שוין לאַנג געשטאָרבן. דער לעצטער האָט אויך גאָרניט געוווּסט וועגן זיין גרויסן ווילטועריש פֿאָטער. נאָר אָט צוריקוועגס פֿון מאָסקווע קיין דוראָוו, מיט אפֿרימס וועקסלען אין האַנט, באַגעגנט זיך דוד צופּעליק מיט שמעונען ביי אַריהן, צופּעליק פֿאַרפֿירט ער מיט אים אַ שמועס וועגן זיין פֿאָטער, צופּעליק ווערט אַריה אונטער זייער שמועס הינטער דער וואַנט, און צופּעליק דערוויסט ער זיך, אַז דוד, זיין טייערער זון, לעבט און איז פֿאַרליבט ביז איבער די אויערן; נאָר אַז פּרץ איז דער איינציקער שטער פֿאַר דער פֿאַראייניקונג פֿון די פֿאַרליבטע הערצער. און אויך צופּעליק איז אַריהן אַריינגעפֿאַלן אין האַנט פּרצעס אַ בריוו, אין וועלכן דער לעצטער שרייבט עמעצן וועגן אַלע זיינע נידעריקע און געמיינע שווינדלען — איז אָט אין איין שוין ניט קיין שיינער נאַכט באַוויזט זיך אַריה, שוין ניט צופּעליק, ביי פּרצן און צווינגט אים מיטן באַוווּסטן בריוו אָפּצוזאָגן זיך פֿון זיין זונס שידוך מיט רחלען. פּרץ האָט זיך דערשראָקן און איינגעשטימט.

דער גרויסער פֿאָטער פֿון דעם גרויסן זון, דער בעל־טובה פֿון דער מענטשהייט, ברענגט אויף אַזאַ אופֿן פֿאַר אַ קרבן טויזנטער אומגליקלעכע אַלמנות און יתומים, וואָס זייערע געלטער געפֿינען זיך ביי פּרצן און וואָס זיי וואָלט מען געקענט עפֿענען די אויגן מיט דעם דערמאָנטן בריוו, אויפֿן מזבח פֿון זיין זונס ליבע צו דער נאַרישעוואַטער רחלען.

פֿאַרענדיקט דעם ענין, פֿאָרט ער אויף קבר־אָבות און שטאַרבט אַזוֹעק, איבערלאָזנדיק דעם זון מערניט זיינע פֿאַרצייכענונגען, וואָס פֿון זיי האָט דער מחבר משמעות געשעפּט זיין גאַנצע חכמה. אפֿרים גיט אויפֿן טויטנבעט זיין הסכם אויפֿן שידוך צווישן רחלען און דודן. די לעצטע האָבן חתונה כדת משה וישראל און צום סוף, דערציילט אונדז דער מחבר, האָבן זיי שוין עטלעכע קינדער, — און שרה די שוויגער, וואָס זי האָט איר איידעמל געהאַט געגעבן אין קאָרק, ניאַנטשעט איצטער אירע אייניקלעך, און איז זיך מודה פֿאַר אירער אַ חברטע, אַז אונדזער העלד איז טאַקע אַ העלד און אַ גרויסער דערצו.

וואָס זשע איז דאָס אַזוינס? פֿרעגן מיר מיטן לייענער. צי איז דאָס טאַקע דער טיפּ אָדער דער מוסטער פֿון רוסישע יונגע ייִדן? אָט דער העלד איז דאָך מער געגליכן צו אַן אידיאָט איידער צו אַ לעבעדיקן הײנט־

צייטיקן יונגן ייִדן. ערשטנס, פאַר וואָס מאַכט דער מחבר, אַז דער פאָר־שטייער פון די רוסישע יונגע ייִדן זאָל ענדיקן דעם בערלינער אוניווערסיטעט? צי זיינען ביי אונדז אין רוסלאַנד קיין אוניווערסיטעטן ניטאָ אָדער דער ייִד גייט ניט אין זיי?... צווייטנס, וועלכער מענטש וואָס האָט געענדיקט וועלכן ניט איז אוניווערסיטעט וועט זיך באַפרידיקן מיט דער שטעלע פון אַ לערער אין [רוסיש־]ייִדישער שול פון דער ערשטער קאַטעגאָריע, וועט זיך פאַרליבן אין אַ נאַריש מיידל, וועט זיך לאָזן טרעטן מיט די פיס פון עפּעס אַ מאַרקזיצערקע שרה, און וועט זיך ניט וועלן שטעלן קעגן די געמיינע אינטריגעס און רכילותן פון עפּעס אַן אפרימען?... לסוף וואָס אַזוינס באַזונדערס האָט אויפגעטאָן אָט דער דוד ער זאָל קענען פאַרדינען דעם נאָמען, אויב שוין ניט פּראָגרעסיווער ,איז פשוט לעבעדיקער מענטש? דוכט זיך, אַז אויף צו באַקענען זיך מיט גענעראַלן, צו דינען ביי ווילטועריזשע מאָסקווער סוחרים, חתונה צו האָבן מיט אַ חלושותדיק מיידל און צו האָבן קינדער — דעררויף האָט יעדערער שכל! אמת, דער מחבר הייסט זיין העלד דרשענען פּראַזעס מיט זיין גוטן־פריינד יונתנען וועגן השכלה, וועגן רעליגיע, וועגן ליטעראַטור; אָבער אַלע זיינע פּראַזעס זיינען אַזוי פּוסט, אַזוי נודנע, אַזוי אָפּגעדראָשן ביז ניט־גוטקייט און אַזוי אומלאָגיש, אַז עס איז ניטאָ קיין שום מיגלעכקייט צו ריידן וועגן זיי ערנסט. און חוץ דעם איז דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע פלוידער־פּראַזעס אַרויסגענומען דורכויס פון ה׳ אַבראַ־מאָוויטשעס לאַנג אָפּגעדרוקטע אַרטיקלען אויף העברעיִש... פון דרך־ארץ צום עולם האַלטן מיר, אַז עס שטייט ניט אָן אַריינצולאָזן זיך אין אַ פּרטימדיקן אַנאַליז; אָבער מיר געפינען פאַר ניט־איבעריק צו זאָגן עט־לעכע ווערטער אין דעם ספּעציעלן „אָרגאַן פון רוסישע ייִדן” [דיען] וועגן דעם בליק פון דעם ראָמאַן אויף דער לאַגע פון ייִדן אין רוסלאַנד און אויף דער היינטצייטיקער ליטעראַטור ביי ייִדן.

די צדיקים זיינען, לויט ה׳ אַבראַמאָוויטשעס ווערטער, די איינציקע סיבות פון דער קלאָגעדיקער לאַגע פון די רוסישע ייִדן; — און די [רו־סיש־]ייִדישע שולן — זיינען די איינציקע קוואַלן פון ישועה פאַר זיי. אפרים איז אַ פאָרשטייער פון דעם שלעכטס נאָר דערפאַר ווייל ער גלייבט, אַז די צדיקים זיינען בעלי־מופתים; — דוד איז אַ פאָרשטייער פון גוטס,

ווייל ער אַליין איז אַ לערער אין אַ ייִדישער שול פון דער ערשטער קאַ־טעגאָריע. נאָר ווי איינזייטיק איז אַזאַ קוק! רוסישע ייִדן שטייען באמת אויף אַ געװױנ נידעריקן שטאַפּל פון בילדונג, די צדיקים זיינען טאַקע שעדלעך און ס׳וואָלט געווען זייער געוווּנטשן פּטור צו ווערן פון זיי, — די [רוסיש־]ייִדישע שולן האָבן טאַקע געבראַכט אַ היפּשן חלק נוצן; אָבער מיינען, אַז מיטן אויסוואָרצלען די צדיקים און מיט איינאָרדענען אומע־טום [רוסיש־]ייִדישע שולן האָבן שוין ניט ייִדן אין רוסלאַנד מער וואָס צו ווינטשן — וועט זיין מער ווי נאַיוו. אָרעמקייט אוןווירקונג פון דעם אָרום — דאָס זיינען די איינציקע סיבות פון דער עם־הארצות און פון דער קלאָגעדיקער לאַגע פון דער מאַסע פון אַלע פעלקער אין אַלע מדינות בכלל און פון ייִדן אין רוסלאַנד בפרט. אָרעמקייט שטייט, תמיד ווי אַ כינעזישע וואַנט צווישן דער מאַסע און בילדונג. דער פאַרמעגלעכער קלאַס קויפט פאַר זיך בילדונג און אַלע באַקוועמלעכקייטן פון לעבן, נאָר דער אָרעמער מוז אַרבעטן אין שווייס פון זיין געזיכט צו פאַרדינען אויף חיונה, — טאָ ווו קען אים ליגן אין זינען בילדונג! מיט איין וואָרט, די ייִדן־פראַגע אין רוסלאַנד איז געוועגדט ניט אין אַ קלענערער אָדער גרעסע־רער צאָל צדיקים, אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער צאָל תלמידים אין די [רוסיש־]ייִדישע שולן, נאָר אין קלענענע אָדער גרעסערע גינציקע דרויסנדיקע באַדינגונגען, אין דער פאַרבעסערונג פונעם מאַטעריעלן מעמד פון ייִדן. די ייִדן־פראַגע איז, אויף אַזאַ אופן, ניט קיין ספּעציעל ייִדישע פראַגע, נאָר אַן אַלגעמיין סאָציאַלע, וואָס איז ווערט דעם אויפמערק פון אַלע אויפגעקלערטע טוערס פון דער מענטשהייט.

ניט ווינציקער קוריאָז איז דעם מחברס קוק אויף דער היינטצייטיקער העברעיִשער ליטעראַטור. „די איצטיקע העברעיִשע ליטעראַטור, זאָגט דוד אין איין אָרט (ז׳ 43), וואָס האָט ניט גאָרניט בשותפות מיטן פאָלק און דרינגט ניט אַרויס פונעם ייִדישן לעבן, קען ניט ווירקן אויפן פאָלק און איז אַן א י ב ע ר ב יי ן“. דער דאָזיקער קוק איז אין גאַנצן אַ גערעכטער; נאָר מיט עטלעכע שורות וויטער זאָגט זיך דוד אַרויס, אַז אויב מען וועט געבן דעם פאָלק ביכער פון וויסנשאַפטלעכן אינהאַלט אויף דער העברעיִשער שפּראַך, איז ניט נאָר וואָס דאָס פאָלק וועט זיי לייענען, נאָר אויך די געבילדעטע ייִדן וואָס קענען אייראָפּעיִשע שפּראַכן

וואָלטן איבער אַ נייס גענומען לייענען אויף העברעיִש דאָס וואָס זיי האָבן שוין לאַנג געהאַט געלייענט אויף די אייראָפּעיִשע שפּראַכן.

אמת — זייער טשיקאַווע? און צום סוף פון בוך זאָגט דוד פון דאָס ניי, אַז „אין די מערבדיקע מלוכות ווו ייִדן זיינען שוין לאַנג געבילדעט, שאַצן זייערע קינדער זייער נאַציאָנאַליטעט און זיי שטאָלצירן מיט זייער ייִ ד י ש ע ר ל י ט ע ר אַ ט ו ר" (ז' 351).

אָבער אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך איז אָט די מערבדיקע ייִ ד י ש ע ל י ט ע ר אַ ט ו ר? ווער ווייסט עס ניט, אַז די מערבדיקע ייִדישע ליטעראַטור אַנטוויקלט זיך אויף די לעבעדיקע שפּראַכן, די שפּראַכן פון יענע פעלקער וואָס צווישן זיי וווינען ייִדן? איינשפּאַרן זיך אויף אַ זעלבּ־שטענדיקן באַטייט פון דער העברעיִשער ליטעראַטור אין דער איצטי־קער צייט — איז מער ווי נאַריש. די פאַקטן זיינען פאַר די אויגן, אַז די רוסישע שפּראַך גייט מיט איטלעכן טאָג מער אַריין אין פלייש און בלוט פון די רוסישע ייִדן: די ייִדישע יוגנט לייענט מיט התפעלות רוסי־שע ביכער, הגם ניט פון ייִדישן לעבן; פאַרקערט, די צאָל פון די וואָס לערנען זיך העברעיִש ווערט קלענער וואָס פון טאָג. מיר האַלטן אָגב ניט, אַז ייִדן זאָלן אין גאַנצן ניט לערנען זיך זייער אַלטע שפּראַך; — אָבער שרייבן אויף איר ווערק וועגן נאַטורוויסנשאַפטן, אַרויסגעבן ציי־טונגען, פאַרענטפערן געזעלשאַפטלעכע פראַגעס און שרייבן ראָמאַנען — איז, חזרן מיר איבער, מער ווי נאַיִוו. אין אַלע ציוויליזירטע לענדער אַנטוויקלט זיך די ליטעראַטור פון ייִדישער וויסנשאַפט אויף די אייראָ־פּעיִשע שפּראַכן. מען קען דאָס פאַרשטיין אויך. די גרויסע מענטשן גע־פינען, אַז די העברעיִשע שפּראַך קלעקט ניט צום אַנטוויקלען זייערע לע־בעדיקע געדאַנקען. ס'איז גענוג אָנצוּווייזן אויף דעם רמבם — דאָס שיינדל פון דער מיטל־עלטערישער פילאָסאָפיע, וואָס האָט געשריבן זיין אויס־געצייכנט ווערק אויף דער אַראַבישער שפּראַך; אויף מענדעלסאָנען, וואָס ער האָט געשאַפן אַ נייע תקופה אין ייִדישן לעבן און וואָס האָט אָנגע־שריבן אַכט בענד ווערק אויף דער דייטשער שפּראַך. און ס'איז דאָך אַלע־מען באַוווּסט, אַז אָט די געניאַלע מענטשן האָבן גרונטיק געקענט די העברעיִשע שפּראַך... קעגן אַבראַמאָוויטשעס קוק רעדט לסוף דער גייסט פון דער צייט אויך, וואָס די אַלטע ריכטונג באַנעמט אים ניט, נאָר וואָס

ער ברענגט די יוגנט דערצו, אַז זי זאָל ריידן, שרייבן און אַנטוויקלען די ייִדישע וויסנשאַפט אויף רוסיש. אַ סך פון זיי זיינען שוין אַרויסגעטראָטן אויף דעם דאָזיקן פעלד, און זייער מחנה וואַקסט וואָס פון טאָג.

וואָס שייך צום ראָמאַן ווי אַ קונסטווערק, — איז ער אונטער יעדער קריטיק. אַלע פּאַרשוינען וואָס ער [דער מחבר] האָט אויסגעטראַכט, פונקציאָנירן ווי אויטאָמאַטן לויט זיין רצון, אָן שום לעבן און זינען. די לאַנגע און נודנע מאָנאָלאָגן, סיי פון די פּאַרשוינען, סיי פון דעם מחבר גופא, וואָס מיט זיי איז אָנגעפילט דער גאַנצער אַזוי געראָפענער ראָמאַן, פאַרמאַטערן אַזוי דעם לייענער, אַז עס ווערט זיך דוכט זיך ניט געפינען קיין איין געדולדיקער לייענער, וואָס זאָל דאָס קענען דערלייענען ביזן סוף. די פאַרקניפּונג און דער אויסלאָז זיינען נודנע און לעצט אומנאַטירלעך. מיר הייבן ניט אָן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי ה' בינשטאָק האָט זיך גענומען איבעראַרבעטן אַזאַ ראָמאַן, וואָס ער האָט נאָך די פּרעטענזיע צו פאַרענטפערן געזעלשאַפטלעכע היינטצייטיקע אויפגאַבעס.

אַ. קאָוונער.

2

[אורי קאָוונער צו י. ל. גאָרדאָנען]

איבערגעזעצט פון רוסישן מאַנוסקריפּט

זייער חשובער ה' גאָרדאָן!

איך שיק אייך מיין נייעם חיבור צרור פרחים — דעם לעצטן צינדז דער העברעיִשער שפּראַך — און איך בעט אייך איבערצייגעוודיק, איר זאָלט מיר אָנשרייבן אייער אָפנהאַרציקע מיינונג וועגן דעם; איך פאַרזיכער אייך, אַז איך וועל זי שאַצן און רעספּעקטירן. איך זאָג דעם לעצטן צינדז, ווייל עס לוינט בפירוש ניט פאַר אַ היינטצייטיקן מענטשן צו שרייבן אויף דער העברעיִשער שפּראַך, און ווער רעדט נאָך מיט אַזאַ ריכטונג וואָס רופט אַרויס אַ סך שונאים און ניט־אָנגענעמקייטן. ווען עס זאָל כאָטש זיין באַלוינונג פאַר אָט דער אַרבעט! נאָר איר ווייסט דאָך, מיין איך, וואָס עס איז די באַלוינונג פון העברעיִשע שרייבערס בכלל און

פון די אַזוי גערופענע קריטישע שרייבערס ספּעציעל!... איצטער נאָך אַט וועגן וואָס! אין הכרמל האָב איך געלייענט, אַז איר האָט אַרויסגעגעבן אייערע נייע לידער אונטערן נאָמען שירי יהודה. אָן שום ספק זיינען אָט די לידער דווקאָ די, וואָס אויף זיי האָב איך זיך געריכט פון אייך ווי פון אַ פּאָעט וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַ נייעם און רעאַלן גייסט. אויב דאָס איז אַזוי, וואָס דערין בין איך ניט מסופק אויך, וואָלט איך אייך פאַרגעלייגט צו מאַכן אַזאַ געשעפט: שיקט מיר אַרויס 50 עקזעמפּלאַרן פון אייערע לידער, און איך וועל אייך אין אויסבייט פאַר זיי שיקן פּונקט אַזוי פיל עקזעמפּלאַרן פון מיין חיבור; איך מיט מיין ענערגיע וועל זיך פלייסן צו פאַרקויפן אייערע לידער און איר, פאַרהאָף איך, וועט אויך געפינען קונים אין אייער קאַנט אויף מיין חיבור, וואָרעם אין גאַנצן ליט־ווישן קאַנט איז נאָך ניטאָ קיין איין עקזעמפּלאַר פון מיין חיבור. בכלל, זייער חשובער ה׳ גאָרדאָן, בעט איך אייער קאַנטשאַפט און איך פאַרהאָף, אַז אויב מיר וועלן זיך באַקענען נעענטער איינער מיטן צווייטן, וועט דאָס זיין ניט אָן נוצן פאַר אונדז ביידן.

דערווייל פאַרבלייבט געזונט און ענטפערט באַלד.

מיט אויפריכטיקן רעספּעקט

אַ. קאָוונער

אַדעס, דעם 26טן אַפּריל
1868

שרייבט אויפן ווייטערדיקן אַדרעס:

דעם שטאָטישן ראַבינער ד״ר שוואַבאַכער
פאַר אַ. קאָוונערן

אַדעס.

מ. ווײַנרײַך

3

[שוואַכשריפֿט פֿון י. ל. גאָרדאָנס ענטפֿער אורי קאָוונערן]

איבערגעזעצט פֿון רוסישן מאַנוסקריפּט

חשובער הער!

דעם נײַעם חיבור אײַערן צרור פּרחים צוזאַמען מיטן בריוו פֿון 26טן אַפּריל האָב איך באַקומען דעם 11טן מײַ. איך אײַל זיך אַרויסצושיקן אײַך אַנטקעגן אויך מײַן נײַעם חיבור שירי יהודה, וואָס וועגן אים בין איך אָבער אין ספֿק, צי ער וועט דורכויס באַפֿרידיקן אײַערע דערוואַרטונגען.

פֿאַרשטייט זיך אַז ווי באַלד איך האָב אין אַזאַ קורצער צײַט נאָך ניט באַוויזן איבערצולייענען מיט דער געהעריקער אויפֿמערקזאַמקייט אײַער היפּש פֿאַרנעמיקע בראָשור, קען איך אײַך נאָך ניט זאָגן מײַן לעצטגילטיקע און פּרטימדיקע מיינונג וועגן איר, בפֿרט נאָך אַז איך האָב ניט אײַער חקר דבר, וואָס איך האָב אים געזען נאָר איין מאָל פֿאַרבײַגייענדיק און ס'איז מיר שווער צונויפֿצונעמען און צו קאָנפֿראָנטירן אַלע צײַטונג־אַרטיקלען, אויף וועלכע איר פֿאַררופֿט זיך. איך מוז זיך דעריבער באַגרענעצן מיט אויסלייגן אין אַלגעמיינע שטריכן דעם פֿערזענלעכן קוק [וואָס] האָט זיך בײַ מיר צונויפֿגעשטעלט שוין לאַנג בײַם לייענען די אַרטיקלען אײַערע און די אויסרופֿן צוליב זיי פֿון אַלע זײַטן; איך פֿאַרהאָף, אַז איר וועט ניט האָבן צו מיר קיין טענות פֿאַר דער אָפֿנקייט וואָס איר אַליין האָט אַרויסגערופֿן, בפֿרט אַז איך טו דאָס אין אַ קאָנפֿידענציעלן בריוו און ניט עפֿנטלעך מיט דער הילף פֿון געדרוקטן וואָרט.

איך האָב פֿון שטענדיק אָן אָפּגעגעבן פֿולע גערעכטיקייט אײַערע קריטישע פֿעיִקייטן, אײַער שאַרפֿער דורכדרינגלעכער ראיה, אײַער גלײַכער און געזונטער אָפּשאַצונג, דער לײַכטער הסברה וואָס איז ניט אָן צוציִעוודיקייט און דער אײַנגעשפּאַרטער געדולדיקייט אין דער נודנער אַרבעט פֿון צונויפֿקלײַבן און אַנאַליזירן פֿאַרשיידענע... ס'איז ניטאָ קיין ספֿק, אַז איר פֿאַרמאָגט די אייגנשאַפֿטן פֿון אַ גוטן קריטיקער. מיט דעם אַרטיקל „רוח חיים" מכוח דער ניט־פּראַקטישער ריכטונג פֿון דער נײַער העברעיִ־

שער ליטעראַטור בין איך אין גאַנצן מסכים. קיינער שפּאַרט זיך ניט, אַז וויסנשאַפט און ליטעראַטור דאַרפן גיין האַנט אין האַנט מיטן לעבן. דאָס אייגענע איז זייער ראַציאָנעל אייער באַמיִונג מיט דער הילף פון פּאָפּולאַריזירן אַרטיקלען וועגן נאַטור־וויסנשאַפטן אונטערצוּרייסן ביים פאָלק דעם אויטאָריטעט פון פאַלשע בירושהדיקע גלייבונגען. אייערע באַמערקונגען קעגן דער קליינלעכקייט פון אַ סך שרייבערוקעס אונדזערע, קעגן גורלאַנדס שאַרלאַטאַניזם, קעגן גאָטלאָבערס גאַווה און איינגעג־לייבטקייט אין זיך, קעגן אַ גאַנצער שורה נישטיקע פלינקע שרייבאַרעס אין די בלעטער איז באַגרינדעט. דעם אַנטאַלעגטיקן מיצקונען האָט איר דערלאַנגט ווי ער איז ווערט. גערעכט, הגם אַכזריותדיק זיינען אייערע באַמערקונגען וועגן די שירים פון דעם פאַרשטאָרבענעם זאַלקינדן, וואָס האָט פאַר יעדער פּרייז געוואָלט באַקומען דעם שם פון אַ פּאָעט. נאָר דער הויפּט־חסרון אין אייער קוק איז דאָס, וואָס איר לאָזט איבער פאַר דער ברייטער העברעיִשער ליטעראַטור צו אַן ענגן דרייקרייז. איר וואָלט וועלן אַריינשטעלן אַ ריזיקע צוויטוויזנטיאַריקע ליטעראַטור אין איין רעם פון אַנגעוועגדטע וויסנשאַפטן. איר ווילט, אַז די שרייבערס פון ייִדישן פאָלק פון אַלע יאָרהונדערטער אין אַלע עקן וועלט זאָלן אַרויסגיין פון דעם שאַצפּונקט וואָס האָט זיך צונויפגעלייגט ביי אונדז אין דער סאַמע לעצטער צייט, פאַרגעסנדיק דערביי אַז איטלעכער דענקער איז אַ באַ־שאַף פון זיין תקופה און דער וועלטבאַנעם פון מענטשן איז אַ סך געווענדט אין די אומשטאַנדן, וואָס אונטער זיי האָט ער זיך אויסגעאַרבעט. איר וואָלט וועלן, אַז אי טעאָלאָגן, אי פילאָסאָפן, אי פּאָעטן אי פילאָלאָגן זאָלן זיך פאַרנעמען אויסשליסלעך מיט נאַטור־וויסנשאַפטן, גלייך ווי אַלע אַנדערע צווייגן וויסן, וואָס זיי פעלן ניט אין אַלע ליטעראַטורן פון דער ציוויליזירטער וועלט, האָבן רעלאַטיוו ניט קיין פּאָזיטיווע ווערדע. איר האָט פאַרגעסן, וואָס פאַר אַ ריזיקע איבערקערעניש ס'האָט געמאַכט אין ייִדנטום מענדעלסאָן, וואָס ער איז ניט געווען קיין כימיקער, ניט קיין מעדיקער, ניט קיין פּאָליטיקאָ־עקאָנאָם. ווייטער, ניט חושד זייענדיק אָדער ניט אָנערקענענדיק [?], אַז די העברעיִשע ליטעראַטור און די העברעיִשע שפּראַך האָבן בטבע באַזונדערקייטן וואָס נעמען זיך פון זייער לפי־ערך, גאָר־גאָר, לאַנגאָניקן אָפּשטאַם, פלייסט איר זיך צו מעסטן זיי

נאָר מיט אַן אייראָפּעיִשער מאָס און אפשר נאָר מיט אַ רוסישן אַרשין. איר האָט, װי אַ קריטיקער, פולע רעכט צו פאָדערן פון יעדער שרייבער, אַז ער זאָל פּראָדוצירן רעכטס אין הסכם מיט דער לאָגיק און די אַקסיאָמען פון זיין ספּעציאַליטעט. איר קענט פאָדערן פון אַ פּאָעט, ער זאָל שרייבן גוטע לידער. פון דעם היסטאָריקער [קענט איר פאָדערן] שטרענגע קריטיק פון די פאַקטן אד״גל; אָבער פאָלט ניט אָן אויפן פּאָעט, װאָס ער שרייבט ניט קיין סטאַטיסטיק, אויפן פילאָלאָג, װאָס ער פאַרנעמט זיך ניט מיט אָנגעװענדטער כימיע, און אַזוי װייטער. איר פרעגט למשל, פאַר װאָס ס׳איז ביי אַנדערע אַזוי און ביי אונדז אַנדערש; דער ענטפער איז ניכלל אין דער פראַגע גופא; װייל דאָס איז ביי אונדז און ניט ביי אַנדערע. איטלעכע שפראַך און איטלעך פאָלק האָבן זייער אַזוי צו זאָגן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, װאָס װאָרצלט טיף אין געשיכטע און דערציִונג, װאָס זיי װעט איר ניט צונעמען, און עס לוינט ניט צוצונעמען אויך, װאָרעם זיי שאַטן מיט גאָרניט.

אין אייער אופן מסביר זיין אין די קריטישע אַרטיקלען באַמערקט זיך עפּעס אַ גאַליקייט און אַן איבעריק בייסיקע שאַרפקייט װאָס פאַרטשעפּעט פערזענלעך. ס׳איז אַ באַװוסטע זאַך, אַז אין יעדער װערק קען מען געפינען אַ בלייז אָדער אַ דורכלאָז אָדער אַ גרייז, אָבער אויב דאָס װערק גופא איז ניט פון דער קאַטעגאָריע פון די מיצקונישע לידער, קען מען פאַרריכטן.

אין דעם שטייגער מסביר זיין װעגט ביי אייך אַריבער צו אַ בייסיקע שאַרפקייט, טייל מאָל אַפילו עפּעס אַ גאַליקייט, װאָס טייל מאָל ציט זי אייך אַװעק איבער די גרענעצן פון ליטעראַרישער אָנשטענדיקייט. דער חוב פון דער קריטיק איז אָנצוװייזן אַנדערע אויף זייערע טעותן און פעלערן, אָבער בשום אופן ניט חוזק צו מאַכן פון זיי. אויף װאָס קוקנדיק למשל רופט איר אָן צעדערבוימען שניידער און זילבערמאַנען שוחט. צי מיינט איר טאַקע, אַז די מלאכה איז אַ שאַנד פאַר אַ מענטשן? מיט אַזעלכע שטוקעס רופט איר אַרויס אייערע קעגנערס אויף נקמה, װי עס טוט דאָס ה׳ צעדערבוים אין דעם היינטיקן המליץ און קול מבשר און זילבערמאַן אין המגיד, און די גאַנצע זאַך נעמט אָן [דער סוף שוואַרצשריפט האָט זיך ניט דערהיט].

4

[אורי קאָוונער צו י. ל. גאָרדאָנען]

איבערגעזעצט פון רוסישן מאַנוסקריפּט

זייער געערטער ה׳ גאָרדאָן!

אייער בריוו מיט דעם עקזעמפּלאַר "שירי יהודה" האָב איך באַקומען. איר קענט זיך ניט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַן אמתדיקן פאַרגעניגן איך האָב געהאַט לייענענדיק אייערע אויפריכטיקע, ערלעכע און געניג זאַכלעכע באַמערקונגען מכוח מיין נייעם חיבור, — און איר האָט נאָך משער געווען, אַז איך וועל צו אייך האָבן טענות צוליב זיי?! ניין, ליבער גאָרדאָן, ניט נאָר וואָס איך האָב ניט קיין טענות, נאָר פאַרקערט, איך קום אייך אַן אויפריכטיקן דאַנק. איר פאַרענטפערט זיך, אַז איר רעדט ניט „מיט דער הילף פון געדרוקטן וואָרט״, און איך וואָלט צו יעדערן געקומען מיט אַ דאַנק אויב ער וואָלט מיר אָנגעוויזן עפנטלעך אויף מיינע פעלערן. אויב איר האָט איבערגעלייענט מיין חיבור, האָט איר געמוזט באַמערקן, אַז איך בין זיך אַליין מודה אין די גרייזן וואָס איך האָב געמאַכט, כאָטש אָנגעוויזן האָט מען מיר אויף זיי מיט אַ פאַרהוילענער בייזקייט, מיט עפּעס אַ הנאה פון יענעמס דורכפאַל; אויב איך פאָדער דאָס פון אַנדערע מוז איך דאָך אַוודאי אויספאָלגן די פאָדערונג.

נאָר לאָמיר זיך אַ ווענד טאָן צו אייער בריוו! נאָך די איבערגעטריבענע לויברייד פון אייער זייט פאַר מיין קריטישן טאַלענט קריגט איר אויף מיר גערעכטערהייט אַז איך „פאָדער איינזייטיק, אַז די ברייטע העברעיִשע ליטעראַטור זאָל זיך דרייען אין זייער אַ באַגרענעצט קרייזל, פאַרגעסנדיק דערביי, אַז יעדער דענקער איז אַ באַשאַף פון זיין תקופה ["] און ווייל „אַז, אי פילאָסאָפן אי פּאָעטן אי פילאָלאָגן זאָלן זיך פאַרנעמען אויסשליסלעך מיט נאַטור־וויסנשאַפטן״. נאָר דערלויבט צו פרעגן אייך ווו איר האָט דאָס געלייענט אין מיין חיבור? איך האָב דאָס קיינמאָל ניט געפאָדערט און פאָדער איצטער אויך ניט, אַז פילאָסאָפן, פילאָלאָגן זאָלן זיך פאַרנעמען אויסשליסלעך מיט נאַטור־וויסנשאַפטן. אַזאַ פאָדערונג וואָלט געווען מער ווי נאַריש. איך לייקן גאָרניט אָפּ ניט

פּאָעזיע, ניט פילאָסאָפיע און אויך ניט די שיינע קונסטן, נאָר איך פאָדער אַז בײַ אונדז זאָלן ניט זײַן קײן פּאָעטן אָן טאַלענט, קײן פילאָסאָפן־אָבסקוראַנטן און נאַראָנים וואָס קריכן מיט זייער שנוק אין די שיינע קונסטן. איך האָב דאָס דוכט זיך אַרויסגעזאָגט גאַנץ בולט אין דעם אַרטיקל „רוח משפּט“, וואָס ער האָט אײַך בלי שום ספק געבראַכט צו אַזוינע אויספירן. איך וועל זיך קײן מאָל ניט קײן קווענקל טאָן אַוועקצושטעלן אַ דענקער־פילאָסאָף אויף איין ברעט מיט אַ כימיקער, אַ פּאָעט אַ גאון אויף איין הייך מיט אַ פּאָליטיקאָ־עקאָנאָם, אויב ניט נאָך העכער פון זיי. אַ היסטאָריקער־דענקער, אַזאַ ווי באָקל, ברענגט מיך אַרײַן אין אַ סך א גרעסערער התפּעלות איידער אַ כימיקער*); אַ ליד וואָס איז פול מיט פּאָעזיע, שפּילעוודיקייט, שכל, און דער עיקר מיט געדאַנק, אַזוי ווי אייערע לעצטע לידער אין הכרמל, פאַרשאַפן מיר מער פאַרגעניגן איידער סטאַטיסטיק; — מחמת אַ געניאַלער געדאַנק איז אין דער זעלביקער צייט שטרעבונג און ציל, מיטל און תענוג. נאָר דאָס איז דאָך טאַקע די צרה, וואָס בײַ אונדזערע קלאָגעדיקע שרײַבערוקעס איז ער ניטאָ, אָט דער געדאַנק; בײַ זיי זײַנען אומעטום פראַזעס, וואָס עס ווערט ניט גוט פון זיי, וואָס עס עקלט פון זיי, — אָדער נאָך ערגער. דהיינו: פאַרקרימטע געדאַנקען און פאַרדרייטע באַגריפן. נו, געוויינטלעך, מען קען ניט פאָדערן פון יידן קײן באָקלס און קײן ספּענסערס, קײן מילס און קײן מאָלעשאָטן, קײן לאַסאַלן און קײן שפּילהאַגענס; נאָר געזונטן, ניט־געשעדיקטן שכל לכל־הפּחות מוז מען פאָדערן פון העברעיִשע שרײַבערס. איר ווײַזט מיר אָן אויף קאָריפייען, ווי דער רמבם, מענדעלסאָן; אָבער די דאָזיקע אויסנאַמען באַשטעטיקן גראָד דעם כלל. זאָגט וואָס איר ווילט, אַזוי פיל מחלוקותן, אַזוי פיל נידעריקייט, פאַלשקייט, ליגן, צביעות; אַזאַ אויספעלן פון יעדער מין לאָגיק און שכל הישר, ווי אין דער אַזוי גערופענער העברעיִשער ליטעראַטור, וועט איר ניט טרעפן אין קײן אייראָפּעיִשער. וואָס פאַר אַ גוואַלט האָט זיך אויפגעהויבן אויף מיר דערפאַר ווייל איך האָב געהאַט דעם מוט צו זאָגן, אַז די אָנטאַלענטיקע חיה מיצקון האָט

---

*) און די בעסטע ראַיה קען זײַן מײַן קוק אויף [יצחק־בער] לעווינזאָנען, וואָס ער איז ניט געווען ניט קײן כימיקער, ניט קײן מעכאַניקער, ניט קײן מעדיקער, ניט קײן פּאָליטיקאָ־עקאָנאָם.

ניט קיין שום השגה וועגן פּאָעזיע. אַלע קריכן זיי פון דער הויט צוריק אויפצושטעלן דעם אויטאָריטעט פון דעם דאָזיקן פּעטעך, וואָרעם ביי זיי איז די פּראָזע דער עיקר, און פּראָזעס האָט מיצקון גאַנצע חמרים. גלויבט מיר, אַז איך פּאָררייטל זיך תמיד, אַז עס קומט מיר אויס צו ריידן וועגן אַזאַ אידיאָט. דערוויייל איז דער עזותדיקער גאַטלאָבער, וואָס מען קען ביי אים פון דעסט וועגן ניט אָפּלייקענען אַ געוויסן חלק פּאָעטישן טאַלענט, אָקאָרשט אַרויסגעטראָטן קעגן מיר מיט אַ גאַנצער בראָשור אגרת צער בעלי חיים (וואָס וועגן איר וועט נאָך קומען צו רייד), ווו ער זאָגט מיר אויף צו להכעיס, אַז מיצקון איז אַ ג ר ו י ס ע ר פּ אָ ע ט. דאָ וועט פּלאַצן יעדער געדולד...

הייסט עס, איך „פּאַל ניט אָן אויף דעם פּאָעט וואָס שרייבט ג ו ט ע לידער דערפאַר וואָס ער שרייבט ניט קיין סטאַטיסטיק", נאָר איך פּאַל אָן אויף דער אָנטאַלענטיקייט דערפאַר וואָס ער שרייבט פּאַסקודנע גראַ־מען און זאָגט, אַז ער איז אַ שעקספּיר. אָבער די רעכטע פּאָעטן, וואָס זיי זיינען ביי אונדז צום באַדויערן זייער ווינציק, שטעל איך זייער הויך, ווי ס'איז צו זען פון מיין אַרטיקל „שני נביאים מתנבאים בסגנון אחד", וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין המליץ, פון מיין אייגענער רעצענזיע אויף דעם אַרטיקל „הו' זהיר בבקרת" וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין הכרמל, פון אַ סך ערטער אין „פרחי המליץ" און פון די אַרטיקלען „רוח חיים ורוח באר". און דאָס אַלץ האָב איך דוכט זיך אַרויסגעזאָגט אַזוי קלאָר אין יענע אַרטיקלען, — פון וואַנען זשע אַזאַ ניט פאַרשטיין?...

וועגן די אויפטועון פון ווייזלען און לוצאַטאָן בין איך מיט אייך ניט אין גאַנצן מסכים. איר שרייבט זיי צו צו פיל ווערדע אין דער איצטיקער צייט. אַז די דאָזיקע מענטשן זיינען ניט אָן פאַרדינסטן, האָב איך אַליין אַרויסגעזאָגט עטלעכע מאָל אין מיינע אַרטיקלען; נאָר איך קען זיי ניט שטעלן אויף יענעם פּיעדעסטאַל, אויף וועלכן עס האָבן זיי אַוועקגעשטעלט אַלע העברעיִשע שרייבערס. איך פאַל ניט כורעים פאַר זייער גרויסקייט, נאָר איך גיב אָפּ די געהעריקע גערעכטיקייט זייער טאַלענט און זייער טעטיקייט. איך בין מסופק, צי איר וואָלט געקענט איבערלייענען אָן אַ געגנעץ די אומשטערבלעכע שירי תפארת ביי היינטיקן טאָג; איך בין מסופק צי איר זייט מסכים מיט די סאָפיזמען, מיט דער אָפּהענטיקייט, מיט דער

קלײנלעכקײט, מיט די אָפּגעלעבטע השגות, מיט די צו נאַיִווע בליקן אויף רעליגיע, וואָס לוצאַטאָ האָט אַרויסגעזאָגט אין דער לעצטער צײַט פון זײַן לעבן... לוצאַטאָ איז פון יאָר צו יאָר געוואָרן טעמפּער די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן. איך ווײס ניט צי ס'איז פאַנאַטיזם, אויפריכטיקע איבערצײַגונג, צביעות, אָדער פּשוט באַשעדיגונג פון מאָרך, נאָר לוצאַטאָ האָט מזכה געווען די וועלט מיט אַזוינע אידעעס, וואָס בלײַבן בשום אופן ניט הינטערשטעליק אַנטקעגן די אידעעס פון שבט מוסר, קב הישר, און ראשית חכמה. נאָר מילא, זאָל ער ליגן אין זײַן רו, מער וועל איך וועגן אים ניט ריידן.

מכוח אײַער טענה, אַז איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן צו פֿינען אין די אָרעמס, האָב איך בדעה מיט אײַך צו ריידן מער — וואָרעם אין פלוג קען דאָס טאַקע אויסקומען מאָדנע פון מײַן זײַט אָדער לפחות ניט אויסגעהאַלטן.

די עלקער צײַטונג (המגיד) האָב איך אַלע מאָל פּאַראַכט און קיין מאָל ניט געשריבן אַהין קיין וואָרט, הייסט עס מיט איר האָב איך זיך גאָרניט געקריגט; דעם המליץ ווידער האָב איך אין אָנהייב טאַקע מיטגעפילט און סימפּאַטיזירט, וואָרום אין אים באַגעגענען מיר ניט זעלטן ראַיעלע אַרטיקלען פון פאַרשיידענע מחברים; נאָר אָנגעהויבן האָב איך אים פײַנט האָבן דווקא פון דער צײַט, ווען איך האָב אָנגעהויבן דרוקן מײַנע אַרטיקלען אין אים, און אָט פאַר וואָס: אײדער איך האָב געדרוקט מײַנע אַרטיקלען האָב איך געלייגט אַכט נאָר אויף דער ראַיעלער זײַט פון המליץ, ד״ה אויף די אַרטיקלען פון די מיטאַרבעטערס, און דעם רעדאַקטאָר אַליין האָב איך גאָרניט באַמערקט אָדער ניט געלייגט אויף אים קיין אַכט; נאָר ווי נאָר צעדערבוים האָט אָנגעהויבן אַרומרינגלען מײַנע אַרטיקלען מיט צוויטײַטשיקע באַמערקונגען, און זײַער אָפּט צעדרייט פון זײַנע צילן וועגן דעם מײַן פון מײַנע ווערטער, האָב איך אָנגעהויבן צוקוקן זיך צו אים מער מיט קאָפּ און בין דערגאַנגען צו דער איבערצײַגונג, אַז ער איז אַ קלאָגעדיקער שרײַבערוק, וואָס איז גרייט אויף אַלע מיני געמיינקייטן צוליב געלט, וואָס איז פֿעיִק צו דרייען מיטן עק אויף די זײַטן, ווו עס דוכט זיך אים אויס, אַז עס לוינט בעסער, און דער סאַמע עיקר, אַז ער איז, זאָל אַללאָה מוחל זײַן, אַן עם־הארץ אין פולן

זינען פון וואָרט. אַלץ וואָס צעדערבוים שרייבט איז אָדער אַ געפּלוידער, אָדער אַן איבערגיסן פון פּוסטס אין ליידיקס, אָדער אַן איבערדרייען פון יענעמס ווערטער. אַז ער קען ניט קיין העברעיִש, אַז זיין סטיל איז גאָר פּאַסקודנע, אַז ער האָט ניט קיין שום לאָגיק, קיין שום געדאַנק — דערין קענט איר זיך איבערצייגן, אָדער איר האָט זיך איבערצייגט שוין לאַנג פון יעדער אַרטיקל זיינעם. דאָס אַלץ וואָלט מיך אַגב נאָך ניט באַוויגן אַרויסצוטרעטן קעגן אים מיט אַזאַ באַשלאָסנקייט; אָבער זיין עזותדיקע באַרימערישקייט אויף יעדער זייט, זיין פאַלשער אָנשטעל, זיין אויסנוצן די צייטונג לרעה, זיין אומגעהערטע חוצפּה, זיין קלאָגעדיקע קליינלעכקייט אויף יעטווידער טראָט, זיינע — ניטאָ וואָס צו באַהאַלטן — ביז גאָר געמיינע מעשים קעגן מיר און זיין אייגענעם המליץ — אָט דאָס האָט מיך אַרויסגערופן אויף אַ קאַמף מיט אים. און אָט דער קאַמף איז ניט קיין דאָן־קיכאָטיזם, וואָרעם כאָטש צעדערבוים איז אין דער אמתן ניט מער ווי אַ ווינטמיל, פאַרמאָגט ער אָבער אויטאָריטעט ביי דער אומגעניטער יִדישער יוגנט, וואָס לויט מיין מיינונג איז דאָס זייער שעדלעך — איז אָט פאַר וואָס איך וויל אים אַראָפּשליידערן פון פּיעדעסטאַל, וואָס דאָס האָט זיך מיר דוכט זיך איינגעגעבן אויך. איר וואַרפט מיר אויף, אַז איך רוף צעדערבוימען „חייט", און דערביי פרעגט איר נאַיִוו: „צי מיינט איר טאַקע, אַז די מלאָכה איז אַ שאַנד פאַר אַ מענטשן?" דערויף ענטפער איך אייך": איך וועל אַלע מאָל האָבן אָפּשיי פאַר אַ ש נ יי ד ע ר, וואָס וועט זיין אַ ר אַ י ע ל ע ר רעדאַקטאָר; נאָר כ'וועל אַלע מאָל פאַראַכטן אַ ר ע ד אַ ק ט אָ ר וואָס טויג נאָר צו זיין אַ שניידער. פון דעם שטאַנדפּונקט טאַקע רוף איך צעדערבוימען שניידער, און שוסטער, און קאָוואַל אאַז"וו. אַגב דאַרפט איר קענען צעדערבוימען פערזענלעך, כדי אים אָפּצושאַצן, וואָרעם דווקא זיין פערזענלעכקייט וואַרפט אַ ליכטיקע שיין אויף זיין אַזוי גערופענער ליטעראַרישער טעטיקייט. אין יעדער געדרוקטן וואָרט זיינעם טרעט בולט אַרויס זיין געמיינער כאַראַקטער. איר האָט דוכט זיך געדאַרפט פאַרשטיין, אַז קיינער בפירוש קיינער איז זיך ניט מוסר־נפש פאַר טובת־הכלל היינטיקע צייטן; בפרט נאָך צעדערבוים, וואָס יעדער איינער אין אַדעס קען אים פאַר אַ כאַבאַרניק, ביי וועמען עס איז רעכט צו פאַרקויפן דעם טאַטן פאַר אַ קערבל — און

ער רעדט דאָס גאָר מיט אַזוינע פֿאַרשטאָכענע אויגן אין יעדער נומער, אַז ער איז דער ייִדישער משיח, אַז ער איז זיך מוסר־נפש פֿאַר דער טובה פֿון זײַן געליבטן פֿאָלק!... אָט דאָס איז דערווידער יעדער פֿילווינציק אָרנטלעכן מענטשן!

און וואָס עס איז שייך צו פֿינען, איז הגם איך גלייב ניט אין זײַן ריכטיקייט, וועל איך אָבער אַלע מאָל שטיין בײַ דעם, אַז ער איז אָרנטלעכער פֿון די אַנדערע העברעיִשע רעדאַקטאָרן, כאָטשבי צוליב דעם וואָס ער נייטיקט זיך ניט אין דעם שטיקל ברויט, איז ער דעריבער ניט אָפּהענגיק פֿון די אַבאָנענטן. איך האָב נאָך ניט באַמערקט, אַז פֿין זאָל פּראָווען געמיינקייט אין דער ליטעראַטור, אַז ער זאָל פֿאַרקויפֿן זײַנע איבערצייגונגען, אַז ער זאָל זיך אונטערלעקן צו וועמען עס איז מיט אַזוינע נעבעכדיקע חניפֿהדיקע ווערטער ווי דאָס טוען די אַנדערע. פֿין איז ניט קליינלעך און ניט נעבעכדיק, און ס׳איז נאָך ניט געווען קיין פֿאַל, ער זאָל אויסדערציילן וועגן זײַנע כלומרשט גרויסע העלדישקייטן און זײַנע היימישע ענינים. צום סוף, פֿין איז אַן אייראָפּעיִשער מענטש און האָט ריזנדיקע קענטענישן אין דער גאַנצער אַלטער און נײַער העברעיִשער ליטעראַטור; ער איז באַקאַנט אי מיט דער רוסישער ליטעראַטור, אי מיט דער דײַטשער און פֿראַנצייזישער. פּינס קוק אויף דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט און אויפֿן ייִדנטום איז געגוג ברייט און מען קען אים באין־אופֿן ניט פֿאַרגלייכן מיטן ענגן דריבנעם קוק פֿונעם עלקער שוחט און פֿונעם אַדעסער שנײַדער. מיט איין וואָרט, פֿין איז אין אַ געוויסן זינען אַ דענקער, און יענע זײַנען — איינער אַן עם־הארץ און אַ שאַרלאַטן, און דער צווייטער — אַ שאַרלאַטן און אַן עם־הארץ...

דאָס אַלץ דערווייזט אָבער ניט, אַז פֿין איז אַ גוטער רעדאַקטאָר; ס׳קען גרייכלעך זײַן, אַז ער איז גאָרניט פֿעיִק צו זײַן אַ רעדאַקטאָר, ווי ער האָט זיך אַליין עטלעכע מאָל אויסגעדריקט, — פֿון דעסט וועגן וועל איך אַלע מאָל האַלטן, אַז ער איז בעסער פֿון די אַנדערע, ווײַל ער איז אָרנטלעכער פֿון זיי. פֿין איז ניט קיין קעמפֿער פֿאַרן אמת, ער האָט ניט די ענערגיע אָדער אַפֿילו דעם חשק אַרויסצוטרעטן עפֿנטלעך קעגן געזעלשאַפֿטלעכע ווונדן; נאָר ער וועט ניט רודפֿן דעם

אמת און וועט ניט זיין קיין פּאַרטיידיקער פון איינגלייבענישן. די אַנדערע פּאַרקערט פירן אַריין שעדלעכע אידעעס אין פאָלק און מאַכן דעם פאַלשן אָנשטעל אַז עס כאַפּט אַ ניט־גוטקייט. מיט איין וואָרט פון פינען בלייבט אַ סך, צו פאַרלאַנגען, און פון די אַנדערע איז ניטאָ וואָס צו פּ אַ ר־ ל אַ נ ג ע ן ווייל זיי זיינען איבערגעפירט ביזן מאַרך פון די ביינער. פון אָנהייב פאַרגאַנגענעם יאָר און דאָס גאַנצע היינטיקע גייט דער הכרמל גאַנץ לייטיש; עס פעלט אים נאָר דרויסנדיקע הילף. פין אַליין שרייבט אַלצדינג; און זייט מודה, אַז צו פיל פאָדערן פון איין מענטשן קען מען ניט. איר זאָגט, אַז איר זייט מסופק, צי וואָלט וועלכע עס איז אַנדערע ציייטונג אָפּגעדרוקט יענע ביטערע אמתן וואָס איר האָט אַרויסגעזאָגט אין דעם אַרטיקל אייערן „מעל השלחן אשר לפני ה׳״; און דערביי האָט איר פאַרגעסן, אַז מיין אַרטיקל „רוח חיים״, וואָס אין אים זיינען אַרויסגעזאָגט אַזוי פיל, גאָר פיל קרענקענדיקע אמתן, וואָס האָט אויפגעוועקט קעגן זיך יעדער איינעם, וואָס קעגן אים זיינען אַרויס בראָשורן מיט אַ חרם, — איז געווען אָפּגעדרוקט דווקאָ אין הכרמל, און נאָך אויפן פאָדערשטן אָרט...

וועגן מיין טאָן און צערייצעוודיקייט זייט איר אין גאַנצן גערעכט. נאָר איך קען זיך ניט איבערמאַכן. "Le styl(e) est l'homme" האָט געזאָגט דאַכט זיך ביפאָ[ן], און דאָס איז דער פולער אמת, וואָס שייך צו מיר לפּחות. איר זאָגט, „פאַלט ניט אָן פאַר איינס אויף ביידע פאַלאַנ־ געס: די אַלטע און די נייע רוטינערן; מען דאַרף זיך פלייסן צו קלאָפּן זיי איינציקוויז״. נאָר פאַר מיר עקסיסטירן ניט קיין שום אַלטע און נייע פאַ־ לאַנגעס: פאַר מיר עקסיסטירט נאָר אמת און ליגן, אָרנטלעכקייט און גע־ מיינקייט. איך שמייס דעם ליגן און די געמיינקייט, ווו זיי זאָלן זיך ניט אַרויסווייזן ניט לייגנדיק קיין שום אַכט אויף דעם, צי וועל איך מיט דעם ברענגען נוצן אָדער שאָדן. איך טו, וואָס דער אינעווייניקסטער אימפּולס צווינגט מיך צו טאָן און ווען דער אמת (ווי מיר דוכט זיך) איז פאַר מיינע אויגן, רעכן איך זיך ניט, ניט מיט דער צייט, ניט מיטן אָרט, ניט מיט אַנדערע באַדינגונגען. איך קען אַ טעות האָבן, און זייער אָפט אַפילו, — נאָר אַלץ וואָס איך זאָג אַרויס זאָג איך אַרויס אויפריכטיק אָן שום פּניות; — דעריבער פריי איך זיך אַלע מאָל, ווען מען ווייזט מיר אָן אויף מיינע פעלערן...

וואָס שייך דער עיקר־פראַגע: צי איך וועל שרייבן ווייטער אָדער ניט? בין איך ד ע ר וו יי ל נוטה צום לעצטן, און אָט פאַר וואָס; איבער פאַרשיידענע אומשטאַנדן און אַ סך איבערטראַכטענישן האָט זיך ביי מיר אויסגעאַרבעט אין דער לעצטער צייט אַ ב אַ ז ו נ ד ע ר קוק אויפן לעבן, אויף דער מענטשהייט, אויף וויסנשאַפט, אויף אַלע גרויסע צילן און שטרעבונגען אין לעבן, אויף געניאַליטעט, אויף די הייליקע וועלט־אידעעס; איך פרעג דאָס אַלץ אָפּ, און פאַר מיר עקסיסטירט ניט קיין שום גרויסע זאַך, אַפילו דער אַלוועלטלעכער פראָגרעס און דער גן־עדן אויף דער ערד (אין הימלשן גן־עדן גלייב איך ניט), וואָס צו אים שטרעבן אַלע בעסטע מענטשן פון אייראָפּע, איז ניט מער ווי אַ נישטיקער טראָפּן אין דער אייביקייט, — און אויב איך גלייב ניט אין דער אייביקייט פונעם מענטשן בלייבט שוין ניט קיין זאַך וואָס איז גרויס און הייליק וואָרעם יעמאָלט איז ניטאָ ק יי ן ש ו ם צ י ל אין דעם לעבן פון איין מענטשן, פון אַ פולן דור און פון דער גאַנצער אַלוועלט... טאָ צו וואָס זשע זיך רייסן דעם פעלץ? ווידער אויף דער העברעיִשער ליטעראַטור, מיט אירע נישטיקע אינטערעסן און פראַגעס, מיט איר ענגן קליינלעכן קרייז פונקציעס, מיט איר קלאָגעדיקן באַגרענעצטן קוק אויף אַלצדינג, — קוק איך ווי אויף אַ מוראַשניק וואָס אין אים ווידמען זיך טויזנטער מורעשקעס, האַווען צוליב עפּעס, שלאָגן זיך מיט אַלע כוחות, און אָט וועט אַ צופעליקער שטיוול פון אַ מענטשן צעטרעטן זיי מיט אַלע זייערע געבייען, און פון זיי וועט אַפילו קיין סימן ניט בלייבן... דערצו, וואָס פאַראַ באַלוינונג האָט מען פאַר דער אַרבעט, פאַר די בעסטע איבערצייגונגען וואָס מען שרייבט אויף פאַפּיר מיטן בלוט פון האַרצן? איך גלייב ניט אין אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה, דעריבער קען איך זיך ניט לאָזן פאַרנאַרן מיט גוטיקייטן וואָס וועלן קומען; און דאָ האָסטו די פאַרשיידענע גאַטלאָבערס, צעדערבוימס, זילבערמאַנס, וואָס פאַרדרייען מיט אַן אומגעהערטער פאַסקודנעקייט יעטווידער געדאַנק און זידלען זיך ווי שיכורע שוסטערס. אָט שיק איך אייך גאָטלאָבערס אגרת צער בעלי חיים, אַדרבא, קוועלט אָן פון איר. גיט אַ קוק, ביז וואָסערע קאָלאָסאַלע מאָסן עס דערגייט די נידעריקייט פון דעם מענטשן! אַ ל ץ וואָס גאָטלאָבער שרייבט איז דאָך דער געמיינסטער ליגן, פאַסקודנע רכילות, אומגעהערטע אומפאַרשעמטקייט און די מיאוסטע מסירה. איך

קען דעם דאָזיקן עזותדיקן געמיינעם יונג מאַכן אַ פּראָצעס, וואָס פון דעם קען ער שטאַרק ליידן. (די עצה גיבן מיר אַלע ק׳עווער סטודענטן און אַלע אָרנטלעכע מענטשן); נאָר איך האָב זיך נאָך ניט באַשלאָסן, ווייל האָבן צו טאָן מיט גאַטלאָבערן איז אַזוי ווי מיט אַ וואַנץ: פון זיין נאָמען אַליין ווערט פּאַסקודנע. פאַרגלייכט אַלע ציטאַטן וואָס גאַטלאָבער ברענגט פון מיין נאָמען מיט מיינע אָריגינעלע ווערטער, — וועט איר ווערן פאַר־חידושט פון אַזאַ אומגעהערטער נידעריקייט צו פאַרדרייען פרעמדע ווער־טער. ענלעכע נידעריקייטן און ענלעכע רכילותן האָבן אַרויסגעזאָגט צע־דערבוים און זילבערמאַן אין זייערע מיסטגריבער. אָט האָט איר אייך דעם גאַנצן חן וואָס איך באַגעגן וועגן מיר אין דער העברעי׳שער זשורנאַ־ליסטיק. ניטאָ קיין ספק אַז עס זיינען פאַראַן היפּש מענטשן וואָס פילן מיט מיט מיר; נאָר זיי זיינען שטום, ד״ה זיי האָבן ניט ווו אַרויסצוזאָגן זייער מיינונג, עס איז זייער טרויעריק אַז אַזעטיקע אָנבושהדיקע מענטשן זאָלן קענען אומבאַשטראָפטערהייט ריידן וועגן אַלץ אַזוי געמיין, אַז די יונגע כוחות זאָלן ניט האָבן זייער פאָרשטייער, זייער אָרגאַן, ווו זיי זאָלן קענען צוריקשטעלן דעם אמת, וואָס די אַנדערע האָבן אַזוי נידערטרעכ־טיק צעדרייט. ווען ס׳וואָלט נאָך געווען אַ זשורנאַל מיט אַ היינטצייטיקער ריכטונג, וואָס אין אים וואָלט איך כסדר געקענט שרייבן, וואָלט איך זיך אפשר ניט אָפּגעזאָגט; נאָר שרייבן באַזונדערע בראָשורן, — אַחוץ וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ סך שוועריקייטן וואָס מען איז גובר מיט אויסערגעוויינטלעכע אָנשטרענגונגען, לייזט מען סוף־כל־סוף ניט אָפּ אַפילו דאָס וואָס עס קאָסט. ווער קויפט ביי אונדז קריטישע חיבורים? ווער פאַר־שטייט זיי? ווער אינטערעסירט זיך מיט זיי? אַ הייפעלע שרייבערס גופאָ און ניט מער, און שרייבערס זיינען ניט געוואַלדאָוונע להוט אויסצוגעבן געלט... אַגב, ערב זיין קען איך ניט, אַז איך וועל ניט שרייבן; ס׳קען זייער געמאָלט זיין, אַז עפּעס אַ ליטעראַרישער פענאָמען וועט מיך צווינ־גען זיך צו נעמען צו דער פען; נאָר איצטער האָב איך זיך באַשלאָסן אָפּצורוען זיך און אַ טראַכט צו טאָן וועגן זיך...

כ׳וועל אייך זאָגן אויפריכטיק, זייער געערטער ה׳ גאָרדאָן, אַז אייע־רע נייע שירים האָבן טאַקע ניט באַפרידיקט **אין גאַנצן** מיינע דערוואַרטונגען, איך האָב זיך געריכט פון אייך אויף אַזוינע שירים ווי

די וואָס זײַנען געווען אָפּגעדרוקט אין הכרמל, פון דעסט וועגן האָבן מיך אַ סך לידער אַרײַנגעבראַכט אין התפעלות, סײַ מיט זייער פּאָעזיע, שפּי־לעוודיקייט און טיפקייט, סײַ מיט זייער אינהאַלט; פון דעם מין זײַנען: „למה רגשו גוים", „בית מועד לכל חי", „האשה וילדיה", „במצולית ים", „בין שני אריות", אַלע „שירי זהב". נאָר די אַנדערע זײַנען אַ ביסל שוואַך, ווײַל דער אינהאַלט שטימט ניט מיטן פּאָעטישן פלי, דערפֿאַר קומען זיי אַרויס אַ ביסל פּאַרוויאַלעט. וואָס פֿאַר אַ פּאָעזיע למשל קען זײַן אין דעם וואָס לעטעריס האָט אײַך געשיקט זײַן פּאָרטרעט, און אײַער בריוו צו לוצאַטאָן און דאָס גלײַכן? זײַט מוחל מײַן דרייסקייט, נאָר איך האַלט פֿאַר ניט־ראַציאָנעל צו דרוקן אַ ל ע שירים וואָס גייען אַרויס פֿון אונטער דער פּען, ווער רעדט נאָך אַרײַנצושטעלן זיי אין אַ זאַמלונג שירים. די קינדסקינדער וואָס האַלטן טייער איטלעכע סטראָפֿע פֿון דעם גרויסן פּאָעט, קלײַבן טאַקע צונויף אַפֿילו אַלע אַלבאָמען־לידלעך זײַנע און דרוקן דאָס אָפּ; נאָר דער פּאָעט אַליין דאַרף זײַן מער געוואָרנט, אַגב פֿון אַ מער פּרטימדיקער אָפּשאַצונג פֿון אײַערע נײַע שירים האַלט איך זיך אָפּ ביז אַ מער אָנגעלייגטער צײַט; בײַ דער ערשטער פּאַסיקער געלעגנהייט וועל איך זען צו ריידן וועגן זיי אין דרוק. איר שרײַבט אויף דער הילע: „מחברת ראשונה", הייסט עס, אַז נאָך איר וועט קומען אַ צווייטע; געוויס זײַנען דאָרטן אַלע שירים, וואָס איך וואַרט פֿון אײַך מיט אומגעדולד. הלוואַי וואָס גיכער!

איך שיק אײַך צו 10 עקזעמפּלאַרן, אויב איר וועט מיר צושיקן פֿון אײַערע מ ע ר, וועל איך אײַך באַלד צושיקן די איבעריקע צאָל. איך וויים נאָך ניט, צי זײַנען שוין דאָ אין די קאַנטן אײַערע שירים, מײַן [חיבור] איז אין אײַערע קאַנטן [אין ליטע] בפירוש ניטאָ.

אַ געדאַנק וועגן אַרויסגעבן אַ זשורנאַל אויף דער העברעיִשער שפּראַך האָב איך שוין לאַנג, און איך פֿריי זיך זייער, אַז איר ווילט זיך נעמען פֿאַר אָט דער נוציקער זאַך. עס געפֿעלט מיר בלויז ניט, וואָס איר קענט ניט זײַן אויפֿן אָרט פֿון אַרויסגעבן, און דער פּלאַן פֿון אַ קאַלענדאַר, אָדער אַפֿילו פֿון אַ יאָריקן פּעריאָדישן זשורנאַל, זאָגט אויך ניט צו קיין סך גוטס. מיר דאַרפֿן נײטיק האָבן אַ ח ו ד ש ד י ק ן זשורנאַל פֿון 5 ביז 8 בויגן געדרוקטע, יעמאָלט וואָלט מען געקענט עפּעס טאָן, נאָר

איין מאָל אין יאָר איז כמעט אַלץ איינס ווי גאָרניט. אויב איר וואָלט געקענט אויספועלן אַ דערלויבעניש אויף אַ חודשדיקן זשורנאַל מיט אַזאַ פּראָגראַם: אָפּטייל פון בעלעטריסטיק, קריטישער אָפּטייל, וויסנשאַפט־לעכער אָפּטייל און פעליעטאָן, וואָס צווישן זיי [!] וואָלט אויך געקענט זיין הומאָריסטישע שירים, — און אָפּדרוקן וועגן דעם אַ מודעה און אָנקלייבן אַ לייטישע צאָל אַבאָנענטן (6 רובל אַ יאָר), — וואָלט דאָס געווען זייער אַ גוטע זאַך אין מאַטעריעלן זינען אויך. מיין מיטאַרבעט אַגב זאָג איך אייך צו ווי עס זאָל ניט זיין, און איר מעגט פעסט רעכענען אויף מיר.

דערווייל זייט געזונט און שרייבט וואָס אָפטער וועגן אַלץ, איך בין שוין זייער מיד, אַניט איז נאָך דאָ אַ סך וועגן וואָס צו ריידן.

אייער אַ. קאָוונער.

אַדעס, דעם 14טן יוני
1868.

פּ״ס. איך שיק אייך צו די בראָשורקע דורש אל המתים פון לערנערן, בתשובה אויף אגרת צער בעלי חיים פון גאָטלאָבערן. דאָס איז דער זעל־ביקער לערנער, וועגן וועמען עס רעדט זיך אין מיין אַנעקדאָט וואָס איז אָפּגעדרוקט אין דער הקדמה צו צרור פרחים... די בראָשורקע, אַחוץ עט־לעכע ערטער, געפעלט מיר בפירוש ניט.

צי קענט איר מיר ניט צושיקן אייער פאָטאָגראַפיש קאַרטל? איך וואָלט אייך געקומט אַ גרויסן דאַנק.

אויסשפּראַך פון העברעישע נעמען פון אויסגאַבעס און אינסטיטוציעס, וואָס באַגעגענען זיך אין טעקסט

אגרת צער בעלי חיים: [איגערעס צאַאַר באַאַליי כאַיִים]
אַהבת ציון: [אַהאַוואַס ציִיוין]
אַחות ציון: [אַכוואַס ציִיוין]
בחינת עולם: [בכינאַס אוילאַם]
האבות והבנים: [האָאָבויס וועהאַבאָנים]

הכרמל: [האַקאַרמעל]
המגיד: [האַמאַגיד]
המליץ: [האַמײליץ]
השחר: [האַשאַכאַר]
התועה בדרכי החיים: [האַטויע בעדאַרקיי האַכאַיים]
חקר דבר: [כײקער דאָוואָר]
כוזרי: [קוזרי]
מורה הלשון: [מוירע האַלאָשוין]
מורה נבוכים: [מוירע נעווּכים]
מנורת המאור: [מענויראַס האַמאָויר]
מקיצי נרדמים: [מעקיצײ נירדאָמים]
סיפרי אגורה: [סיפרײ אַגויראָ]
עולם כמנהגו: [אוילאָם קעמינהאָגוי]
עקרים: [איקרים]
צרור פרחים: [צרויר פּראָכים]
קול מבשר: [קויל מעוואַסייר]
קנקן חדש מלא ישן: [קאַנקאַן כאָדאָש מאָלײ יאָשאָן]
שבט מוסר: [שייוועט מוסער]
שורש דבר: [שוירעש דאָוואָר]
שירי יהודה: [שירײ יעהודאָ]
תולדות הטבע: [טוילדויס האַטעווּאַ]
תחכמוני: [טאַכקעמויני]

אַ דין־וחשבון וועגן מעטאָד און מקורים

1. מיט דער פיגור קאָוונער האָב איך זיך צום ערשטן פאַראינטע־רעסירט אין די דרייסיקער יאָרן אין ווילנע. איך האָב יעמאָלט געאַרבעט אויף דער ליטעראַטור־געשיכטע און קולטור־געשיכטע פון נײַנצנטן יאָר־הונדערט. איך האָב זיך געפּלייסט דערזען הינטער דער השכלה די משכּלים און אַרײַנדרינגען אין דער ספּעציפֿישער ראָלע וואָס ווילנע האָט געשפּילט אינעם ייִדישן גײַסטיקן אויפֿשטייג פֿון דער צײַט. די אַרבעט איז דערײַ־בער דורכגעפֿלאָכטן מיט אָן אַ שיִער פּרטים וואָס וואַקסן פֿון דער מיט־צײַטישער פּרעסע און ליטעראַטור און אויך מיט פּערזענלעכע זכרונות (אָפּט אין דעם ספּעציפֿיש ווילנערישן שפּראַכיקן לבוש) פֿון מענטשן, וועמען איך האָב נאָך געהאַט די זכיה אויסצופֿרעגן. ספּעציעל וויל איך פֿאַרצײ־כענען, ווי שטאַרק עס האָט מיר געהאָלפֿן פֿאַרשטיין די משכּילישע וויל־נע ד״ר צמח שאַבאַד, וואָס זײַנער אַן עלטערער ברודער אי זנאָך אַליין געגאַנגען אַ שטיקל צײַט אין ראַבינער־שול.

אין דער ווילנער אוניווערסיטעטישער ביבליאָטעק האָב איך יע־מאָלט געפֿונען די יאָרגענג פֿון פּעטערבורגער גאַלאָס, ווו קאָוונער האָט געדרוקט זײַנע פּעליעטאָנען, און זיי דורכגעשטודירט; היינט קען מען ווייזט אויס, אָט די קאָמפּלעטן אין ערגעץ מחוץ די גרענעצן פֿון סאָ־וועטן־פֿאַרבאַנד ניט קריגן.

2. דעם ערשטן נוסח פֿון דער איצטיקער אַרבעט האָב איך פֿאַרענ־דיקט נאָך אין די דרײַסיקער יאָרן. ער איז קיין מאָל ניט געווען געדרוקט. על־פּי טראַף האָט זיך דער מאַנוסקריפּט אויפֿגעהיט אין ניו־יאָרק און אין 1948 האָב איך וועגן קאָוונערן געדרוקט אַ סעריע אַרטיקלען אין פֿאָרווערטס. דער איצטיקער דריטער נוסח איז אין גאַנצן איבערגעאַר־

בעט. ניט נאָר זײַנען אין יעדער פּאַראַגראַף צוגעקומען תּיקונים פון אַ פאַקטנדיקן אָדער סטיליסטישן כאַראַקטער, נאָר עס זײַנען אויך אַרײַנגעשטעלט געוואָרן גאַנצע נײַע פּרקים, דער עיקר וועגן די אידעאָלאָגישע און ליטעראַרישע קאַמפן פון דער צײַט. אַזוי אַז דאָס בוך קען דינען ווי אַן אַרײַנפיר אין די גײַסטיקע באַוועגונגען בײַ ייִדן זינט דעם מיטן פון נײַנצנטן יאָרהונדערט. דאָס גערעם איז אָבער אַלץ קאָוונערס ביאָגראַפיע; די אידעאָלאָגישע קאַמפן זײַנען אויסגרופּירט אַרום זײַן לעבנסגעשיכטע.

איך וויל פאַרצײכענען מיט דאַנק די ניו־יאָרקער ביבליאָטעקן, וווּ איך האָב געפונען די נײטיקע ליטעראַטור קודם־כל די ביבליאָטעק פון ייִוואָ, און ווײַטער די ניו־יאָרקער עפנטלעכע ביבליאָטעק און די ביבליאָטעק פון ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר.

3. מחמת דער קאָנסטרוקציע פון דעם בוך בעט זיך די דערקלערונג, אַז דאָס איז נ י ט קיין בעלעטריסטיק. ס'איז געשריבן אַזוי, אַז עס זאָל זיך גרינג לײענען, אָבער ס'איז געבויט אויף דעטאַלירטער פאָרשונג, און ווי די ביאָגראַפישע פּרטים זײַנען ניט זיכער אָדער וווּ עס שטײט אַ סבֿראָ קעגן אַ סבֿרה, איז דערויף אָנגעוויזן אין טעקסט גופֿאָ. די סצענעס און דיאַלאָגן פון טעקסט זײַנען גענומען צום גרעסטן טײל פון קאָוונערס אײגענע באַריכטן און אַ ביסל פון די באַריכטן פון די מיטצײַטלערס וואָס האָבן געשריבן וועגן אים. מען מעג די סצענעס און דיאַלאָגן אויפנעמען מיט גאָר אַ גרויסן גראַד צוטרוי; געוויינטלעך דאַרף מען זיך רעכענען מיט ניט־וויסיקער פאַרקרימונג, און טײל מאַטעריאַל איז טאַקע איבער דעם טעם לכתחילה עלימינירט געוואָרן.

4. אָנשטאָט צו דיסקוטירן דעם מקור בײַ יעטווידער אײנציקן פאַקט גיב איך דאָ אַן אַלגעמײנע כאַראַקטעריסטיק פון די מקורים. קײן פולע ביבליאָגראַפיע ברענג איך ניט, כדי ניט צו פיל צו באַלאָדן דאָס בוך; פון מײַנע אָנווײַזונגען דאָ און פון די מראה־מקומות בײַ די מחברים וואָס איך דערמאָן וועט דער לײענער דער מתמיד גרינג צונויפשטעלן די גאַנצע ליטעראַטור.

5. אין די דרײַסיקער יאָרן האָב איך נאָך אין ווילנע, אין דעם זעלביקן הויף אויף רודניצקער גאַס 23, געפונען מיטגלידער פון קאָוו־

נערס משפחה און זיך פונאַנדערגעפרעגט ביי זיי. פאַרלאָזלעכע אינפאָר־מאַציע וועגן דעם יִחוס פון די קאָוונערס געפינט מען ביי הלל נח מגיד־שטיינשניידער, עיר ווילנא, ווילנע, 1900, זז׳ 253־254. — וועגן אורי קאָוונערס ברודער יצחק־אייזיק זען ר. גולדבערג אין תרביץ 12 (תש״א), זז׳ 234־236; די טיטלען פון זיינע חיבורים קען מען גרינג אָפּזוכן לויטן זוכצעטל אין פרידבערגס בית עקד ספרים. — וועגן קאָוונערס זון מ. (דער פולער נאָמען איז ניטאָ) זען מ. פרייד, ימים ישנים, 2, תל־אביב 1939, זז׳ 173־176.

6. דער וויכטיקסטער קוואַל פאַר דער געשיכטע פון קאָוונערס ער־שטער העלפט לעבן איז די אויטאָביאָגראַפיע וואָס ער האָט געדרוקט אונטערן נאָמען „פון די פאַרצייכענונגען פון אַ ייִדן" אין רוסישן היס־טאָרישן זשורנאַל איסטאָריטשעסקי וועסטניק; (1) געחתמעט האָט ער זיך מיט די איניציאַלן אַ. ג. ווען קאָוונער האָט דאָס געשריבן, איז ער שוין געווען אַ זעכציקער, אָבער זיינע קינדערשע און יונגע יאָרן זיינען נאָך געשטאַנען פאַר אים ווי לעבעדיקע און ער האָט זיי געמאָלט מיט אַ ליידנ־שאַפט וואָס ווייזט, אַז אין האַרצן האָט ער זיך נאָך אַלץ ניט געהאַט אין גאַנצן אָפּגעפאַרטיקט מיט די איבערלעבונגען. וווּניט־ווו לייגט ער מסתמא אָן די פאַרב אַ ביסל צו געדיכט, אָבער בדרך־כלל שפּירן מיר אַרויס די עכטקייט, און ווו די פאַקטן לאָזן זיך איבערפּרווון ווייזט זיך אַרויס, אַז דער זכרון האָט קאָוונערן אויסגעצייכנט געדינט.

7. פון 1904 ביז זיין טויט אין 1909 איז קאָוונער געווען אַ באַליבטע טעמע אין דער העברעיִשער פּרעסע, וואָס זי האָט ניט אויסגעפּאָלגט זיין נביאות און איז דווקא אויסגעוואַקסן. ס׳האָבן וועגן קאָוונערן געשריבן ראובן ברייניז, אַברהם־יעקב פּאַפּירנאָ, משה־לייב ליליענבלום, שמואל־לייב ציטראָן, און זייערע אַרטיקלען ווערן ציטירט אין דער שפּעטערדי־קער ליטעראַטור, איבער הויפּט ביי צינבערגן און בראַנשטיינען. די אַר־טיקלען ליידן פון דעם, וואָס אַ גרויסע צאָל פאַקטן פון קאָוונערס שפּע־טערדיקן לעבן זיינען נאָך יעמאָלט ניט געווען באַוווסט, און טייל מאָל

(1) А. Григорович, "Из записок еврея". **Исторический Вестник** 91 (1903), стр. 977—1009; 92 (1903), стр. 126—154.

קומען די אָפּשאַצונגען אויך אויס פאַרקרימט. אָבער די מעלה פון די אַרטיקלען איז, וואָס די מחברים זיינען געשטאַנען נאָענט צו קאָוונערס צייט, און לכל־הפחות איינער פון זיי, פּאַפּירנאָ, האָט היפּש געשעפּט פונעם אייגענעם זכרון.

8. ישראל צינבערגס אַרבעט פון 1910: „אַ. קאָוונער (די פּיסאַרעווטשטשינע אין דער העברעישער ליטעראַטור)‟ אין צווייטן באַנד פּערעזשיטאָיע (2), האָט צום ערשטן מאָל אַוועקגעשטעלט קאָוונערן אויף אַ סאָלידן אופן אין דעם קאָנטעקסט פון די יידישע און רוסישע גייסטיקע באַוועגונגען פון מיטן נייַנצנטן יאָרהונדערט און גוט פאַרבונדן ליטעראַטור־היסטאָרישע פאַקטן מיט ביאָגראַפישע. די ליטעראַטור איז אָבער ביי צינבערגן געווען דער עיקר, און חוץ דעם האָט ער נאָך אויך ניט געקענט וויסן די פיל פּרטים וואָס עס האָבן שפּעטער אויפגעדעקט גראָסמאַן, באָראָוואָי און אייזנשטאַט, און דעריבער איז צינבערגס פיינע פּרעזענטאַציע פעליק אין אַ סך פּונקטן. זיין כאַראַקטעריסטיק פון די זעכציקער יאָרן אין דער העברעישער ליטעראַטור באַפרידיקט אונדז שוין היינט אויך ניט אין גאַנצן.

9. אין 1924 האָט דער רוסיש־יידישער שרייבער לעאָניד גראָסמאַן אַרויסגעגעבן: „די ווידוי פון איינעם אַ יידן‟ (3). גראָסמאַנס בוך איז אויפגעבויט דערהויפּט אויף דער קאָרעספּאָנדענץ צווישן קאָוונערן און דאָסטאָיעווסקין, וואָס ביז יעמאָלט האָט מען געוווסט וועגן איר נאָר פון אָנצוהערענישן, און וואָס ער האָט זי געפונען אין דעם היסטאָרישן מוזיי אין מאָסקווע. צו פאַרקיילעכן דאָס בילד האָט גראָסמאַן אויסגענוצט קאָוונערס אייגענע „פאַרצייכענונגען‟, זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט ראָזאַנאָוון (זען ווייטער), די באַריכטן וועגן דעם פּראָצעס אאַז״וו.

דער מאַטעריאַל וועגן די באַציונגען מיט דאָסטאָיעווסקין וואַרפט גאָר אַ נייע שיין אויף דעם דאָזיקן קאַפּיטל אין קאָוונערס לעבן, און אין דעם פּרט איז גראָסמאַנס פּובליקאַציע זייער אַ גרויסער אויפטו. אָבער

(2) С. Л. Цинберг, "А Ковнер (Писаревщина в еврейской литературе)". **Пережитое** 2, С. Петербург 1910, стр. 130—159.

(3) Леонид Гроссман, **Исповедь одного еврея.** Москва-Ленинград, 1924, стр. 181

גראָסמאַן האָט קאָוונערס ייִדישע ראַלע ניט פאַרשטאַנען. ס׳קומט אויס, אַז אין זיין געיעג נאָך בילדונג לויפט אַ ייִדישער יונגען־מאַן פון „געטאָ״ — ווידער און אָבער אַ מאָל די סקאַרבאָווע פאַרשטעלונג, אַז דאָס די־פערעצירטע פאַרזיכדיקע ייִדישע לעבן איז ניט מער ווי אַן ענגע געטאָ! — און עס בלייבט דער איינדרוק, אַז דער גאַנצער קאָוונער איז וויכטיק נאָר אין זכות פון דעם וואָס ער האָט זיך צוגערירט צו אַ ברעג פאָלע פון דעם גרויסן רוסישן שרייבער. קאָוונער אַליין, מיט זיין פּסיכאָלאָגישן און ליטעראַרישן גערעַנגל, ווערט אַזוי ווי פאַרפאַלן. ממילא קען מען זיך ניט פאַרלאָזן אויף יענע טיילן פון גראָסמאַנס אַרבעט, וואָס האָבן ניט דירעקט קיין שייכות מיט דאָסטאָיעווסקין.

10. גראָסמאַנס בוך איז ווינציק פאַרשפּרייט געוואָרן מחוץ דעם ראַטן־פאַרבאַנד און ס׳איז שווער עס צו קריגן. אָבער ס׳איז פאַראַן דער פון אַ דייטשע איבערזעצונג, וואָס איז אַרויס מיט דריי יאָר שפּעטער (4). אַגב זיינען דאָ פאַרשיידענע קאַפּיטלעך, אויסגעברייטערט מיט וויכטיקע צוגאָבן, אָבער אַלץ אויף דייטש, אַזוי אַז עס איז ניטאָ דער טעם פון דער אָריגינעלער רוסישער דאָקומענטאַציע. די דאָזיקע דייטשע אויסגאַבע ברענגט אויך דעם בערלינער יאָגבריוו אויף קאָוונערן מיט דעם איינציקן בילד זיינעם, וואָס האָט זיך אויפגעהיט.

11. אַ צווייטער זייער וויכטיקער צוגאָב צו קאָוונערס ביאָגראַפיע איז געקומען פון ש. אייזנשטאַט. אין 1926 האָט ער אָפּגעדרוקט אין השלח 44, זז׳ 347־361: „אַברהם אורי קובנר בסוף־ימיו״ (אַברהם־אורי קאָוונער אין זיינע לעצטע יאָרן). צום גאַנצן מאַטעריאַל פון פריִער, וואָס ער אַנאַליזירט, איז אייזנשטאַט מצרף אויסצוגן פון קאָוונערס קאָרעס־פּאָנדענץ מיט דעם רוסישן שרייבער וו. וו. ראָזאַנאָוו. די דאָזיקע בריוו האָבן זיך געהאַט אויפגעהיט אין דעם איבערבלייב פון פּאָולינאַ סוסלאָוואַ, וואָס איז געווען דאָסטאָיעווסקיס אַ פריינדינע און האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט ראָזאַנאָוון. אייזנשטאַט האָט די בריוו קאָפּירט אין רומיאַנ־צעוו־מוזיי, (היינט — לענין־ביבליאָטעק) אין מאָסקווע, ווּהין זיי זיינען אַריבער נאָך סוסלאָוואַס טויט.

(4) Leonid Grossman, *Die Beichte eines Juden in Briefen an Dostojewski.* Herausgegeben von René Fülöp-Miller und Friedrich Eckstein, München 1927, 237 pp.

צום באַדויערן האָט אײזנשטאַטס אומגעהײער וויכטיקע פּובליקאַ־ציע אײן גרויסן חסרון וואָס זעט זיך אַרויס פון זײן ווײטערדיקער הערה (ז׳ 349): „... מיר היפּערן אין גאַנצן איבער די ציטאַטן פון קאָוונערס בריוו, וואָס אין זײ דערצײלט ער מיט כלערלײ פּרטים אויף קאַזאַנאַוואָס שטײגער וועגן אַלע זײנע געגנג און פרײקײטן אין סעקסועלע ענינים, צו־ליב דעם איבערגעטריבענעם ציניזם אין זײנע ווערטער, וואָס דאָס שטײט ניט אָן צו פאַרעפנטלעכן אַזוי ווי ער שרײבט״. ס׳איז שווער צו פאַר־שטײן, פון וואַנען ס׳האָט זיך גענומען אײזנשטאַטס חשש, אַז ער קען חלילה קאַליע מאַכן די מאָראַל פון די לײענערס פון השלח.

12. עטלעכע וויכטיקע ביז דעמאָלט ניט באַוווּסטע פּרטים פון קאָוו־נערס לעבן האָט געבראַכט ש. באָראָוואָי אין צוויי אַרטיקלען פון 1926 און 1929. דער ערשטער איז געדרוקט אויף רוסיש אין לענינגראַדער זאַמלבוך יעווריעסקאַיאַ מיסל אונטערן טיטל: „נײַס וועגן אַ. קאָוונערן״ (5), און דער צווייטער געפינט זיך אין די פילאָלאָגישע שריפטן פון ייִוואָ באַנד 3, זז׳ 473־484: „אַ פאַרגעסענער ניהיליסט (יוסף־יהודה לערנער)״. באָראָוואָיען איז געראָטן צו געפינען אין די קיִעווער און אָדעסער אַר־כיוון דאָקומענטן פון און אַרום קאָוונערן, וואָס אַ דאַנק זײ זעען מיר מיט מער קלאָרקײט געוויסע באַציִונגען און געשעענישן.

13. אין דעם ערשטן יאָרגאַנג פון תּל־אביבער מאזנים, (1929־1930) האָט ש. אײזנשטאַט אין די נג׳ 12־15, 17־18 אָפּגעדרוקט די טעקסטן פון קאָוונערס צוועלף בריוו צו ראַזאַנאָוון, וואָס אויף זײ, צווישן אַנדערע, האָט ער זיך סומך געווען אין זײן אַרטיקל אין השלח (זען 11). אָבער ווי־דער דאָס אײגענע: די „אוממאָראַלישע״ ערטער זײנען דורכגעלאָזן.

14. אַן אַרבעט: „אַברהם־אורי קאָוונער״ האָט אין 1931 פּובליקירט י. בראַנשטײן אין באַנד 5 פון דער מינסקער צײטשריפט זז׳ 211־243. דער אַרטיקל איז געשריבן אין דעם „רעוויזיע״־פּעריאָד פון דער סאָוועט־טישער ייִדישער וויסנשאַפט, פלײסט זיך דעריבער בראַנשטײן אויפצו־ווײזן, אַז די גאַנצע פּרעיִרדיקע ליטעראַטור וועגן קאָוונערן איז געווען אַ „באַלעבעסלדיקע״; ווי טרויעריק דאָס זאָל ניט זײן, האָט אָט די גאַנ־

(5) С. Боровой, "Новое об А. Ковнере". **Еврейская Мысль**, Ленинград 1926, стр. 225—245.

16. אין שאול גינזבורגס היסטאָרישע ווערק, נייע סעריע, משומדים אין צאַרישן רוסלאַנד, ניו־יאָרק, 1946, זז׳ 193־159 איז געדרוקט אַ ביאָ־ פּאַלערישקייט ניט פֿאַרהיט שפּעטער בראָנשטיינען גופֿא פֿונעם גורל פֿון אַזוי פֿיל אַנדערע סאָוועטישע ייִדישע שרייבערס. דער אַרטיקל איז אײַ־ בערגעדרוקט אין י. בראָנשטיינס בוך פּאַרפּעסטיקטע פּאָזיציעס, מאָסקווע, 1934, זז׳ 248־205.

דער טאָן און די האַרבע הסברה פֿון בראָנשטיינס אַרבעט טאָר ניט אָפּשרעקן דעם לייענער, הינטער די פֿיל שטעכווערטלעך, פֿאַקטן און ציטאַטן וואָס קערן זיך ניט אָן מיטן ענין איז פֿאַראַן אַ בילד פֿון די שטראָמען אין דער רוסישער און רוסיש־ייִדישער אינטעליגענץ, וואָס קען גרייכלעך צו ניץ קומען די לייענערס וועלכע האָבן ניט קיין דירעקטן צו־ טריט צו די רוסישע און העברעיִשע מקורים.

זאָל דאָ בלייבן פֿאַרצייכנט אַן אַמביוואַלענץ אין בראָנשטיינס אַר־ טיקל, וואָס זי איז כאַראַקטעריסטיש ניט נאָר פֿאַר אים. זײַן שאַרפֿקייט קעגן העברעיִש איז אַזוי שטאַרק, אַז ער שטימט דורכויס איין מיט קאָוונערס מיינונג, אַרויסגעזאָגט מיט אַ זיבעציק יאָר פֿריִער, אַז די העב־ רעיִשע ליטעראַטור האַלט ביים אונטערגיין; אָבער די העברעיִשע ציַ־ טאַטן ברענגט ער ניט נאָר אין איבערזעצונג, נאָר אויך אין אָריגינאַל, הגם מיט די רוסישע ציטאַטן איז ער זיך ניט נוהג אַזוי.

15. אין יוסף קלוזנר [קלויזנער] היסטוריה של הספרות העברית החדשה, 4 א, ירושלים, 1941, איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ גאַנץ קאַפּיטל, זז׳ 201־158. די ביבליאָגראַפֿיע איז זאָרגעוודיק געאַרבעט און קאָוונערס העברעיִשע ליטעראַרישע אַרויסטריטן זיינען אויסגעמאָלט אין אַ כראָ־ נאָלאָגישן סדר מיט אַ סך גוט צוגעקליבענע ציטאַטן. קאָוונערס רוסישע שריפֿטן זיינען איגנאָרירט, און ממילא ווערט מטושטש די גאַנצע פֿיגור זיינע, אָבער דאָס איז אַ רעזולטאַט פֿון ד״ר קלויזנערס גאַנג, אַז ער איז זיך עוסק נאָר אין דער געשיכטע פֿון דער ה ע ב ר ע י ִ ש ע ר לי־ טעראַטור.

די ביאָגראַפֿיע איז ביי קלויזנערן אַרויסגעקומען אַ ביסל צו בצימ־ צומדיק: דער ערשטער פּעריאָד ליידט פֿון דעם וואָס קלויזנער האָט, ווי ער גופֿא מעלדעט, ניט געהאַט ביים שרייבן צו דער האַנט קאָוונערס אויי־

טאָביאָגראַפיע אין איסטאָריטשעסקי וועסטניק; אויפן צווייטן, ניט־העברעיִשן פּעריאָד האָט ער בכיוון ניט געלייגט קיין אַכט. פאַראַן אָבער אין קלויזנערס ביאָגראַפישע פּאַראַגראַפן וויכטיקע פּרטים. אויף וויפל איך זע, איז ער דער ערשטער און איינציקער וואָס האָט אידענטיפיצירט קאָוונערס רוסישע בראָשור פון 1908, אַרויסגעגעבן פון זיין זון (6).

לחלוטין ניט באַרעכטיקט קומט אויס ביי מיר ד״ר קלויזנערס גאַנג פון באַהאַנדלען קאָוונערן גלייך ער וואָלט געווען אַן אָפּאָנענט פון היינט, וואָס מען באַקעמפט אים מיט די אידעאָלאָגישע כלי־זיין פון היינט. קאָוונערס קריג קעגן דער העברעיִשער שפּראַך, זיין פעלשן אַ געלט־אָנווייזונג, זיין שמדן זיך אַאַז״וו, זיינען היסטאָרישע פאַקטן, וואָס מיר קענען זיי ניט בייטן ווי שטאַרק מיר זאָלן דאָס ניט וועלן. דעריבער איז ניט שייך דאָס צו פאַרמשפּטן מיט מאָראַלישע תרעומותן פון דעם טיפּ: „ווער עס איז פּעיִק אָפּצוטאָן [אַזוינע פאַרברעכנס] אַפילו ביי מילדערנדיקע דרויסנדיקע אומשטאַנדן, דער האָט שוין פון פריִער אַ דעפעקט אין דער נשמה. דער אמת ערלעכער מענטש וועט ניט גנבענען אַפילו ווען ער איז הונגעריק און וועט ניט פעלשן קיין טשעקן אַפילו אין דער גרעסטער נויט — און אַפילו ניט צוליב וועלכער עס איז סאָציאַליסטישער אָדער אַנאַרכיסטישער טעאָריע״. אויפן מהלך פון אַ קנאַפּן יאָרהונדערט מעגן מיר זיך פאַרגינען אָפּצושאַצן געשעענישן און פּערזענלעכקייטן אָן דעם צושפּיל פון סטיליסטישע מיטלען וואָס מען ניצט אין אַ פּאָלעמיק אויג אויף אויג. דאָס הייסט ניט בייטן די מאָס, דאָס איז נאָר אַ סגולה צו פאַרשטיין בעסער.

קלויזנערס פּאָלעמישע שטעלונג ברענגט אים אַגב אויך צו דירעקטע אומגערעכטיקייטן קעגן קאָוונערן. דער מאַטעריאַל וואָס קלויזנער גופא דערמאָנט ווייזט, אַז קאָוונער האָט נ י ט פאַרלוירן דעם אינטערעס צו זיינע קינדער פון דער ערשטער פרוי נאָך דעם ווי ער איז פון איר אַוועק. אומזיסט איז אויך דער ספק וועגן די מאָטיוון פון קאָוונערס שמד; ער אַליין גיט זיי אין אַ בריוו צו ראָזאַנאָוון בשעת אויף אויסצופּיינען זיך פאַר ראָזאַנאָוון וואָלט אים גאָר געלוינט פאַרצושטעלן דער ענין אַנדערש.

---

(6) А. К-р, **Язык фактов, по поводу обособленности евреев,** Издание М. А. Ковнера, Варшава 1908.

גראַפיש־ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע כאַראַקטעריסטיק פון קאָווגערן, מיט אַ ספּעציעלן אַקצענט אויף דעם צווייטן טייל פון זיין לעבן

17. כל כתבי אַברהם אורי קובנר, הכין לדפוס וצירף מבוא ישראל זמורה, תל־אביב, תש״ז, 239 ז״ז, איז אַן איבערדרוק פון קאָוונערס העבּרעיִשע שריפטן — זייער אַ נוציקע אויסגאַבע, מחמת אי קאָוונערס צוויי ביכלעך, אי די זשורנאַלן, ווו עס זיינען געדרוקט זיינע ניט־צונויפגעקליבענע מאמרים, געפינען זיך נאָר אין געציילטע ביבליאָטעקן. דער ווערט פונעם איבערדרוק איז אָבער געמינערט דורך דעם וואָס ביי די זשורנאַל־אַרטיקלען איז ניט אָנגעוויזן, פון וואַנען זיי זיינען גענומען. אויך איז כדאַי געווען אַריינצונעמען די רעדאַקציאָנעלע באַמערקונגען וואָס זיינען געווען צוגעשריבן צו די מאמרים. „כ ל כ ת ב י...״ איז איבער־געטריבן, וואָרום עס פעלן אין גאַנצן די רוסישע שריפטן — ניט נאָר די בריוו, וואָס דאָס נאָכוואָרט פון די פאַרלעגערס זאָגט צו אַרויסצוגעבן שפּעטער נאָך אויך די ליטעראַריש־קריטישע אַרבעטן: די רעצענזיע אויף אַבראַמאָוויטשעס האבות והבנים (7), פיר גרויסע אַרטיקלען וועגן ישיבות (8) און דער אַרטיקל וועגן סמאָלענסקינען און גאָרדאָנען (9).

די רוסישע בעלעטריסטישע און פּובליציסטישע אַרבעטן קאָוונערס פון זינט די זיבעציקער יאָרן, אַחוץ די עטלעכע דערמאָנטע, האָט ווייזט אויס קיינער ניט געזען. די אויסגאַבעס, ווו ער האָט זיך געדרוקט, רופט ער אַליין אָן אין זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט דאָסטאָיעווסקין און ראַזאַנאָוון. דאָס איז אַן אָנגעלייגטע אויפגאַבע פאַר ווייטערדיקער פאָרשונג. עס איז אָבער אַ ספק, צי מען קען זיי צונויפנעמען ערגעץ ווו מחוץ די ביבליאָ־טעקן פון מאָסקווע אָדער לענינגראַד.

18. גינזבורג האָט אין זיין רייכן אַרכיוו פאַרמאָגט אַ בינטל בריוו צו יהודה־לייב גאָרדאָנען און אין טייל פאַלן אויך שוואַרצשריפטן פון

(7) А. Ковнер, **“Отцы и Дети,** (из еврейского быта). Роман Ш. Я. Абрамовича. Переделал(?) на русский язык Лев Биншток. С. Петербург, 1868 г.” **День**, 1868, стр. 29—31.
(8) А. К-р. “Ешибочная бурса”. **День,** 1869, стр. 93—95, 141—143, 188—190, 381—84.
(9) А. Ковнер, “Современная еврейская беллетристика”. **Еврейская библиотека 4,** С. Петербург, 1873, стр. 398—423.

גאָרדאָנס ענטפערס. דאָרטן זײַנען אויך געווען צוויי בריוו קאָוונערס און אַ שוואַרצשריפט פון אַ טייל פון גאָרדאָנס ענטפער אויפן ערשטן פון זיי. מיט זײַן שטענדיקער פרײַנדלעכקייט האָט ש. גינזבורג געוויזן די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ פאַרשערס אין דעם פאַך; צינבערג און באָראָוואָי, פונקט ווי גינזבורג גופא אין אַן אַרבעט, האָבן געבראַכט פון דאָרטן אויסצוגן גאַנצערהייט זײַנען אָבער די בריוו נאָך קיין מאָל ניט געווען געדרוקט ביז דער איצטיקער אויסגאַבע, און דער אמתער ווערט זייערער, ווי דער לייענער וועט זען, קומט אַרויס נאָר אין דער גאַנצקייט. די איבערזעצונג האַלט זיך אַזוי נאָענט ווי מיגלעך צום אָריגינאַל, אַפילו געוויסע מאָדנע־קייטן אין אויסדרוק האָב איך געפּרוווט אָפּהיטן. אַ יישר־כוח ד״ר יצחק ריבקינדן פון ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק, וואָס ער האָט מיר געגעבן רשות אָפּצופאָטאָסטאַטירן בשלמות די דאָזיקע בריוו.

***

איך דאַנק מײַנע ליבע וואָס האָבן מיר געהאָלפן אויסענדיקן דאָס דאָזיקע בוך.

האַרבסט, 1954.

דאס פוילישע יידנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראל־פארבאנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע

רעדאקטאר: מארק טורקאוו

פארלאג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מארק טורקאוו — מלכה אָווּשיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פרץ (אויספאַרקויפט)
3) ו. גראָסמאַן־ווייערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַ ג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די יידן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע יידן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאַ פינקלשטיין — מגילת פוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע

32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט

33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות

34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספאַרקויפט)

35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פּרצן...

36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן

37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק

38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייט.

39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)

40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן

41) מנשה אונגער — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)

42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פּלוינע

43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)

44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)

45) ד״ר ח. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)

46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו

47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)

48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)

(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)

50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)

51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)

52) י. י. טרונק — די יידישע פּאָעזיע אין פּוילן

53) יאָנאָס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)

54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)

55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע ייִדן

56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע

59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים

60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13

61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)

63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך

64־65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע"

(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)

66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן

67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער

68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)

69) אליהו טראָצקי — גלות דייטשלאַנד

70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)

71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)

72) י. י. טרונק — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)

(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1951)

73) יהודה עלבערג — אונטער קופּערנע הימלען (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)
74) ד״ר א. מוקדוני — אויסלאַנד
75) זיגמונט טורקאָוו — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) יהושע פערלע — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פּרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד״ אין פּוילן, וואַרשע 1937)
77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן
78) דניאל טשאַרני — ווילנע
79) ז. סעגאַלאָוויטש — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) יזכור־בוך — בעלכאַטאָוו (אויספאַרקויפט)
81) מ. י. שעליובסקי — אויף אַ פולער יואָך
82—83) יצחק פערלאָוו — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)
84) יוסף אָקרוטני — דאָס בוך פון די עלנטע
85־86) מרדכי שטריגלער — גורלות
87) ד״ר יוסף טענענבוים — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) זלמן שזר — שטערן פאַרטאָג (זכרונות)
89) משה דוד גיסער — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (אויספאַרקויפט)
90) ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים
91־92) עמנואל רינגעלבלום — קאַפּיטלען געשיכטע
93) שמעון האָראָנטשיק — אין געדרויש פון מאַשינען (ראָמאַן)
94) גרשם באַדער — מיינע זכרונות (קראָקע)
95—96) יאָנאָס טורקאָוו — פאַרלאָשענע שטערן (זכרונות)
(פּרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1954).
97—98) אַליעזר קאַצ־זנע — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)
99) פּועה ראַקאָווסקי — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין
100) מאַרק טורקאָוו — די לעצטע פון אַ גרויסן דור
101) י. הירשהויט — יידישע נאָפט־מאַגנאַטן
(פּרעמירט דורכן מרדכי סטאָליאַר ליטעראַטור־פאָנד, ביי „די אידישע צייטונג״, בוענאָס־איירעס, 1955).
102) משה זאָנשיין — יידיש וואַרשע
103) פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע
104) — י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (ראָמאַן)
105־106־107) — מיכאל באָרוויטש — אַרישע פּאַפּירן
108־109) מרדכי שטריגלער — געאַרעמט מיטן ווינט (ראָמאַן)
110־111) ד״ר א. מוקדוני — וואַרשע און לאָדזש.
112) ברוך האָגער — מלכות חסידות
113) ב. שעפנער — נאָוואָליפּיע 7 (זכרונות)
114) פנחס שטיינוואַקס — יידן צום געדענקען
115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון די ליאַלקעס

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

מאַקס ווײַנרייך — פון ביידע זייטן פּלויט (וועגן אורי קאָוונער)
ד״ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום

פרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

★

א. ליס שרייבט וועגן הונדערט ביכער פון דער סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום“ („אונדזער היינט“, תל־אביב, 10טער דעצעמבער 1954):

וועמען פון אונדז, ייִדן פון פּוילן, ייִדן פון מזרח־אייראָפּע טוט עס נישט וויי דער עלנט פון ייִדיש־שאַ־

פערישן וואָרט? וויפל האָבן מיר זיך שוין נישט באַקלאָגט אויף דער איינגעשרומפּטקייט פון דער ייִדי־שער קולטור אין די תפוצות? און ווייזט אויס, זיך אַזוי צוגעוווינט צו דער אומעטיקער מערכה פון ייִדישן קולטור לעבן אַז מיר דערזעען שוין נישט דאָס, וואָס מיר האָבן געדאַרפט דערזען, דאָס, וואָס קען אונדז דער־פרייען און וואָס קען שטויסן צו פרישע, דערהויבנדיקע אויפטוען.

מיט עטלעכע חדשים צוריק איז אין בוענאָס איירעס אין פאַרלאַג פון „צענטראַל פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע“ דערשינען דאָס הונדערטסטע בוך. דאַכט זיך, אין אונדזערע בעסטע יאָרן פון פאַרן מבול, וואָלט אַזאַ דערשיינונג אויך נישט געווען פון די געוויינלעכע זאַכן. הונדערט ביכער! צענדליקער טויזנטער זייטן ייִדישע שאַפונג! אמת, ס׳איז אַן אַנדער ליטעראַטור, אַ ליטעראַטור וואָס דאַרף פאַראיי־ביקן אונדזער חורבן, אונדזער אומ־קום און פאַרלענדונג, ביכער וועל־כע דערציילן דעם פּיין און יסורים פון פאָלק בימי־היטלער, ביכער וועלכע דערציילן־אויס די יסורים און קדושה פון יחידים, אָבער צוזאַ־מען מיט די ביכער און באַשרייבונ־

גען פֿון אונדזער אָקערשטיקער פֿאָלקס־טראַגעדיע האָבן די פֿאָלקסטימלעכע ייִדן פֿון בוענאָס איירעס אונדז צוגעטראָגן פֿון די פֿערלען פֿון דער מאָדערנער ייִדישער שאַפֿונג, וואָס די אַמאָליקע ווילנע, די פֿאַרחורבנדיקע וואַרשע און לאָדזש און קאָוונע האָבן מיט אַ סך יאָרן צוריק אַרויסגעגעבן, און די ווערק זענען אַוועק מיטן רויך, זענען אומגעקומען אינעם געווירבל.

ווען מיט אַכט יאָר צוריק האָט מאַרק טורקאָוו געבראַכט דאָס גבית־עדות פֿון דער ערשטער אָפּגעראַטעוועטער, ניצול געוואָרענער פֿון שבעה מדורי גהינום, מלכה אָוושאַני, דאָס ביכל „מלכה אָוושאַני דערציילט“ האָט פֿאַרשטייט זיך קיינער נישט געקענט פֿאָרויסזען און טראַכטן, אַז דאָס איז דער אָנהייב פֿון איינעם פֿון די ווירדיקסטע מאָנומענטן לזכר דעם אומגעקומענעם פֿאָלק אין אייראָפּע, אַז פֿון אָט דעם ביכל וועלן עס אויפֿקומען נייע צענדליקער און צענדליקער ווערק, וואָס וועלן אונדז דערציילן „מגילת פּוילן“, וועלן דערציילן פֿאַר אונדז און פֿאַר דורות שפּעטער פֿון „אַ טאָג אין טרעבלינקע“, „פֿון לאַגער אין לאַגער, און פֿון „אין די פֿאַבריקן פֿון טויט“, פֿון „באַרג חורבן“ און „פּאַרטיזאַנער גייען“. פֿון „פּליטים“, פֿון „היים און היימלאָזיקייט“ — נעמען מיר צונויף די ביכער, די באַשרייבונגען, זכרונות און דערציילונגען האָבן מיר פֿאַר זיך דאָס גאַנצע טרויעריקע לעבן, גרויזאַם, ציטער און פּיין, נשמה־פּלאַטערניש — נישט נאָר פֿון יחידים, נישט נאָר פֿון קהילות און ישובים — נאָר פֿון גאַנץ ייִדיש־פֿאָלק אין אייראָפּע אין דער פֿינצטערער היטלער־תּקופֿה.

און די דאָזיקע באַשרייבונגען, מעמואַרן, רעפּאָרטאַזשן און דערציילונגען וואָלטן דאָך דערגאַנגען — אויב זיי וואָלטן בכלל דערגאַנגען — צופֿעליק און אָפּגעריסן דורך צייטונגען און צייטשריפֿטן און אַוודאי וואָלטן אַ סך שאַפֿונגען בכלל נישט דערזען די ליכטיקע שיין, ווען עס וואָלט נישט געקומען די זאָרג און די מי פֿון די וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן די הונדערט ביכער מיטן פֿייערדיקן וואָרט: „געדענק און זאָלסט נישט פֿאַרגעסן“ עס איז אַ דערמאָנונג, אַן אייביקע דערמאָנונג, וואָס מיר געפֿינען אין די אייבער צוויי דריטל פֿון די אַרויסגעגעבענע ביכער אויף דער טעמאַטיק פֿון ייִדישן אומקום, און נישט נאָר אין די ביכער נאָר אויך אין די ווערק וועמענס שעפֿער מען האָט פֿייַנפֿול און טראַגיש פֿאַרשניטן. ביכער פֿון שרייבער־קדושים, וועלכע האָבן טיף און אייגנדיק איינגעגלי־

דערט זייער שאַפעריש־וואָרט אויף
די ברייטע שטחים פון ייִדיש לעבן
אין פּוילן. אָט איז די מאָנאָגראַפיע
„די ייִדן־שטאָט לובלין“ פון היס־
טאָריקער פּראָפ׳ מאיר באַלאַבאַן,
און „משהלעך, יאָסעלעך, ישראליק־
לעך“ פון ווונדערלעכן קינדער־
דערציִער, דעם קדוש יאַנוש קאָר־
טשאַק, די פּרעכטיקע פּאָעמע „מיין
היים“ פון אומגעקומענעם יחיאל
לערער און „שטאַרקע און שוואַכע“
פון דיכטער, עסייאיסט און דראַמאַ־
טורג אַלטער קאַציזנע, און אלחנן
צייטלין דערציילט פון „אין אַ לי־
טעראַרישער שטוב“, די שטוב פון
זיין גרויסן טאַטן הלל צייטלין, ווו
מיר באַקענען זיך מיט צענדליקער
געשטאַלטן, שרייבער, קינסטלער,
טיפּן פון דער ייִדישער שרייבער־
סביבה אין וואַרשע, און ווייטער
איבערגעדרוקטע ווערק פון ייִנגע־
רע און עלטערע דערציילער אין
פּוילן: „איבער די חורבות פון פלוי־
נע“ פון אומגעקומענעם מיכל בור־
שטין, „ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר“ פון
יהושע פּערלע, „אין רויש פון מאַ־
שינען“ פון אומגעקומענעם שמעון
האָראָנטשיק און „100 פּאָלקס־לי־
דער“ פון אומגעקומענעם שאַפער
און זאַמלער פון ייִדישן פּאָלקס־ליד
מנחם מענדל קיפּניס, און עמנואל
רינגלבלומס קאַפּיטלען געשיכטע —
אָט די אַלע רופן צו אונדז: „געדענק
און זאָלסט נישט פאַרגעסן!“

פון דער גרויסער סעריע־ביכער,
וועלכע ברענגען און פאַרפיקסירן
דאָס לעבן פון געטאָ, הויבן זיך באַ־
זונדער אַרויס די פיר ביכער פון
יאָנאַס טורקאָוו „אַזוי איז עס גע־
ווען“, „דער קאַמף פאַרן לעבן“ און
די צוויי בענדער „פאַרלאָשענע
שטערן“. אין די ביכער, בפרט אין
די „פאַרלאָשענע שטערן“ געפינען
מיר אַ געטרייע און רינדיקע שיל־
דערונג פון לעבן און אומקום פון
הונדערטער בינע־מענטשן, שרייבער,
קינסטלער, מוזיקער, מאלער —
דער אומקום פון ייִדישן קינסטלע־
רישן וואַרשע.

וואָלט מאַרק טורקאָוו דער רע־
דאַקטאָר פון פאַרלאַג און אברהם
מיטלבערג דער פאַרוואַלטער צוזאַ־
מען מיט די אַנדערע עסקנים פון
פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַר־
גענטינע אַרויסגעגעבן אַפילו בלויז
די ווערק און ביכער, וועלכע שפּיג־
לען אָפּ די תקופה פון אונדזער אומ־
קום, ווערק וועלכע ברענגען אַרויס
דעם גרויל פון געטאָ און קאַצעט,
באַשרייבונגען פון טיפּסטער, מענ־
טשלעכער פּיין, וואָלטן זיי שוין
מיט דער דאָזיקער אַרבעט אַליין
דערפילט בפירוש אַ גרויסע שלי־
חות; אַ היסטאָרישע שליחות, אַ
שליחות ביים מיטהעלפן אויפצוהיטן
און צו שאַפן די טראַגישע מגילה

פון ייִדישער מאַטיראָלאָגיע. קאָנטיק אָבער, אַז זיי האָבן חוץ מזה, וואָס זיי האָבן תופס געווען די נויטיקייט פון איבערדרוקן די ווערק פון שרייבער־קדושים, דערפילט אויך דאָס נאַטירלעכע פון אונדזער המשכדיקייט: אַרויסגעבן די שאַפונגען וועלכע שילדערן און שפיגלען אָפּ דאָס געוועזענע ייִדישע לעבן אין פוילן און בכלל דאָס לעבן און גורל פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִד — ווערט דורך דעם די „ביכער־סעריע" נאָך שפּעדיקער און ווערטפולער.

אַזוי קומט דאָרט זלמן שזרס בוך „שטערן פאַרטאָג", זכרונות פון אַ פאַרגאַנגענער וועלט, ס'איז טאַקע נישט מער ווי דאָס ליטווישע שטעטעלע שטויבץ, אָבער פון יענע יוגנט־זכרונות פילן מיר דאָס געזונטע יווירנדיקע ייִדיש געזעלשאַפטלעך לעבן וואָס האָט זיך אַרויסגעוויקלט שפּעטער אין די גרויסע שטעט אין גרויסע פאַרמעסטן. און אָט דערציילט ד"ר מוקדוני וועגן זיינע גאָר אינטערעסאַנטע איבערלעבונגען און באַגעגענישן. און דער ארץ־ישראלדיקער אַקטיאָר אַברהם נחתומי, וועלכער האָט דאָ אונדז בשעתו אַזוי פלוצעמדיק איבערראַשט מיט זיין ווערק „בצל הדורות", מאָלט אין זיין בוך „אין שאָטן פון דורות" אין אַ וואַרעמען און פאַרביקן ייִדיש זיין קינדהייט און יוגנט אין דער פרומער סביבה פון זיינע גאַליציאַנער זיידעס. און דער בעלעטריסט ש. איזבאַן ברענגט דאָס ערשטע ייִדישע ווערק וועגן אונדזער העפלה־עפּאָפּייע „אומלעגאַלע ייִדן שפּאַלטן ימען", און יואל מאַסטבוים דערציילט פון זיינע „שטורמישע יאָרן" צווישן זיי משפחה אַנאַרכיסטן און פרייהייטס־קעמפער. און מנשה אונגער מיט זיין שטענדיקע טעמע — חסידות — אַ בוך „וועגן פשיסכע און קאָצק" און פרוּווט דאָ אויסצוקלאָרן דעם מהות פון פשיסכע און קאָצק. דאָס ניין־און־ניינציקסטע בוך פון פאַרלאַג איז גאָר אַן אָריגינעל בוך שוין מיט דעם אַליין, וואָס די מחברטע, פועה ראָקאָווסקי, ווען זי האָט פאַרענדיקט דאָס בוך מיט אַ יאָר 12 צוריק, איז שוין דאַן געווען אַ פרוי פון 77 יאָר. אָבער איר שרייבן האָט אי פרישקייט אי זעלטענע פשטות. פועה ראָקאָווסקיס „זכרונות פון אַ ייִדישער רעוואָלוציאָנערן", איז פול מיט עפּיזאָדן און סצענעס, אַנטוישונגען און דערגרייכונגען, וועלכע די קעמפערין פאַר פרויען־רעכט און דערציִערין און שרייבערין האָט דורכגעמאַכט אין משך פון איר לאַנגן לעבן פון איר געבוירן אָרט ביאַליסטאָק, ביז די לעצטע יאָרן אין ירושלים.

דאָס סיום־בוך, דאָס הונדערטסטע בוך, איז פאַרפאַסט פונעם רע־

דאָקטאָר פון פּאַרלאַג מאַרק טור־קאָוו. פון דעם ערשטן בוך „מלכה אָוושאַני דערציילט״ ביז דעם הונ־דערטסטן בוך וואָס הייסט „די לעצ־טע פון אַ גרויסן דור״, ליגט אַן אוצר פון יידישער שאַפונג, אַן אוצר פון יידישער מחשבה און געפיל און פון יידישער טראַגיק, דאָקומענטן פון פּיין, און מאָטיוון פון האָפע־נונג — — —

דאָס הונדערטסטע בוך „די לעצ־טע פון אַ גרויסן דור״ זענען אַכט מאָנאָגראַפיעס פון באַרימטע יידישע פאַמיליעס אין פּוילן, טורקאָוו דער־ציילט זייער געשיכטע, פונאַנדער־וווּקס, זייער רייך ווערן און באַרימט ווערן, ער דערציילט אויפן סמך פון זיין אייגענער באַקאַנטשאַפט מיט אַ גרויסן טייל פון די משפחה־מיטגלידער וואָס יעדער איינער פון זיי איז אַ געשיכטע פאַר זיך און מערסטנס אַ טראַגישע גע־שיכטע מיט אַ טראַגיש־פינאַל.

ס׳איז אַ צוגעפּאַסט בוך צום אָפּ־שלוס הונדערט־ביכער פון „דאָס פּוילישע יידנטום״. פאַראַן דאָרט אַטמאָספער פון יידיש־פּוילישער טראַדיציע, יידיש־פּוילישע ־ סביבה, עשירות און פאַרבענקטער אומעט.

ס׳איז אַ בוך פון סיום, אָבער זי־כער אויך דאָס בוך, וואָס עפנט אַ נייעם בראשית אין דער ביכער סע־ריע פון פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום״.

און ס׳האָט שוין ווער געזאָגט, אַז דער פאַרלאַג האָט פאַראייביקט בוע־נאָס איירעס אויף דער רשימה פון יענע בתי־ספרים־שטעט ווי פּיאָטר־קאָוו, ווילנע, אַמסטערדאַם.

מ. שענדעריי שרייבט וועגן די ערשטע הונדערט ביכער פון דער סע־ריע אין זיין אַרטיקל „אַ דענקמאָל פון גייסט״ („די אידישע צייטונג״, בוענאָס איירעס, 23טער אויגוסט, 1954):

ווי־זשע מאַכט מען פאַרט, אַז דער אָנדענק פון דעם אונטערגעגאַנגע־נעם יידישן צענטער אין מזרח־איי־ראָפּע זאָל נישט אויסגעמעקט ווערן פון דעם געדעכעניש פון פאָלק יש־ראל?

האָט מען זיך לכתחילה ביי אונדז אַ וואָרף געטון צו שטיין און ציגל: מאָנומענטן אין וואַרשע גופא, אין פּאַריז, אויף אַ סך, גאָר אַ סך יידי־שע בית־עלמינס, אויך ביי אונדז אין בוענאָס איירעס.

איז עס אַוודאי נישט איבעריק געוועזן פאַר אונדזער דור, וואָס האָט אַליין מיטגעלעבט די גרויסע טראַ־געדיע, זענען די מאָנומענטן אַ מי־

נע „כותל־מערבים״, וווהין מען קומט זיך אויסוויינען און אויסבענקען. דערמאָנען דאָס פאַרגאַנגענע און די פאַרשניטענע. פאַר די קומענדיקע דורות וועט עס דינען ווי אָן אָנ־דענק, אַז עס איז אַמאָל געווען אַ ייִדישער צענטער און אַ צענטער פון ייִדישקייט אין מזרח־אייראָפּע, און אַז אָט דער צענטער איז מיט אומ־מענטשלעכער טייוולאָנישער ברוטאַ־ליטעט אומגעבראַכט געוואָרן.

וועלן אונדזערע קינדער און קינדס קינדער וויסן, אַז עס איז אַמאָל געווען אַ מזרח־אייראָפּעיִש ייִדנטום. אָבער ווי אַזוי וועלן זיי פון די אַלע מאָנומענטן צוזאַמען קענען אָפּלערנען און זיך דערקונדיקן וואָס ער איז געווען, וואָס ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט?

אויף דער פראַגע וועלן די דענק־זיילן פון שטיין און ציגל קיין ענט־פער נישט געבן. אַפילו די צאָלריי־כע חורבן־ליטעראַטור וועט נישט קענען באַענטפערן אָט די פראַגע. זי איז דאָך פאַרנומען בעיקר מיט שילדערן דעם אונטערגאַנג, זי גיט זיך אַמאָל אָפּ מער מיט די אכזריות פון די רוצחים, ווי מיט פאַראייביקן דעם מהות פון די קרבנות.

פון גאַנץ אַנדערן פאַרנעם איז די סעריע „דאָס פוילישע ייִדנטום״, פאַרטראַכט און רעדאַגירט פון מאַרק טורקאָוו, רעאַליזירט און אָנגעפירט פון אברהם מיטלבערג, פאַטראָני־זירט און געשטיצט פון פוילישן ייִדישן פאַרבאַנד אין אַרגענטינע. אין

דער סעריע, אין די ערשטע ביכער אירע, איז פאַראַן נישט נאָר חורבן־ליטעראַטור, נאָר אויך שטודיומס פון ערב־חורבן און, בעיקר, אַ סך פאַר־צייכענונגען און קינסטלערישע מאָ־לעריי פון דעם לעבן, וואָס איז פאַר־שניטן געוואָרן.

צעטיילן מיר די הונדערט ביכער, וואָס זענען ביז היינט דערשינען פון אָט דעם שטאַנדפּונקט אַרויס, באַ־קומט זיך אַזאַ מין בילד: וועגן לעבן פון דעם מזרח־אייראָפּעיִשן ישוב: 54 ביכער, שטודיומס איבער ערב־חורבן — 3, אונטערגאַנג און חורבן 37, און 6 ביכער וואָס זענען אַן אָנ־

זאָג אויף אַ נייעם ייִדישן לעבן, וואָס גייט אויף מיט די שיריים, מיט דער ירושה, מיט די אָנשטרענגונגען, און מיטן גייסט פון דעם אונטערגעגאַנגענעם ייִדישן צענטער אין מזרח־אייראָפּע.

דער תלמוד זאָגט, אַז ווער עס חזרט איבער זיין לערנען הונדערט מאָל, קען נישט זיין זיכער אַז ער וועט עס נישט פאַרגעסן; קוים אָבער האָט ער איבערגעחזרט הונדערט מיט איין מאָל, וועט ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן זיין לערנען. וואָסזשע איז דער מער מיט דעם הונדערט ערשטן מאָל? פּשוט: אויב מען האָט בלויז בדעה דערגיין ביז אַ געוויסער צאָל — הונדערט, לאָמיר זאָגן, און דאַן פּטור אַן עסק, הייסט עס אָפּגעקומען, און פון אָפּקומענישן קומט זעלטן וועמען אַרויס גוטס; האָט מען אָבער פאַרענדיקט איין סעריע און מען הייבט אָן אַ צווייטע, איז עס אַ באַווייז פון שטענדיקער טעטיקייט און דאָס איז אַן אָנזאָג אויף אַ ווייטגייענדיקער פאָרזעצונג.

וואָלט די סעריע זיך באַגרענעצט בלויז אויפן לעבן און אונטערגאַנג פון מזרח־אייראָפּעישן ייִדנטום, וואָלט עס געווען אָפּגעטון... קוים אָבער האָט זי שוין פאַר איינוועגס איינגעשלאָסן דעם אויפבוי־פּראָצעס פון נייעם ייִדישן לעבן אין ישראל, מיינט עס המשך. הייסט עס „יזרח השמש ובא השמש“, זונען שיינען אויף, זונען פאַרגייען, בכדי ווידער אַמאָל אויפצושיינען; הייסט עס אייביקייטס־קאַראַהאָד, און דאָס איז אפשר דער סוד פון אונדזער קיום אומעטום און אַלעמאָל.

און ווען אין דעם בוך נומער הונדערט ווערן אַנונסירט נייע צען ביכער, וואָס וועלן דערשיינען אַלס די ערשטע סעריע פון דעם צווייטן הונדערט, איז עס אַ מין מאָדערנע אויפלאַגע פון דעם אור־אַלטן ייִדישן מנהג צו פאַרענדיקן דאָס לייענען די תורה אום שמחת־תורה מיט „לעיני כל ישראל“ און גלייך אָנהייבן פון בראשית, ווייל עס איז נישטאָ ביי ייִדן קיין אָפּלערנען, קיין אָפּענדיקן. עס איז אַ כסדרדיקע קייט פון שאַפן, פון לערנען.

און דאָס מערקווירדיקע דערביי איז וואָס די דאָזיקע נייע סעריע האָט אין איר ערשטן צענדליק ביכער בלויז איין בוך וועגן דעם אומקום: „אַרישע פּאַפּירן“. די אַנדערע ניין באַשטייען פון זכרונות פון באַשרייבונגען פון ווייטן און נאָענטן אַמאָל, און אַריינוועבנדיק דעם פאָדעם פון דעם עבר אין דעם געוועב פון דעם עתיד, שטעלן מיר אויף דעם פאַרשוווּנדענעם ישוב און דעם אונטערגעגאַנגענעם צענטער אַ דענקמאָל אין אונדזער גייסט, פון וואַנען ער וועט אַריבערגעטראָגן ווערן צו

די צוקונפטיקע דורות, וואָס וועלן וויסן ווער און וואָס זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס זענען געווען.

עס איז דערפאַר וואָס מען קען באַטראַכטן פאַר זייער צוגעפּאַסט די טעמע פאַרן בוך נומער הונדערט, געשריבן פון מאַרק טורקאָוו: „די לעצטע פון אַ גרויסן דור״.

טורקאָוו האָט באַשריבן נאָר די פאַמיליעס מיט וועלכע ער האָט גע־האַט פּערזענלעכע און דירעקטע קאָנטאַקטן, אַזוי אַז דאָס בוך אָטעמט מיט לעבעדיקן אינטערעס, נישט מיט טויט־קאַלטע באַטראַכטונגען. אין די בלעטער פון דעם בוך פלאַ־טערט אַן אָנגעשטרענגט לעבן און געראַנגל נאָך נייע פאַרמען, אויפן שייד־וועג פון זוכענישן און בלאָנ־דזשענישן, וואָס דערגייען, צום באַ־דויערן, צו אָפט, ביז צו אינגאַנצן פאַרבלאָנדזשעט ווערן.

פון די אַכט משפחות, וואָס די מאָנאָגראַפיעס באַהאַנדלען פאַרענ־דיקן דריי מיט שמד: אייגער, טעפּ־ליץ, בערגמאַן; איינע מיט עקסט־רעמער אַסימילאַציע — וואַוועלבערג, צוויי געהערן צו דער סאַמאַראָדנער יידישער מאַסע; זיידענבייטל און ציטלין, און זענען דערפאַר נישט געשטאַנען אין סכנה פון דערוויי־טערן זיך פון יידישקייט; בלויז צוויי, וואָס האָבן יאָ געהאַט די מעגלעכ־קייט אַרויס פון כלל, האָבן עס נישט געטון פון זייער אייגענעם גוטן ווילן און געבליבן ביי יידישקייט — דאַ־ווידזאָן און שערעשעווסקי.

די לעבעדיקע, אָטעם־פאַרכאַפּנדי־קע דערציילונגס - פאָרעם פון מאַרק טורקאָוו גיט אויך בדרך אגב איבער אַן איבעריקע גריבלענישן דעם שליסל צו אָט דער מאָדנער דער־שיינונג: מען זעט קלאָר וואָס עס דערהאַלט און וואָס עס דערווייטערט פון יידישקייט.

תורה און צדקות קענען נישט אָ־לעמאָל אויסהיטן פון דערווייטערונג. דאָס אייניקל פון גרויסן רב און צדיק ר׳ עקיבא אייגער האָט זיך געשמדט, פּונקט ווי דאָס אייניקל פון דעם בעל־טאַקסע און נישט אי־בעריקן למדן טעוועלע טעפּליץ...

אויב עס איז פאַראַ עפּעס וואָס דערהאַלט ביי יידישקייט און קען העלפן ביישטיין אַפילו די לאָקנ־דיקסטע אָנרעגונגען פון גרויס עשירות, איז עס פאָלקסטימלעכקייט: „איז נח דאַווידזאָן, נישט געקוקט אויף זיין רייכן און יחוסדיקן אָפּ־שטאַם, נישט געקוקט אויף זיין אַ־קאַדעמישער בילדונג, אַ יידישער פאָלקסמענטש און ער אינטערעסירט זיך מיט אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט יידיש־שעפערישן לעבן״. אַזוי דערציילט אונדז מ. טורקאָוו. און אַ ביסל ווייטער: „דאָס אייגנאַרטיקע אין דער פּערזענלעכקייט פון רפאל

שערעשעווסקי איז געווען זיין אַב־סאָלוטע פאָלקסטימלעכקייט. נישט זיין גרויס פאַרמעגן, נישט די העכס־טע אַמטן, וואָס ער האָט פאַרנומען אין דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פוילן און אויך נישט די אָנגעזעענע פּאָזיציע אין דעם אַלגע־מיינעם מלוכהשן לעבן האָבן אים אויף אַ ווײַלע אָפּגעריסן פון זיין פאַראינטערעסירונג פאַר יידישע פאָלקס־אינטערעסן און פאַרן לעבן פון יידישן מאַסן־מענטש".

ווייל, און דאָס איז" דער פועל יו־צא, וואָס מען קען אַן איבעריקן מאָל באַשטעטיקן דורך מאַרק טורקאָווס בוך, יידישקייט איז נישט נאָר אַן ענין, וואָס דאַרף בלויז געלערנט ווערן. יידישקייט איז נישט קיין ענין, וועלכן עס גענוגנט בלויז צו גלויבן, יידישקייט דאַרף מען לעבן, אין פשוטסטן, נאָר פולסטן זין פון וואָרט, דאַן איז מען זיכער מיט יידישן המשך.

דאָס בוך פון מ. טורקאָוו איז אַ מין דערגענצונג צו אַנדערע ביכער פון דער סעריע, ווי: "פּערזענלעכ־קייטן" פון ב. סאָקאָלאָוו ז"ל, די מע־מואַרן פון ד"ר א. מוקדוני און אַנ־דערע, די מאָנאָגראַפיע איבער י. ל. פרץ, "טלאָמאַצקע 13" אאַז"וו. אַלע צוזאַמען גיבן זיי אַ פולזייטיק בילד פון דעם יידישן לעבן אין מזרח־איי־ראָפּע, פון די שטרעבונגען פון זיי־ערע גדולים, פון דעם פעסטן טראָט, סיי פון זיינע "שבת־יום־טובדיקע יידן" (פּ. ביזבערג), סיי פון זיינע "יידן פון אַ גאַנץ יאָר" (י. פערלע).

אָט דער אַספּעקט אָט דער בײַ־טראָג פון דער סעריע וועט דער־האַלטן אין אָנדענק פון פאָלק די צורה און דעם תוכן פון איינעם פון זיינע בעסטע טיילן וואָס איז אַזוי טראַגיש אומגעקומען.

צוזאַמען מיט די ביכער, וואָס באַהאַנדלען דאָקומענטאַל אָדער קינ־סטלעריש דעם אונטערגאַנג און אומקום, בילדן די ביכער פון די סעריעס "דאָס פוילישע יידנטום" אַ גייסטיקן מאָנומענט, צו וועלכן עס וועט לאַנג, לאַנג נישט פאַרוואָקסן ווערן דער שטעג אויף וועלכן דאָס פאָלק וועט גיין צו די הערלעכע זכרונות פון ווייטן אַמאָל.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 116

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA
Hecho el Depósito que marca la Ley

COPYRIGHT BY
MAX WEINREICH, New York

ESTE LIBRO TERMINOSE DE IMPRIMIR EL DIA 7 DE OCTUBRE DE 1955 EN LOS TALLERES GRAFICOS "ZLOTOPIORO HERMANOS", CALLE GASCON Nº 1231, BUENOS AIRES, REPUBLICA ARGENTINA.

MAX WEINREICH

A AMBOS LADOS DEL CERCO

(LA VIDA TORMENTOSA DE URI KOWNER)

Editado por
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA
BUENOS AIRES — 1955